STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06444

# TSVEY NOVELES MIT A SHMITS

Haim Goldenstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים גאָלדענשטיין

# צוויי נאָוועלעס מיט א שמיץ

הילע: סערדזשו דינקולעסקו

חיים גאָלדענשטיין

# צוויי נאָוועלעס מיט א שמייכל

אריינפיר איזאָ שאפּירא

פארלאג קריטעריאָן
בוקארעשט 1977

**איזאַ שאַפּירא**

# אותיות מחכימות

דער מאַמעס חלום איז מקוים געוואָרן. נפשל דערציילט מעשהלעך. פּאָרשיידענע מעשהלעך: פריילעכע און טרויעריקע, האַפּערדיקע און קאַש־מאַרישע...

די געכפּלטע סאַמעך — ס. ס. — די סטוּאַ־אחרא — ס. א. — האָבן געשטויסן מיט געקאָוועטע אָפּצאַסן, קעפּ אין בלעכענע, פּאָרבלוטיקטע שיסלען און זיי געצוואונגען לעקן דאָס אייגענע בלוט. אזא שפּילעכל...

נפשל פאַרלירט דעם נאָמען. אָבער נישט דעם געבוירנטאָג. מיר האָבן זיך שוין באַגעגנט מיט נפשלען אין ספר „צו פיל אין איין וואָן". נפשל — דאָס פרעכע יינגעלע — וואַקסט איבעראַל אויס, וואו מען האָט אים נישט פאַרזייט.

זיינע זיבן—, אַכט—, און ניינאונצוואַנציקער יאָרן רעכענען זיך נישט. דאָס לעבן הינטער שטעכל־דראָט איז קיין לעבן נישט.

נאָר דרייסיק יאָר איז אַ רונדע דאַטע, אַ יובל. האָט ער אַראָפּגע־וואָרפן די ליימענע לאַגער—בגדים און זיך אָנגעטאָן מיט רעוואָלט. פאַר אַ שפּרונג אין אַ נייער וועלט, אין אַן אַנדער לעבן.

אומדערוואַרט בייט זיך אַ נשמה, אַ נאָמען. ס'איז געשען אין לאַגער. נאָך פריער, אין דער היים, ווען עס פעלט זיך זיין ברודער. מוז ער, אַ פערצניעריקער, לייגן זיין נאַקעטן פוס אויפן טהרה־ברעט פון דער חליצה. האָט זיך דער נאָמען „נפשל" פאַרשעמט אָפּגעטראָגן.

דער אומרו איז פאַרבליבן. ציט ער זיך איבער לענדער און ימים, טאָלן און בערג, אַ פאַרוואָגלטער — מיט אַ ליכטיק שליחות.

יאָרן און טעג בייטן זיך. עס שלאָגט די שעה פון התבודדות. בלייבט ער שטיין אויף דער שוועל פון אומרו. פאַלן אויף די לאָדנס. הערט זיך דאָס געזאַנג פון פרייהייט: „איין לעבן האָט דער מענטש!"

...דער נוסח פון חיים גאָלדענשטיינס שפּראַך איז אייגנאַרטיק. טייל מאָל קנאַפּ און פּערלדיק, טייל מאָל צעשפּרייט ער זיך מיט אַ סך ריטשקע־לעך וואָס פאַרהאַלטן זיך ביי דער הויכער דעמבע פון דער רויטער בריק.

זיין לשון איז געקניפּט און געבונדן. געצאמט און באַווייכערט פון כוח—הדיבור.

זאפטיקע דיבורים אָנגעפּיקעוועט מיט היימישן לשון. מיט א שאַרף וועוטל, א פאַלקסטימלעכן פסוק.

דערביי נישט געאיילט זיך. אין ריטעם פון תהילים, אָן און אָפּשטעל למעלה — למטה...

אנטפלעקט זיך אן אייגענער מיין וואָס דערלאנגט א שמיץ דעם פּיקחות...

די מיניאַטורן פונעם „שמיץ" זענען א פאַרשפּאַן וואָס פירט אויין אין באהאלטענע געפילן. אין אינטימע געמאַכן. דאָ קריסטאַליזירן זיך די ליניעס און סטרוקטורן אין אויפבלי פונעם שפּראַך־בנין.

צווישן די שורות פינקלט חכמה. מיט א שמייכעלע, וואָס פאַרגלעט א ביטערן קנייטש.

מה נשתנה? וואָס איז דער אינטערשייד צווישן זומער-שפּרענקעלעך און בלוטס־טראָפּן.

אין דער אמתן זענען זומער-שפּרענקעלעך אומשולדיקער. זיי זענען נישט טריף און נישט פּסול.

א שטראַלעכל פון א טרער לאָזט איבער א שפּרענקעלע.

משהלע שטאַמט פון דער הגדה. מע האָט אים ארויסגעצויגן פונעם ברונעם.

נאָך פערציק יאָר וואַנדערן איבער בערג און ימים, דורך היצן און פרעסט, האָט ער נאָך נישט זוכה געווען אויסגעלייזט צו ווערן.

די יידישע אותיות ציען זיך איבער לאַנגע שורות, איבער אין-סופיקע גאַמעס פון בענקשאַפט און אומעט.

צו מאָל טאַנצן די אותיות א פריילעכס, א התלהבותדיקס.

אותיות, מיט א קורצן אָטעם, האַלטן זיך שטייף ארומגענומען, זיי זאָלן נישט אומפאַלן.

אותיות מיט א לאַנגן אָטעם. צעשפּרייטן, צעכראַסטען זיך איבער בורייטע פלאַכן — ווי אין פּסוק שטייט...

חיים גנב איז, צוליב ריוואַס שיינע אייגעלעך, געוואָרן א מענטש, מיט לייטן גלייך.

זי פירט אים אויפן גלייכן וועג, אויף גלייכע רעלסן, און פאַלט נישט אַראָפּ פון דער ליניע.

עס שווינדלט איר פאַר די אויגן, ווען רעלסן צווייען זיך, אָדער גאָר פירן זיך, זעקסן זיך...

מיסצעלאַנעען. א בוקעט פון זינד און מצוות. פון גוטס און שלעכטס ווי טאָג און נאכט.

ער וויל איבערקערן א וועלט און האָט זיך אָפגעטראָגן.

די מאמע פארצערוועט. מארעזשעט די זאָקן פונעם מעזיניק, מיט א קרעכץ און האָפענונג. און ווארט אויף א נס.

קאָן געמאָלט זיין. אז ווען א פּאָר בלימעלעך, וואָס פארשפּעטיקן געבורטסטאָג זאָל מען אויסהוילן די נשמה? מיתת נשיקה?

זיין שורש ציט זיך איבער יאָרהונדערטער פון יוסף בר נחש פעמון, וואָס איז געוואָרן כאָזע קאמפּאניליא, דערנאָך ווידערום נחש, און איצט רופט מען אים „נאש" וואָס איז עולה געווען צו דער עליה פון דירעקטאָר, ברענגט דער פּורמאָנאל דעם דירעקטאָר צו זיין געבורטסטאָג — יעדן פינפטן מאי, ניין א זייגער, מיט זעקס און צוואנציק מינוט, אינדערפרי — א קויש נעלקן אין דער געוויער צאָל פון זיינע יאָרן.

פּאסירט, חס וחלילה, אז די בלומען קומען נישט צו דער צייט, ווערן די יאָרן פארשניטן — אן אינפארקט, אָן א זיי געזונט...

טשיקאווע. איז ער דען געטרעכט יאָסל־ברוך. דער רימער? דאָס לערניינגל. כיריק, האָט ליב צו גראמען. נו, איז וואָס?

„ביי מיין באלעבאָס, איז דאָ, כ׳ווייס ניט וואָס,
מיט א גראָבן בויך, מיט א לאנגער נאָז,
און מיט א טשיריפּענטש־קל,
אז מע גיט א דריי,
איז עס א גלאָז טיי..."

שרייט יאָסל־ברוך, דער רימער:

— איז דאָס א שייגעץ, א חוזק-מאכער. אן עזותניק, א כל-בוניק...

— מע דארף אים ארויס— און ארייַנוואַרפן, טענהט דער רימער. גייט כיריק צום שוסטער לערנען א מלאכה.

א השגה פון א שוסטער. ער איז נייגעריק צו וויסן, ווי אזוי עס וועט אויסזען נאָך זיין טויט?

לאָזט ער ליגן ביים ברעג טייך זיינע זאכן, ווערט א געטומל: — דער שוסטער יאָסל־ברוך האָט זיך דערטראָנקען. דאָס גאנצע שטעטל האָט זיך פארזאמלט ביים טייך...

קריכט דער שוסטער ארויס פון זיין באהעלטעניש:

— אויב שוין יאָ אזא בכבודיקע לויה, ווי אזוי זאָל איך ניט זיין דערביי?

שמואל פון ביאליסטאָק, שיע פון דער רויטער בריק, האָבן איינגעמויערט אין דער סאהארא־וויסטעניש, צוזאמען מיט טינק און שטיינער, א טייל פון זייער נשמה.

בחומר ובלבנים — חיים און אפרים...
זייער נאָמען האָט פארטראָגן דער זאמדיקער ווינט...

ווייַן-טראָפּן עפענען דעם זכרון.

— דערמאָנסטו זיך אין ליליענבלומען? א קליין מענטשעלע, מיט גרויסע אויגן?

ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין מיטן וועג, זיך ארומגעקוקט, געזוכט — וואו ס'זאָל ניט זיין — זיינעם א פריינד, וואָס בלאָנקעט ארום צווישן מזרח און מערב, ביז ער האָט זיך אָנגעפונען... לחיים!

ס'איז טאקע קיין מאָל ניט געשען! א טעזע זאָל זיך פארוואנדלען אין איר אנטי־טעזע? למשל? באהיט אים פון פריינד... פון פיינט וועט ער זיך אליין היטן!

דער סדר־העולם איז קאפריזנע.

פאָרט א וועגעלע מיט א בויד. די בויד האָט א צודעק — יריעות פון ספרי־תורות אויסגעראבעוועטע.

— עס נע־ונדעוועט א קדיש, אָן א קבר, אָן א מצבה.

...קריכנדיק איבער די פירינייען, האָט מאָטל געטאָן א נדר, אז אי־בער די בערג וועט ער מער קיין מאָל ניט קלעטערן. צום סוף איז ער גע־וואָרן א פארטיזאנער — און איז ארייגעפאלן:

...אין קעלער. הינטער גראטעס. טראכט מאָ (מאָטל) צו קיראַ, נאָר מער צום קינד וואָס זי טראָגט.

קיראַ איז אוועק פון דער היים. זי וויל זיין נענטער צו אים.

עס שרעקט זי דער פעניקן־פויגל, וואָס לעבט אויף פון אייגענעם אש, אָבער מיט אָפּגעסמאלעטע פליגל.

...א סורפריז. מיט א פאָליציייאישער ווענטקע איז מאָ געכאפּט געוואָרן.

פיליגראמיש וועבט זיך א נעץ ארום מאָ און קירא. סכנות לויערן און באדראָען זיי.

קאָזשוך, דער קאָמיסאר און אויספאָרשער, שפּילט א נייע קאָרט, כדי זיך שפּעטער איינצואָרדענען.

האָפענונג און פרייד פינקלען און לעשן זיך...

...אויף דער שפּואַד־ליוונט — א הארבסט־פייסאזש, ווארעמע פארבן אָראנזש גאָלדעוועט זיך, רויטלט זיך ווארפט זיך איבער מיט געלס און אפילו מיט גרינס.

א פרישער טאָן, א דינער שטריך, שטערן־שטויב, חן־שפּרענקעלעך...

...דער דאָקטער שאלאָמאָן מיינט, אז מאָ האָט אים אויסגעגעבן.

אין דער תפיסה האָט מען אויך אויפגענומען דעם פּריש ארעסטירטן מאָ מיט פארדאכט. דאָס אורטייל פון צוואָנציק יאָר תפיסה העלפט נישט צו באזייטיקן דעם חשד.

— פאר וואָס? פאר ווען?
— ווי אזוי האָט ער זיך געלאָזט גיין אין שטאָנג?
— פון וואָס האָט ער גערעדט אין שלאָף?

— און זי, קירא. דווקא פארקערעוועט, וואו מע דארף נישט?
...אין תהום שפינט זיך א פאָדעם, פון פאָדעם א גארטל וואָס פירט ארויס אויף דער פריי, אין חלל, איבער שווארצע וואלקנס, וואו עס פינקלען רויטע שטערן.

...קאיאָר שפיגלט זיך אין גרוי.
דער זון ציילט שוין זעכצן יאָר.
מאָטל ווארפט זיך אין אנגסטן.
קירא האָרכט צום רואיקן אָטעם פון איר זון און צום אומרו פון מאָ. זיין אומרו שארפט די האק פון שרעק.
...נאָך דער באפרייאונג גראָבט טיפער דער חשד א מחיצה ארום מאָ, ווי ארום א קרעציקן, אן אָפגעזונדערטן.
...דערווייל האָבן מאָ און קירא געהאָלפן איבערבויען א וועלט. א וועלט — אן אויסגעמאטערטע און אויסגעהונגערטע, א חרובע און פארפייניקטע.

ווען דער בית־דין האָט זיך גענומען ארומקוקן אין די אייגענע רייען, זוכן פגימות, האָט מען אויך דעם כשרן מאָטל אָנגעהויבן טוייבערן. א קשיא אויף א מעשה — פאר וואָס? און ווי אזוי קאָן מאָ דערווייזן, אז ס׳איז נישט אמת? בלייבט דער חשד. און א חשד איז א מום אויפן גאנצן לעבן.
אונטער א פאלשן אלארם. אויף א קאלטער זון, ווערט מאָ פארפרוירן. מע האָט אים אויסגעמיטן און באזייטיקט.
...אותיות באפארבן זיך מיט נקודות.

פינטעלעך, פיקאנטע, נעמען ארום צניעותדיקע שטייבעלעך, אונטער א הימל פון פסיכישע און סאָציאלע ראנגלענישן.
...מאָ׳ס שטערן האָט זיך פארלאָשן, א שווארצער, קאלטער הימל הענגט איבער אים.
קיראן איז אלץ דערווידער. זי האָט עס מער נישט געקאָנט איבערטראָגן.
אירע עלטערן זענען אומגעקומען אין די גאז־קאמערן.
קירא איז אומגעקומען — א קרבן אויפן אייגענעם מזבח.
אויף איר קבר צאנקט א ליכטל...
אותיות מחכימות — „ס׳איז קיין מאָל ניט געשען״.
הלואי...
...אותיות לאָזן זיך אין קאראהאָד.

טעג יאָגן זיך מיט דער צייט, קרייזן ארום די טונקעלע האָריזאָנטן פון עמק־הבכה...
באווייזט זיך די אלטע היים, מיט די קרומע געסעלעך...

וואָס קאָן זיין היימישער און װאַרעמער?
טאַטע־מאַמע שמייכלען אין זייער אייביקער רו...

...דאָס בוך באַשטייט פון דריי טיילן:

1) „ס׳איז קיין מאָל ניט געשען..."

2) „נפשל פאַרלירט זיך נאָמען"

3) „זומערשפּרענקעלעך און בלוטסטראָפּן"

די טיילן דערגאַנצן זיך און פאַרגאַנצן דעם טאַלאַנט פונעם אינטע־רעסאַנטן דערציילער חיים גאָלדענשטיין.

**נאָוועמבער** 1975

# ס'איז קיין מאָל נישט געשען...

(כמעט אַ ראָמאַן)

זעלטן געשעט אַז אַ באַגעגעניש פֿון פֿיר מענטשן — צו וועלכן ס'האָבן זיך געגרייט נאָך דריי — אין דער זעלבער צייט און אויף דעם זעלבן פּלאַץ, זאָל זיך אַזוי טיף אויסווירקן אויף זייער ווייטערדיקן גורל.

זאָגט מען גורל, וואָיען וועלף, בלאָזט אַ זאַווערוכע, שפּרינגען שוואַרצע קעץ, קרייען ווילדע הענער. אין דער צייט פֿון זייער באַגעגעניש איז קיין זאַווערוכע ניט געווען, ציגיינער וואַנדערער זענען מיט גע־דעקטע ביידלעך ניט פֿאַרבייגעפֿאָרן, קיין שוואַרצע קאַץ איז דעם וועג ניט אַריבערגעלאָפֿן, קיין רויטער האָן האָט ניט געקרייעט, אין לינקן אויער האָט ניט געקלונגען, דאָס רעכטע אויגן-לעפֿל האָט ניט געציטערט. גאָרניט... ס'איז אַפֿילו ניט געשען אין קיין פֿינצטערער נאַכט אין וועלכער ס'זאָלן געווען בלאָזן בייזע ווינטן, און ניט אין אַ מאָנטיק ווען דאָס אויסשיילן דעם הימל פֿון ים האָט אַזוי איבעראַשט דעם באַשעפֿער, אַז ער האָט גאָר ניט באַמערקט, צי ס'איז גוט אָדער שלעכט ווי אין די איבעריקע טעג. באַצויבערט פֿון די צוויי אומענדלעכע בלויקייטן האָט ער פֿאַרגעסן דעם „כי טוב" מיט וועלכן ער האָט זיך געקוויקט אין די אַנדערע טעג. דערפֿאַר שוועבט, ווייזט אויס, איבער דעם צווייטן טאָג פֿון וואָך אַ ניטזיכערקייט עפּעס צווישן יאָ און ניין, אַפֿשר דערפֿאַר טראָגט אין זיך אָט דער טאָג אַ פּגימה אַזאַ וואָס רופֿט צו תּענית. איז עס אָבער, ווי געזאָגט, ניט געשען אין קיין מאָנטיק, נאָר אין אַ פּשוטן מיטוואָך, אין די ערשטע חדשים פֿון יענעם יאָר וואָס האָט באַקומען אַ באַזונדערן פֿאַרמעסט, אַ באַזונדערע משמעות ווייל ס'איז געווען אַ צוויי מאָל פּאָרעוודיקס, און זיך גערופֿן דאָס פֿיראונפֿערציקסטע.

אין איינעם אזא מיטוואָך, כּינף אזייגער מיט זיבעצן מינוט נאָך מיטאָג, ווען דער זון האָט זיך פארגלוסט א שפּיל טאָן און באַזוימען מיט זילבער די פּאָר אָרעמע כמארעלעך אויף דעם טונקל-בלויען הימל, זענען זיי אלע פיר געווען אויפן פּלאַץ, וואָס האָט דעמלט געטראָגן דעם נאָמען „פּיאצא אוניריי" — נאָך דעם א צייט אַן אנדערן, און היינט ווידער דעם זעלבן — כּאָטש יעדער איינער פון זיי דאָט זיך געגרייט אין וועג אַריין, אין אן אנדערער שעה, אָדער איבערהויפּט ניט געטראַכט צי אין דעם מאָמענט וועט ער מוזן, אָדער קאָנען זיין אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ. א פאקט איז אז אלע פיר האָבן זיך דאָרט געפונען אין דער זעלבער צייט — ווער א מינוט, ווער מער — און האָבן ניט געוואוסט און ניט געטראַכט אז דאָס איז דער אָנהויב פון א שרעקלעך פארפלעכטן זייערע, ביז דעמלט, אויף אַנדערע וועגן, פארפּלאָנטערטע מזלות. זיי האָבן אויך ניט געטראַכט, אז ווייַ און פּיין און גליווער האָבן ביז דעמלט ניט איין מאָל געשפּאַנט איבער אָט דעם פּלאַץ, כּאָטש דשאָרדאנאָ ברונאָ האָט מען ניט דאָ פארברענט.

# 1

מאָ איז ארויסגעקראָכן פון אלקער אויף אַלע פיר, זון צום טויזנטסטן מאָל א טראכט געטאָן אז אין אזא לאנגער צייט האָט מען געקאָנט א ביסעלע אויסברייטערן דעם אריינגאנג, דאָס וואָס ס'וואָלט געווען נויטיק אויך צוליב „טאקטישע" סיבות. שוין א פּאָר שעה אז דער שלאָף האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. אין קאָפּ האָבן זיך געדרייט די אין די לעצטע טעג אָנגעזאמלטע אינפאָרמאציעס. די אויסשפּירער האָבן צואוויסן געגעבן וועגן מאסיווע קאָנצענטרירונגען פון בערג־יעגער און זשאנדארמעריע-אָפּטיילונגען אין דער געגנט. ס'האָט מער קיין ספק ניט געקאָנט זיין, אז זיי האָבן באשטימט ליקווידירן די באזע. אין די באדינגונגען פון זיך דערנענטערנדיקן פראָנט איז די אָנוועזנקייט פון א פארטיזאנער־איינהייט — א ניט זייער צאָלרייכע, אָבער זייער באוועגלעכע פלי-אָפּטיילונג — געוואָרן געפערלעכער. פלענער ווי אזוי אָפּצושטויסן דעם שונא'ס אָן אָנגריף אָדער אויף וואָס פאַר אן אופן זיך דורכרייסן, זענען אויסגעארבעט געוואָרן אין פארשידענע וואריאנטן, ביז דעם לעצטן דעטאל. יעדער פון זיי איז אים געווען קלאָר. ער האָט געקענט די בערג, דעם וואלד, די טונקעלע טאָלן און פארבאָרגענע היילן, צו וועלכע דער שונא האָט ניט געהאט קיין צוגאנג.

ס'האָט אויסגעזען אז אלץ ביז דעם מינדסטן פרט, האָט מען גענומען אין באטראכט. ניט פאָראויסגעזען איז געווען נאָר די שווערקייט וואָס האָט געדריקט אויפן געמיט. אין טאָל האָט זיך געבלייכט דער מאָרגנשטערן, דער גרויסער בער האָט זיך אויסגעלאָשן און איבערגעקערטער. אמאָל פלעגט מען אין דער צייט אויפפענטען די פערד. זאטע פון פאשען א גאנצע נאכט פלעגן זיי זיך באלעווען, פריידיק אונטערשפרינגען, צוהירזשענדיק דעם זיך אָנהויבנדיקן טאָג. ליגקס צווישן שווארצע קוסטעס ניורען זיך איינס אין צווייטן גלי־ווערעמלעך, נעמען אָפשייד פון אין דער נאכט גע־שפינטע חלומות, זעען אויס ווי הונגעריקע ישיבה־בחורים אויף א הארטער באנק אין בית—המדרש, מיט א ניגון אויפן אָרט פון וועטשערע, בענקט זיך נאָך דעם מיט דבקות אויסגעשאָקלטן:

וואָס טויג מיר צו זאָרגן,
וואָס ס'וועט זיין מאָרגן...
בעסער פארדעכטן
וואָס קאליע געמאכט נעכטן,

פלאמט אויף א לעצט מאָל זייער מאט ליכט, דערמאָנט אין שייגעצל, וואָס פלעגט זיצן נעבן אויסגעלאָשענעם פייער, עפּעס זוכן אין פריסיק־בערגל מיט טליענדיקע אויגעלעך, ווי דער אָפשיין פון אין מדבריות ברענעדיקן סנה (א וואָרט וואָס מלמדים פלעגן טייטשן מיט דאָרן) און ס'האָט זיך געדאכט, אז אין ווינע אייגעלעך ברענט א מאָדנע נביאה, א פייערל וואָס פליסט לגבי פנים, טליעט אויף אינעווייניק און מ'קאָן ניט דערגיין, צי איז דאָס פייערל א שעמעוודיקס, אָדער גאָר א פארשעמטס. פון טאָל בלאָזט מיט אומרו. כמעט דער זעלבער אומרו און די זעלבע נאכט, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק. דעמלט איז ער געווען יינגער מיט גאנצע זיבן יאָר. אויך דעמלט איז ער געגאנגען פרייוויליק, געפילט אז עפּעס דראָט דער וועלט, גע־וואוסט אז די וועלט איז זיינע, איז ער אוועק אהין וואו ס'האָט זיך אים געדאכט אז מ'קאָן אָפּשטעלן די דראָאונג. ניט דריי טעג פריער, ווען ער האָט געזאָגט אז ער גייט, האָט טאניע אויסגערופן: „ביסט משוגע! ס'איז דאָך א פארלוירענע שלאכט, א פארשפילטע מלחמה!“ פון שרעק אין די אויגן, פון בלאסן געזיכט, פון ציטער אין קול האָט ער דערהערט ניט אזוי מוטערלעכע זאָרג ווי דעם אומרו פון א געליבטער און זיך געוואונדערט: איז עס מעגלעך אז אָט די הויכע, שלאנקע, ווארעמע פרוי זאָל אין אים זען מער ווי א דערוואקסן קינד? דריי חדשים ווארטן אויף א נס, אָפּלייגן פון איין טאָג אויפן צווייטן, נע־ונדעווען ביז שפּעט אין דער נאכט, ווען

איבער פרעמדע גאסן באווייזן זיך די איינציק היימישע — ווייל אלוועלטלעכע — שטארק געפארבטע פרויען מיט א מידן „טי וויען שערי“ האָבן זיך לעפיש צעוואלגערט פאר אים. ווי קלאָרע שטערנדלעך שיינען די פארבראכטע האלבע אָדער פערטל שעהען אין צימערל פון דער שניידערקע, וואוהין ער פלעגט אריינקומען זיך אויסרוען, זיצן און שווייגן אין זיין אמאָליקער היים. טאניע האָט אים שטענדיק אויפגענומען מיט א בלייכן שמייכל פון אָנבלוטיקע ליפן, איבער צוויי שורות גלאנציקע ציין. אצינד שמייכלט זי ניט. אין איר קול ציטערט אומרו. „איז עס מעגלעך, אז זי זאָל אין מיר זען מער ווי א ניט דערוואקסן קינד?“ דער געדאנק איז געפאָרן מיט אים א נאכט אין דער באן, אים באגלייט איבער די געסלעך פון פערפיניאן אָדער קארקאסאָן... ס'וויל זיך א קוק טאָן אויף א מאפע פון יענע קאנטן, ס'דאכט זיך אים, אז דאָס וויכטיקסטע וואָס ער וואָלט געדארפט וויסן אצינד, ווען ס'דערנענטערט זיך די שלאכט איז, צי איז עס געווען פערפיניאן אָדער קארקאסאָן? ער הערט די טריט איבער שמאָלע בריקלעך, צו רוישיקע אין דער פינצטערניש, וואָס האָט אויסגעפילט די ענגע טאָלן, זיי וועקן די גרענעץ וואך. ציט א ששש פון איינעם צום צווייטן, גיסט זיך פון אים שווארצקייט ווי פון א טינטנפיש, א שווארצקייט אין וועלכן מ'גילט זיך זיכערער.

אין יענער נאכט איז זיין טאטע מיט אים געקראָכן איבער די בערג. אויך דעמלט האָט ער זיך אויסבאהאלטן צווישן די ביימער ווי איצט. דעמלט האָט ער ניט גערעדט. שווער געאָטעמט קריכנדיק איבער די פירייניען, פון צייט צו צייט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום טאָל, געזוכט די פארלוירענע כוחות, אָט אזוי ווי עס טוען אלע בערג-קלעטערער און אפשר געטראכט צום נדר, אז איבער די בערג זאָל ער קיין מאָל מער ניט קלעטערן. אין טאָל האָבן געפינקלט שיטער צעוואָרפענע ליכטלעך אין די דערפער, וואָס ארום די געדיכט שימערנדיקע פון קארקאסאָן, דאָרט וואו עס געפינט זיך אן אלטע רוימישע פעסטונג. א משונהדיק געפיל האָט ביי אים ארויסגערופן די פעסטונג. אנדערע האָבן באוואונדערט די גייסטערשאפט, די דויערהאפטיקייט, ער האָט געפילט א מין לחיצה, זין און באשטימטן דרוק, ס'האָט זיך אים געדאכט אז דער מערטל, די בינדונג פאר די געוואלדיקע שטיינער, איז געמישט מיט באקאנטן שווייס, און פארשטאנען אז ניט די רוימישע שטארקייט נאָר די אייגענע שוואכקייט קוועטשט אזוי אומברחמנותדיק אויף דער נשמה. איצט ווייסט ער באשייד. יאָ, ס'איז געווען קארקאסאָן, דאָס שטעטל ניט דער אלטער רוים שער

פעסטונג. די פעסטשטעלונג באַרואיקט אים, גלייך ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערן עול פון קאָפּ. מאָ האָט אַ קוק געטאָן אויף די פאָספאָר־ווייזערס, זיך דערמאָנט אַז דאָרט אין טאָל איז די שיין פון די שטערן נאָך העל, דאָרט איז די נאַכט לענגער. דאָ אויף די בערג־שפּיצן גייט די זון אויף פריער. דאָס באַגינציקט דעם פּיינט. איינגעהילט אין פרימאָרגן־שאָטנס פון טאָל איז דעם שונא לייכטער זיך אומבאַמערקט צו דערנענטערן צו דער באַזע.

„ס'איז צייט צו וועקן דעם עולם".

כּון אַלקער דערטראָגט זיך צו אים אַ קרעכץ. „דאָס איז קאָסטיאַ. דער ריזומאַטיזם מוטשעט אים. ער צעפּירט שווער די ביינער. היינט וועט ער זיך מוזן פלינקער באַוועגן... פאַר וואָס היינט?" פרעגט זיך מאָטל און די פראַגע קומט אים אויס פריקרע. מיט קאָסטיאַן האָט ער זיך געחברט מער ווי מיט אַנדערע. אַ באַרעדעוודיקער, געפּינט איעדער אין אים עפּעס אייגנס. „אָנגענעם אָפּטימיסטיש איז זיין פלאַפּלען... היינט וועט אים אויסקומען שווער... פאַר וואָס דווקא היינט?" פרעגט ער זיך נאָך אַ מאָל מיט דער האָפענונג אַז די פראַגע קאָן זיין אַ סגולה, אַז זי קאָן אפשר גורם זיין אָפּצולייגן דעם צוזאַמענשטויס.

„וואָס טויגן די חכמות? מיט קינדערישער ליסטיקייט וועסטו גאָרניט אָפּלייגן. ס'איז אויף היינט". דאָס איז דער טאַטע מיט זיין שטענדיקער איראָניע. אין די לעצטע טעג הערט מאָטל אָפט דעם טאַטנס וואָרענונגען און יעדעס מאָל קומען זיי אַזוי זומגעריכט, אַז ער הויבט אָן זוכן, פון וואַנען דאָס קול נעמט זיך. „הער נאָר הער, קאָסטיאַס גורל מוטשעט אים!"

די רעגנס, דאָס ליגן אויף דער פייכטער ערד האָבן קאָסטיאַן נאָך מער געפּענטעט. אין אַזאַ צושטאַנד איז שווער זיך צו שלייכן פון איין בוים צום אַנדערן, זיך אַ שפּיל טאָן, ווי קאָסטיאַ האָט ליב, מיט פיינטלעכע סנייפּערס.

„אַ שווערע נאַגרוזקע אויף זיך גענומען, מאָטל", הערט זיך דעם טאַטנס מורמל. דאָס מאָל קומט ער פון צווישן די גלטע יאָלקעס, אָנגעטוענע מיט אַ געדיכט געוועב פון קלעטער־פלאַנצן, אַ פלאַץ פאַר שרעטעלעך מיט גרינע קאָלפּעקלעך.* דעם טאַטנס אריינמישן זיך באַאומרואיקט מאָטלען, נאָך מער זיין אָנוועזנקייט, ווייל ס'האָט אין זיך עפּעס

* קאָלפּעקל, שפּיציק היטעלע.

אזעלכעס וואָס סטראַשעט. זיין אופן מורמלען ווארפט אָן א מרה שחורה, דער טאָן איז ניט דער געוויינטלעכער, ער איז אן איבהדיקער.

„ביסט זיך טועה, זאָגט ער, כ'האָב קיין מאָל ניט געזאָגט ניין. כ'האָב דיך נאָר געוואָלט וואָרענען, כ'האָב ניט מער ווי געפרעגט צי דו פילסט זיך בכוח צו נעמען אויף זיך דאָס אחריות".

„ס'איז אן אנדער אופן פון אָפּרעדן. כ'ווייס נאָר ניט צי דערפאַר, ווייל דו ווייסט מיך, דיין זון, שאַנעווען, אָדער גאָר מחמת פּחדנות". מען האָט חרטה. זיין טאַטע איז קיין מאָל ניט געווען קיין פּחדן. פאַרקערט. ער האָט אים באַליידיקט און וואָלט געדאַרפט בעטן מחילה. ווייל אָבער דער טאַטע זיינער ניט אַרויסקומען פון געדיכטן געוויקס. ער זיצט דאָרט אָנגעטאָן יום-טוב דיק ווי אין א סוכה און קוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן. ער איז גרייט צו פירן פון דאָרט דעם שמועס. מען האָט אָבער קיין צייט ניט זיך צו אַמפּערן, זיך אַציִנד אַריינלאָזן אין א לאַנגן פאַרפּלאָנטערטן שמועס. אָבער שווייגן קאָן ער אויך ניט.

„דיינע וואָרענונגען, דיין ניט פּרוכטבאַרע איראָניע האָבן צוגעגעסן", זאָגט ער און עס טוט אים ווידער באַנג. געוואָלט שלום און רעדן רעדט ער קריגעריש.

„זאָל זיין אזוי. אין א יום-כיפּור-טאָג וועל איך דיך ניט רוגזן".

„וואָס גאָר פּלוצים יום-כּפּור? באַשולדיקסט, הייסט עס, אין אַריינמישן זיך אין גורל פון אנדערע?"

„איזהו גבור, הכובש את יצרו"*. עס דערמאָנט אין זומערדיקע שבתים און מאָ פילט א ניט פאַרשטענדלעכע בענקשאַפט נאָך יענער בודנער צום האַרצן שלאָגנדיקער שטילקייט און רואיקייט. "דער יצר הרע צו קאָמאַנדעווען מיט אנדערע", דערגענצט דער פאָטער זיין געדאַנק. דער פּירוש איז א שרעקלעך אויפריכטיקער. דער טאַטע האָט אויף א רגע אַראָפּגעוואָרפן דעם שלייער, מיט וועלכן ער הילט זיין אייגענעם טרויער. מען האָט דאָס ניט באַמערקט. אים דאַכט זיך נאָך אַלץ אז דער טאַטע חוזקט, ווייל זיך ענטפערן שקאָציש, אָפּפאָרעריש כאַפּט ער זיך, אז ס'איז ניט די געוויינטלעכע איראָניע, אז פון צווישן די בוימער שפּאַרט גאָר פּאָטערלעכע זאָרג.

„טאַטע, דאָ בלייבן איז געפערלעך, גיי טאַטעשי, כ'בעט דיך, גיי אין דיין רו, אין דיין אייביקער רו".

---

* ווער איז א גבור. דער וואָס באַוועלטיקט די ליידנשאַפט.

ער וויל אויסשפּירן דעם ארום מיטן בינאָקל, דערכאַפּט זיך אַז ער איז אין באָבאכטונגס-פּאָסטן און קלעטערט אויף דער שטריק-לייטער. פון דאָ זעט מען די גאַנצע געגנט. אין טאָל גלאַנצן זילבערן באַגנעטן און אונטער זיי מאַט, ביקסן.

„יאָ ס'איז אויף היינט". ער וועקט דעם עולם. זיין שטימע איז א רואיקע, אים דאכט זיך אז זי קלינגט ווי אן אליארם-גלאָק, ווי קלויסטער גלעקער, ווען איבערן דאָרף זאמלען זיך שווערע כמארעס. „עס ווייזט אויס אז מ'וועט זיך מוזן דורכרייסן, אָנגרייפן די ערשטע אין איינעם פון די פונקטן וואו עס טרעפן זיך צוויי פארשידענע איינהייטן. אין אזא פלאַץ איז דער דורכברוך לייכטער. דאָס בעסטע וואָלט געווען דאָרט וואו עס טרעפט זיך א זשאַנדארמעריע אָפּטיילונג מיט איינער פון דער אַרמיי. זיי האָבן ניט ליב אויסצופילן די פאַראָרדנונגען פון צווייטן. אזא פונקט דארפן אויסגעפונען די אויסשפּירער. זיי זענען נאָך נישטאָ, זיי האָבן זיך נאָך ניט אומגעקערט פון זייער קאָמפּליצירטער מיסיע. מאָ זעט שוין אָט דעם שוואַרצן פונקט, פילט זייטיק פייער, שלעפּט מיט זיך א פארוואונדעטן, טראָגט אויפן רוקן א טויטן.

„א שווערער טאָג". ער ציילט אין געדאנק דאָס געווער, דעם עולם און פילט, אז עפּעס פעלט. ער ווייסט ניט פּינקטלעך וואָס, עפּעס אזעלכעס וואָס לאָזט א שפּאַלט אין דער קליינער פּארטיזאנער-איינהייט, א ריס דורך וועלכן עס דראָט זיך ארייננצורייסן א ניט געזעענער שונא. די שלאכט טויכט ווידער אויף א בלוטיקע. איצט ווייסט ער וואָס ס'פעלט. א דאָקטער. אפשר דער ריז וואָס איז א פּאָר מאָל געקומען באהאנדלען די קראנקע און געבראכט ידיעות פון שטאָט. איצט וואָלט מען אים געוו-דארפט האָבן ווי דאָס לעבן. מיט א דאָקטער פילט מען זיך זיכערער. ווען א דאָקטער איז דערביי שרעקט ניט אזוי די רויטע פליסיקייט. ס'איז ניט מער ווי בלוט, עס פארלירט פון סודותדיקייט, עס דאכט זיך אז מ'קאָן אויסקומען אָן דעם.

„יעדער איינער ווייסט זיין פּלאַץ, יעדער ווייסט וואו זיך אויסצובאהאלטן, אלץ איז פאָרויסגעזען", פּרואוווט ער זיך בארואיקן „פארוואונדעטע וועט מען ארויסטראָגן. טויטע... טויטע מוז מען אויך מיטנעמען. אזעלכער איז ער, דער פּארטיזאנער-קריג". זיך עמעצן פאָרשטעלן א טויטן איז גאָר שווער. ווען ס'איז געשען, האָט ער קוים שלום געמאכט מיטן געדאנק, אז ס'איז אויך אן אמת. אפשר ווייל ארום איז געשטאנען דעם טויטנס משפחה, אויסגעשטרעקטע ביקסן פון אָנפּניבדי-

קע סאָלדאטן האָבן געצילט אויף קינד און מאמע, צי אויף א בלאָ־אויגיקן טאטן.

ווען ס'הויבט אָן די שיסעריי, טראכט ער א רגע צו קיראן, און א ביסעלע מער צום קינד וואָס זי טראָגט. ער האָט דאָס קיין מאָל ניט געזען, קיין מאָל ניט געפילט אין די אָרעמס און כאָטש אזוי טראכט ער א רגע מער צום קינד, ווי צו קיראן. דער דאָקטער, דער ריז, איז איין מאָל געבליבן א טאָג און א נאכט אויף דער באזע. זיך צו פיל פארזעסן אין אָוונט צייט אויף זיך צו דערווייטערן אונטער דער שוץ פון נאכט איז ניט געבליבן, האָט ער געמוזט איבערנעכטיקן. דעמלט האָט ער אים געזאָגט אז קירא איז מעוברת. דער אופן פון זאָגן האָט אָפּגענומען די פרייד. ער האָט דאָס געזאָגט מיט דער זעלבער אומפארשטענדלעכקייט און מאָנאָטאָנקייט, מיט וועלכער ער פלעגט רעדן צו די קראנקע. ניט טרוקן, ניט ווייך, ניט הויך, ניט שטיל, ניט געשראָקן, ניט געטרייסט. א מאָדנע איינטאָניק פרעפלען, ווי א ווידערקול וואָס קנוילט זיך אין א פארשימלטן פאס. דערנאָך האָט מאָ געטראכט צו אן אומקלאָרער פאָרעם וואָס טראָגט זיין נאָמען אָדער צו זיך גופא א נאָך ניט געבוירענעם, זין איינגעגניורעטן אין דער וואָס טראָגט זיין ליבע.

די שיסעריי איז געוואָרן העפטיקער. ס'האָבן געשפּיגן מינעס און פלאמען-ווארפער, ס'האָבן אויסגעריסן גראנאטן, קוילנווארפער און אווטאָמאטן האָבן געשטעפּט, דער וואלד האָט געהילכט טרוקן. ווארפנדיק זיך אין אָפּגרונטן, קאטשענדיק זיך איבער סקאלעס, צווישן מיטן עכאָ פון שלאכט האָט זיך א טייל דורכגעריסן. געציילט האָט מען נאָר די אייגענע טויטע און פארוואונדעטע וועגן שונאס פארלוסטן וועט מען זיך שוין דערוויסן שפּעטער. זייער ווערט איז ניט קיין סטראטעגישער, ער איז ניט מער ווי נאָר א טאטע־מאַמעדיקער, ווייל נאָר פאר זיי בלייבט דער פארלוסט אן אייביקער.

ווען מאָ איז אנידערגעפאלן אן אויסגעשעפּטער האָבן פאר אים געשוועבט א רגע צוויי טליענדיקע אייגעלעך מיט דעם ברען לגבי פּנים, און ער האָט ניט געקאָנט דערגיין צי ברענען זיי אזוי מחמת עניוות צי גאָר פאר בושה.

## 2

אויף א ניט ברוקירטער פון פויערישע וועגענער צעאקערטער גאס, באגלייט פון א באוואָפנטן זעלנער, שלעפּט קירא איר שווערן בויך, דער

רעכטער יִשקראַב האָט פאַרבלאָנדזשעט אין א גרוב. זי האָט א שפּאַן געטאָן אין חלל און דאָס הארץ האָט א צאַפּל געטאָן. צי ווייל דער צאַפּל איז געווען א מיידלעשער, אָדער די פארב פון קישן, וואָס האָט פארשפּעטיקט אויף א גאַנעק, א באַקאַנטע, צי גאָר די גלייכגילטיקייט פון די הייזקעס וואָס לענגאויס דעם הינטערגעסל פארזינקענע אין דער זעלבער שטומער אומבאַוועגלעכקייט, ווי דערמלט די פון שטיינער געמויערטע שטיבער וואָס אויף דער גרויסוואַרדיינער פּריצישער גאַס, אפשר האָט אַלץ צוזאמען דערמאָנט יענעם פארמיטאָג, געמאָלט מיט פרישע פארבן א פארעלטערט אָפּגעבליאַקעוועט בילד. דערמאָלט איז זי אַלט געווען אינגאַנצן זיבעצן יאָר. אהיים געטראָגן פון גימנאַזיע האָבן זי לאַנגזאַמע טריט. זי האָט געפּרוּווט, ווער ווייסט צום וויפלסטן מאָל טראַכטן וועגן זיך ווי וועגן א דערוואַקסענער. באַאומרואיקט האָבן זי ניט געוויינטלעכע מיידלעשע געדאַנקען וואָס זוכן דעם וועג צו דער אייגענער צייטיקייט. ניין. די דערוואַקסנקייט האָט אָנגעטאָן אַנדערע מלבושים. לעיִן ווייטער אַזוי ווי ביז איצט קאָן זי ניט, זי פילט אַז זי מוז זיך אַרויסרייסן פון קרייז וועלכער האָט איר צוגעגעסן. זי מוז באַווייזן זיך אַליין, טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זי און אַלעמען איבערצייגן אַז זי איז ניט מער די פון נעכטן. וואָס טאָן ווייסט זי ניט, ס׳פאַלט איר גאָרניט איין. אַוועק אין דער וועלט שרעקט זי. די וועלט איז דאָך אַזוי אומגעהייער גרויס, אַזוי נעפּלדיק, און זי אין איר אַזוי איינזאַם, אַזוי פארלאָזט פון אַלע, אַז ס׳כאַפּט א דראָזש און א רחמנות אויף איר שרעקלעכן גורל א קנאה, כמעט שנאה צו די עלטערע, צו די וועמענס זיכערקייט, דאַכט זיך איר, א מערדערלעך פשוטע. ביז ניט לאַנג איז אויך איר זיכערקייט געווען א פשוטע. אפשר דערפאַר, ווייל אַלץ האָט אויסגעזען צו האָבן זיין אייגענעם סדר. א פליסנדיקן, כמעט אָנצייטיקן סדר. אַלץ רינט פון אייביק ביז אייביק, א מין שפּילן אין באַהעלטעניש. אַן אַלטערטימלעכער גן עדן אין וועלכן דונער-קנאַלן, מאָרד און שלאַכטן זענען א שפּיל פון דערוואַקסענע: א מיטלעלטער אין וועלכן מ׳שפּילט מיט קינדערישער ערנסט ראָלן פון ריזן, דראַגאָנען, מלאכים, כישופמאַכער און תלינים; און דער היינט אַזאַ, ווי ער איז. האָט זי אָבער פּלוצים אַנטדעקט, אַז דער היינט איז ניט אַזעלכער ווי זי מיינט, אַז ער איז אַן אַנדערער, און דערמיט איז געוואָרן עפּעס אַנדערש דאָס וואָס האָט געדאַכט צו זיין אַן אייביקע שפּיל. אַלץ האָט אָנגעהויבן אַזוי פּלוצימדיק, אַזוי אומדערוואַרט, אַז ס׳איז כמעט אוממעגלעך צו באַשטימען דעם מאָמענט אין

וועלן ס'איז געשען. זי קאָן זיך פינקטלעך ניט דערמאנען וואָס האָט זי געוואויגן צום ערשטן שפאן. אין איר זכרון הייבט אָן די געשיכטע מיט א שמאָל געסל, וואָס דער זון-אונטערגאנג האָט אָנגעפילט מיט א געלבלעכן שטויב. א קערעווע אויף רעכטס אין א טונקעלן, כמעט פינצטערן קאָרידאָר, א הינטער טיר, וואָס עפנט זיך אין א שוואך באלויכטענעם „זאל" און איינער א צעשויבערטער וועלכער שילדערט מיט אָנשטעקנדיקער פארביסנקייט א נייע, איר אינגאנצן אומבאקאנטע, וועלט. א וועלט פון ליידן און ווייטיק, פון טויט און מורא, פון הונגער און נויט.

און כאָטש ער מאָלט זי א שרעקלעכע, וואגט ער צו רופן די אָנוועזנדע, אריבערצוטרעטן די שוועל אין אָט דער וועלט אריין, ווייל זי איז לויט זיין זאָגעכץ, א ממשותדיקע, אן עכטע, די איינציק אמתע, וואָס לעבט און אָטעמט, וואָס גייט אויס אין איר אייגן בלוט פון וועלכן זי לעבט אויף מיט נייע כוחות. דער וואונדער-פויגל, וואָס לעבט אויף פון אייגענעם אש, איז איר צו ערשט אויסגעקומען קאָמיש, מיט א ריח פון אָפגעסמאלעטע פעדערן. ס'האָט זיך געוואָלט לאכן כון כישוף, אין וועלכן די אנדערע שווימען ווי אויך פון זיין כבד-פהדיקייט, האָבן זיך אירע אויגן באגעגנט מיט דעם רעדנערס און אין זיינע האָט געברענט א משונהדיק פייער, א כייערל וואָס ברענט לגבי פנים, און פון וועלכן די דיק שפארט לגבי חוץ. זיין וועלט האָט אויסגעזען אן אפאָקאליפטישע און זי האָט ניט געקאָנט פארשטיין, פון וואנען ס'נעמט זיך צו איר, צו אָט דער וועלט, אזא צוציאונגס-קראפט. ס'האָט זי פארכאפט דעם צעשויבערטנס רוף ארייננצודרינגען, גיין וואָס ווייטער, טיפער אין שרעקלעכן געוועב.

זי האָט געענטפערט אויף דעם רוף. אריבערגעטרעטן די שוועל, אָנגעהויבן שפאנען מיט ניט זיכערע טריט, און פארלאָזן קאָן זי ניט מער. צו מאָל פרעגט זי זיך, וואָס ציט זי אייגנטלעך, די וועלט מיט איר גרויזאם, אָדער גאָר ער, דער וואָס האָט זי געמאָלט מיט אזא ליידנשאפטלעכער פארביסנקייט. זי מיינט, אז א קלאָרער ענטפער אויף אָט דער פראגע וואָלט איר געהאָלפן זיך ארויסדראפען פון איר צושטאנד א צושטאנד כון איינעם, וואָס בלאָנדזשעט אין וויסטעניש. זי פרואווט זאמלען די געדאנקען און זיי קלעפן זיך ניט איינער צום צווייטן, פארטשעפען זיך אין יעדער קלייניקייט, אין פענצטער און טירן, אין טרעפ און קוימענעס, אין ביימער און גרעזלעך; אויפן אָרט פון זיין אין זיך,

ווילן זיי גאָר טרעגן, וואָס ס'געשעט אויף יענער זייט געלע און גרינע ווענט, עס איבערראַשט זי די ווייסקייט פון צום לופטערן ארויסגעלייגטע קישן און קאָלדערעס, א ווייסקייט וואָס דאכט זיך ביז חלשות דערווידער אין איר געקראָכמאלעטער זאַרגלאָזיקייט און אָנחלומותדיקייט. באלד וועלן זיך באווייזן א פּאָר ווייסע פּוכקע אָרעמס, וועלן טרייסלען און אויסקלאַפּן דאָס בעטגעוואַנט, אויסשפּרייטן געפּרעסטע ליילעכער אויף ברייטע טאָפּ־בעטן, אויפבלאָזן די קישן און אלץ וועט ווארטן שטום און לאַנגווייליק אויף קיילעכדיקע פּנימער און פעטע שוואַלציקע גופים, וועלכע וועלן אויסכראָפּען א כמעט בהמהשן ש.אָף.

„ברר, ווי לאַנגווייליק". ס'וויל זיך איר אנטרינען פון דאָ, הויבט זי אָן שפּאנען גיכער, כמעט לויפן. זיך דערנענטערנדיק צו דער היים, פארלאַנגזאַמט זי ווידער די טריט, עפּנט פּאַמעלעך דאָס אייזערנע טויער. דער היימישער סקריפּ דאכט זיך דאָס מאָל א צו שארפער, ווי ער וואָלט וועלן עמעצן וועקן, אָנזאָגן אז זי קומט. דאָס הארץ טוט א צאַפּל. „זיי ווארטן. הייבט וועט מען מער דעם צוזאמענשטויס ניט קאָנען אויסמיידן. סוף כל סוף האָבן זיי זיך דערוואוסט. עמעצער האָט דאָך געמוזט צו־טראָגן". זי נעמט זיך אָן מיט מוט, שפּאנט זעלנעריש איבער די קיילעכדיקע שטיינדעלעך, וואָס מ'האָט מיט א פּאָר טעג פריער אויסגעשיט אויף דער אלייע, וועלכע פירט צו די טרעפּ". איצט ווייסן זיי שוין אז צווישן אונדז האָט זיך געעפנט אן אָפּגרונט, אז ס'איז אויסגעוואקסן א וואנט וועלכע שיידט אונדז אויף אייביק".

זי האָט זיך אָפּגענארט. טאטע מאמע האָבן אויף איר געווארט ווי שטענדיק מיט פון נחת גלאנציקע, פייכטע אויגן.

יוליוס, קיראס אָדער קריסטינעס, ווי מ'האָט זי דעמלט גערופן, פאָטער איז א נעאָלאָג. א סך יידן-נעאָלאָגן האָבן געלעבט צו יענער צייט אין די רומענישע צפון־מערבדיקע שטעט: סאטו-מארע, גרויס-ווארדיין, טימישאָארא, קלוזש און אין אָן א שיעור אנדערע. ביי די נעאָ-לאָגן האָבן די שטעט געטראָגן זייערע אמאָליקע נעמען. דאָס האָט געהערט צום קולט. דער באגריף נעאָלאָג האָט אין זיך איינגע-שלאָסן אן ארט לעבן, האָט געדארפט כאראקטעריזירן מערב-מענטשן, אָדער מענטשן מיט א צענטרא-אייראָפּעאישן שניט. זיי האָבן געהאט זייערע שילן וואו זיי האָבן געדאוונט פון סידורימלעך מיט דייטשער איבערזעצונג, געטראָגן קליינע טליתימלעך, אינגאנצן א טפח, מיט

עטרות א ווערעשקע. צו דער תורה פלעגט מען זיי אויפרופן ביי זייער עטוואָס פאַרגוישטע נעמען. די אַסימילאַציע האָבן זיי ניט אויסגעשלאָסן, אין דער מאָס, אין וועלכער די ניט-יידישע פאַמיליעס זענען געווען גרייט זיי אויפצונעמען „אין זייער שויס“. שמדן זיך איז ניט געווען קיין הימל איינרייסעניש. אויף באַפּיאותטע און באַשטריימלטע יידן פלעגן זיי קוקן מיט ביטול. דאָס גיין שבת אינדערפרי אין שיל אריין, מיטן טלית אונטער דעם קאַפּטן, איז פאַר זיי אויסגעקומען א ווילדע עקשנות, א באַרישער עזות פון אָפּגעשטאַנענע מענטשן, וואָס זענען ווערט דאָס שטיינדל פון אן אומשולדיק שייגעצל. „ס'איז דאָך באמת א משוגעת, און אין משוגעים וואַרפן צו מאָל קינדער א שטיינדעלע“. מ'זאָגט אז אַזוי דעמלט, ווען מ'האָט זיי געפירט אין די גאַז קאַמערן — אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה איז די גרעסטע טייל פון אָט די שטעט אַרונטערגעפאַלן אונטער'ן דער אונגאַרישער ממשלה — האָבן זיי זיך געוואונדערט פאַר וואָס מ'טרייבט זיי צוזאַמען מיט די אָרטאָדאָקסן. היתכן, ווי אַזוי נעמט מען ניט אין באַטראַכט, אַז זיי זענען געווען גרייט זיך אויסצומישן מיט דער ניט-יידישער באַפעלקערונג!“

אויסמישן זיך מיט דער ניט-יידישער באַפעלקערונג איז ניט מער ווי געזאָגט. אויסמישן מיינט דאָך צוויי צדדים און דערצו, ביידע זאָלן דערויף מסכים זיין. אין דעם פאַל האָט מען אָבער דעם צווייטן צד אַזוי ווייט ווי כמעט ניט געפונען. אפשר אויך דערפאַר ווייל די נעאָלאָגן זענען געווען איבערקלויבער. שדכנענען זיך צו אַבי וועמען האָבן זיי ניט געוואָלט. די בילכערסטע, דאָס אויבערשטע פון שטייסל זענען געווען די מאַדיאַרן. ס'האָט זיך געדאַכט, או פון זיי שיינט נאָך דאָס אַמאָליקע ליכט, די שיין פון דער גרויסער, „וואַליטעטיקער“ עסטרייכישער קרוין. אויך פון די מאַדיאַרן זענען פאַרשטענדלעך געווען אויסגעשלאָסן מענטשן אָן א שטאַנד, אָן א געזעלשאַפטלעכן פּאַרנעם, נחית-דרגה'ס. עפּעס אַנדערש, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אָדער ייִנגעלייט וואָס שטאַמען פון געוועזענע „נאָבעלע“ משפחות. אמת, די טיטלן זייערע האָבן היינט ניט מער דעם זעלבן גלאַנץ, דעם זעלבן ווערט וואָס אמאָל, ס'איז אָבער דאָך אַן השקעה א מין אינוועסטיציע, א לאָטעריע, וואָס קאָן זיך ווער ווייסט, אויסלאָזן מיט א געווינס. צו אָט דעם מין נעאָלאָגן האָט געהערט — כאָטש ניט הונדערט-פּראָצענטיק — יוליוס, דער אייגנטימער פון א מאַנופאַקטור-געשעפט, א טוץ צווייטשטאָקיגע הייזער אויף דער הויפּט-גאַס. גערעדט

האָט מען אויך וועגן אקציעס אין בענק, וועגן תבואה-געשעפטן, וואָס ער פירט דורך אונטערגעשטעלטע נעמען (מ'זאָל באַהיט זיין פון אן עין-הרע) און אפילו וועגן מאַיאָנטיקעס וואָס געפינען זיך זיך אין פאַרוואָרפענע געגנטן. געוואוינט האָט ער אין אַלטן הויז, וואָס איז אים געבליבן בירושה פון שווער, און וואו קירא איז געבוירן געוואָרן. פון אמאָליקן הויז איז געבליבן ווייניק. יעדעס יאָר האָט מען איבערגעבויט און צוגעבויט, אָפּגעקויפט שכנותדיקע הייף, פאַרברייטערט דעם גאָרטן, אויפגעשטעלט אָסאָבניאַקעס.* פאַרלאָזן דאָס הויז האָט ער ניט געטראַכט און ניט געוואָלט. מיט אַמאָל דער שטוב איז געווען פאַרבונדן די שפע זון די געבורט פון זיין איינציקער טאָכטער און טרייסט. אין קיראַן האָט יוליוס געזען זיין תיקון. אַגשר דערפאַר, ווייל זיין לעבן האָט נישט אָנגעהויבן אין אָט דעם הויז מיט די גרויסע צימערן, מיט לייבן און אָדלער-נעגל שניצערייַ באַפּוצטן מעבל, מיט אָנגעפּראָטעט** אַלט-מאָדישע קאַסטנס, געקאָוועטע אין בראָנדזענע רייפן און קייטן. יוליוס האָט געשטאַמט פון אן אָרטאָדאָקסישער משפחה. ווען ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט אים זיין טאַטע אָפּגעגעבן צון א דרדקי מלמד, צו פיר יאָר האָט ער אים אָנגעהויבן מיטנעמען יעדן פרייטיק און ערב יום-טוב אין מיקווה, ביי צען יאָר האָט ער געקאָנט אונטערשיידן, לויט דעם שער-בלאַט, א תלמוד בבלי פון א תלמוד ירושלמי. צו בר מצוה האָט ער געהאַלטן א דרשה און אָפּגעקנאַקט די הפטורה אויף אויסנווייניק. דערנאָך האָט אים זיין טאַטע, מיט א טרויער וואָס איז אים געבליבן איינגעשניטן אין זכרון, אָפּגעגעבן אַלס שיק-ייִנגל אין א מאַנופאַקטור-געשעפט. די סיבה פון טרויער האָט ער ניט געקאָנט דערגיין, ווייסן, צי איז דעם טאַטנס טרויער מחמת דעם וואָס ער האָט אים געוואָלט שיקן אין ישיבה און די פרנסה האָט ניט געקלעקט דערויף, צי גאָר דערפאַר ווייל דער סוחר, צו וועלכן ער האָט אים געפירט, ווי צו דער עקידה, איז געווען א נעפאָלאָג. געוואוסט האָט ער יאָ, אז ביי די אָרטאָדאָקסן האָט א נעפאָלאָג געהייסן, אַזוי ווייט ווי כמעט א האַלבער משומד.

א לאַנגע צייט איז יוליוס געבליבן אין דעם זעלבן געשעפט. דאָ איז געוואָרן פון יחיאל, יוליוס, פון שיק-ייִנגל א קומי, פון קומי,

---

* אָסאָבניאַק — אָפּגעזונדערטע וואוינונג.

** אָנגעפּראָטעט — אָנגעשטאָפּט

אָן אָנגעשטעלטער, פון אָנגעשטעלטן דער קינסטיקער איידעס, און פון איידעם דער יורש פון געשעפט, פון די הייזער, און אקציעס, פון אָן עטוואָס צוגעשלאָגענעם ווייב מיט אַ שטענדיק גוטמוטיקן שמייכל, אויף א כּינצטער פּנים. זי איז געווען די וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן פאַרגרעסערן דאָס הויז. זי פלעגט ניט אויסשטעלן אָדער איבערשטעלן דאָס מעבל אין די צימערן, נאָר בויען ארום דעם נייע ווענט, עפענען פענצ־טער, הייבן אָדער אראָפּלאָזן די סטעליעס. פאר איר איז יעדער שטיק מעבל געווען אן אָרון קודש, אָדער א מזבח, און דאָס צימער אין וועלכן ס'איז געשטאנען, א היכל. יוליוס האָט זיך ניט געמישט, חוץ די פאָדער־שטע צימערן, אויף וועלכע ער איז באשטאנען, זיי זאָלן בלייבן כמעט ליידיקע, פאַרגאָסענע מיט לופט און זון, דאָס קינד זאָל זיך קאָנען פריי באוועגן. דאָ איז ער אויך געוואָרן א נעבעך. און כאָטש ס'זענען אוועק אזוי פיל יאָרן, און די נעבעכן האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, האָט ער זיך געפילט ווי אן איבערלויפער, ווי א גר. דער כבוד האָט גע־הערט ווי אים האָט זיך געדאכט, דעם מאנופאקטור-געשעפט, די מער אָדער ווייניקער פאראנענע אקציעס אין בענק, די גיטער און תבואה - געשעפטן.

דאָס קינד האָט געוואקסן א ליכטיקס, האָט זיך יוליוס געוואָרעמט ביי זיין אייגענער זון. קירא איז געווען זיין וועלט ביז ער האָט מער דערפילט ווי זיך דערוואוסט אז זי האָט אן אנדערע. ער האָט שוין געמאכט מיט דעם געדאנק, אז אזוי דארף זיין, אז אזוי איז געווען שטענדיק. אויך ער האָט פארלאָזט זיין טאטנס וועלט און זיך, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, אריבערגעפעקלט אין אן אנדערער. וואָס זשע פאר א טענות קאָן ער האָבן צו זיין טאָכטערס בייזן, יוליוס האָט קיין טענות ניט געהאט. פאר־דריסלעך איז אים נאָר אויסגעקומען דאָס וואָס צווישן אים און זיין טאָכטער וואקסט א מחיצה, און אפשר ניט אזוי די מחיצה, ווי די קילקייט וואָס האָט אָנגעהויבן בלאָזן פון יענער זייט צווישן-ווענטל. שלום האָט ער געמאכט, אָבער פארשטיין האָט ער ניט פארשטאנען. ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אז ביי זיבעצן יאָר קאָן מען זאָגן לא זו הדרך, מיט דעם מיין אויף א גאנצן לעבנס־שטייגער. ער האָט געמיינט, אז כדי צו זאָגן אזעלכע ווערטער מוז מען האָבן א היפּשן טייל פון לעבן הינטער זיך. דעם גלויבן אין ברענענדיקע דערנער, וועלכע דערציילן מינדעריע־עריקע ווי אזוי ארויסצופירן די וועלט אויף א דרך הישר האָט ער פאר־לוירן אין יענעם שבת, ווען ער איז געגאנגען צום ערשטן מאָל דאווענען

אין דער נעאָלאָגישער שיל. די דערגער נביאות, ארויסגערעדט פון מינ־דעריעריקע, האָט אים אויסגעזען א מפיבושתדיק קרומפיסיקע.

אזוי איז צו קיין צוזאמענשטויס צווישן קיראן מיט אירע עלטערן ניט געקומען. ניט דעמלט ווען זי האָט זעלנעריש געשפאנט איבער די קיילעכדיקע שטיינדלעך פון דער אלייע, וואָס האָט געפירט צו די מלכות־דיקע טרעפ, און אויך ניט שפעטער. די געשעענישן האָבן א יאָג געטאָן. די קליינע מלחמות פון די דרייסיקער יאָרן האָבן זיך געענדיקט, א פאָר לענדער זענען פארשוואונדן, די וועלט האָט מיט אלע כוחות געוואָלט גלויבן אין שלום, כאָטש אין דער לופט האָט זיך געפילט דער ריח פון א גרויסער צווייטער וועלט־מלחמה. גאליציאנער, מאָלדעווער און מאראַ־מאָרעשאנער יידן האָבן ווייניק געוואוסט, און נאָך ווייניקער געגלויבט אין די צוזאָגעכצן וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון ווייטע קאנטן, אז דער שלום איז פארזיכערט אויף ניט ווייניקער ווי טויזנט יאָר. ביי מחדש זיין די לבנה פלעגן זיי אונטערשפרינגען מיט מער ברען און מיט שטארקער פארמאכטע אויגן ביים „כך לא יוכלו כל שונאי לנגוע...“ ס׳האָבן זיי געשראָקן די לבנה־פלעקן. א ייד פון קליין ראדעוויץ, ניט ווייט פון פרוט האָט געפרואווט שטילן די געמיטער פון דער אָרעמער קהילה מיט א תמימותדיקער נביאה, פארזיכערנדיק דעם עולם אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן, ווייל ס׳וועט ניט זיין גאָרניט „וואָס הייסט רבי אברהם, דער ייד האָט געהייסן אברהם, און דער נאָמען אליין איז געווען געגנוב אויף משפיע צו זיין אויף אן עדה יידן, ס׳וועט ניט זיין גאָרניט.“ „האָט געפרעגט דער דערשראָקענער עולם און געבעטן ער זאָל אויפ־קלערן די משמעות פון זיין נביאה. „שייך וואָס ס׳הייסט? דאָס וואָס איר הערט, האָט רואיק געענטפערט דער אלטיטשקער, ס׳וועט ניט זיין קיין בוימל, קיין פלייש וועט ניט זיין, קיין צוקער. קיין ברויט, רחמנא־לצלן, מיט איין וואָרט. ס׳וועט ניט זיין גאָרניט“. דעם יידנס נביאה איז פאמעלעך, געקראָכן, זיך געצויגן ווי קרעץ איבער דערבער, שטעטלעך און שטעט, פון דער פעריפעריע צום צענטער, גרענעצן זענען געוואָרן באוועגלעך, מענטשן נאָך מער דערשראָקענע, און אויף יידישע געסלעך די ווערטלעך אין חכמות, ערב תשעה באָבדיקע.

אין איינעם א פרימאָרגן, איז קיראס מוטער אריינגעקומען אין עסצימער א פארענדערטע. יוליוסן האָט זיך אויסגעוויזן, אז דער גוטמו־טיקער שמייכל איז פארשוואונדן פון איר פינצטער פנים, ווייל עפעס א ניט־גוטער האָט אים אָפגעקראצט מיט טייוולישע פארגעניגן אין פארלויף

פון דער נאכט, מיט אזא כוונה, בין ס'איז פון אים קיין שריד ופליט ניט געבליבן. איבערראשט האָט אים ניט אזוי איר פאַרפינצטערטקייט, ווי די גרויזאמע שרעק וואָס האָט געטליעט אין אירע אויגן. א צייט האָט זי אויף אים געקוקט ווי אויף א פרעמדן, איר בליק האָט געברענט מכשפהדיק שווארץ. זי האָט אָנגעהויבן רעדן מיט ניט פארשטענדלעכע ווערטער, א משונהדיק תרגום לשון, הארטע קלאנגען פון א ניט געהערטער וועלט. פּלוצים איז זי געפאלן אויף די קני, אים געקושט די פיס, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ נאָך דעם זיך מאָדנע א הויב געטאָן פון אומדערווארטן כורעים מיט צעפּאטלטע האָר, מיט גרינע פייערלעך אויף דעם פארוויסטן פנים, און דאָס ווידערקול מיט וועלכן זי האָט געזאָגט:

— מיר מוזן זי אוועקשיקן צו אונדזערע פריינט קיין אראד, זי טאָר בשום אופן דאָ ניט בלייבן, ראטעווע אונדזער קינד! האָט גע-קלונגען משונה ווילד.

— וואָס פּלוצים?

— פרעג ניט! האָט זי געיעכצט. די קללה טאָר מען אויף די ליפּן ניט ברענגען. מ'קאָן נאָך, באהיט זאָל מען זיין, אלץ קאליע מאכן. שא, פרעג ניט!

— און די גימנאזיע, האָט ער זי געפרואווט אָפּרעדן.

— אין אראד זענען אויך פאראן ליצייען. בעסער פארלירן א יאָר איידער איינשטעלן דאָס לעבן.

— פיקוח נפש!! נו, און מיר? מיט אונדז וואָס וועט זיין? האָט געפרעגט יוליוס מיט דער האָפענונג אז די שאלה וועט איר אומקערן די געדאנקען.

— מיט אונדז? איבערהזרנדיק די פראגע, האָבן אירע אויג באקומען דעם פריערדיקן גלאנץ, נאָר איין רגע, אָדער אפילו קיין רגע ניט. מיט אונדז, האָט זי קוים געשטאמלט, מיט אונדז זאָל שוין זיין דאָס וואָס ס'וועט זיין מיט אלע יידן פון שטאָט.

נאָך צוויי וואָכן, ווען יוליוס האָט געזען אז זיין פרוי לעשט זיך אויס פאר שרעק, אז ס'איז פון איר כמעט קיין העלפט ניט געבליבן, האָט ער זיך אנטשלאָסן, און איבערגעשיקט די טאָכטער פון גרויס-ווארדיין צו די פריינט קיין אראד, מיט דער האָפענונג אז ס'וועט ניט זיין אויף לאנג.

## 3

איצט גייענדיק אויף דעם אראדער הינטערגעסל, א צעאקערטס פון פויערישע שווער באריפטע וועגענער, און ארייננטרעטנדיק אין א גרוב, אזוי אומגעריכט אז דאָס הארץ האָט אזש א צאפל געטאָן, האָט קירא זיך דערמאנט אין יענעם פארמיטאָג ווען זי האָט געבלאָנדזשעט אויפן וועג פון גימנאזיע אהיים, געפרואווט טראכטן וועגן זיך, ווי וועגן א דערוואקסענער, געמיינט אז צווישן איר און די עלטערן מוז עס קומען צו א צוזאמענשטויס, און א שמייכל טועלנדיק צו יענער ניט צושטאנד-געקומענער מלחמה, האָט זי פארביסן די ליפן. זי האָט דערפילט דעם ריר פון קינד אין בויך, זיך דערשראָקן און שטיין געבליבן. דער באוואָפנטער זעלנער האָט דאָס ניט באמערקט, ווייל איר שטיינבלייבן האָט געדויערט ניט מער ווי א רגע. אפשר האָט ער נאָר געמאכט דעם אָנשטעל אז ער באמערקט ניט. מעגלעך אז דער מיטליעריקער באוואָפנטער פויער וועלכן די מלחמה האָט פארוואָרפן פון מאָלדעווישן דאָרף אזש ביז אהער קיין אראד, האָט געהאלטן, אז דאָס וואָס ער איז אזוי ווייט פון די פראָנט ליניעס, איז א חסד פון זיין ליבן נאָמען און זיך געסטארעט אָפצודאנקען אויף זיין אופן: אָפשווייגן וויפל עס לאָזט זיך. איינשטעלן זיך טאָר מען ניט, ס׳קאָן פארשטאנען ווערן ווי א לעסטערונג. ווען גאָט זאָל געוועלן, ער זאָל איינשטעלן דאָס לעבן, וואָלט ער אים דאָך געוועזן געשיקט אהין, אין די שוצגראָבנס, אין וועלכע מ׳האָט פארשיקט כמעט אלע פון זיין דאָרף. אָבער פארשווייגן...

דעם קינדס אויפטרייסלען האָט זי דאָס מאָל אנדערש דערשראָקן ווי מיט צוויי חדשים צוריק, ווען ס׳האָט זיך צום ערשטן מאָל א ריר געטאָן. דעמלט איז די שרעק געווען באגלייט פון אן אומגעהויערער פרייד, ס׳האָט אויסגעזען אן ער-ציטערניש אויף וועלכן מ׳ווארט ווי אויף א דערלייזונג. נאָר דאָס האָט געקאָנט ברענגען דעם ענטפער אויף דער פראגע, וואָס האָט געבויערט און זיך איינגעשניטן אין איר גאנץ וועזן. ס׳איז געווען א בלינדע פרייד, א פינצטערע ליכטיקייט, א הייליקע לייכטקייט. זי איז געזעסן אויף דעם פון גראָבע ברעטער צונויפגעקלאפטן בעטל און, ווער ווייסט, צום וויפלסטן מאָל געטראכט וועגן באשעפעניש וואָס זי טראָגט אין זיך. דאָס איז געווען די איינציקע ממשותדיקע אָנ-ווענזקייט פון מאָ, זייט ער איז אוועק אין די בערג. אין שטאָט האָט ער מער ניט געקאָנט בלייבן. דאָ איז אויף אים געווען אָנגעשטעלט אן ארמיי

מכלומרשט גלייכגילטיקע בליקן, טונקעלע גרילן, באהאלטענע בינאָקלן שטיבער זענען אים נאָכגעגאנגען, פענצטער האָבן אים נאָכגעקוקט, זיינע טריט האָבן געלאָזט גרויע שפּורן אויף ווייסע טראָטוארן. ניין, דאָ האָט ער מער ניט געקאָנט בלייבן. איז ער אוועק, און קירא איז געבליבן אליין. די נעכט זענען געוואָרן לענגער, און אין די טעג האָט זיך געשלייכט אן אומבאשטימטע פוסטקייט. ניט געווען מיט וועמען א וואָרט ארויסצורעדן, און רעדן האָט זיך געוואָלט. פלעגט זי רעדן מיט מאַטלען. געקוקט אויף דעם יוירענדיקן בויך און געפירט דעם שמועס, צוערשט מיט מאָטלען פון וואלד און שפּעטער מיט דעם מאָ-פּלייש, וואָס איז אין איר געוואקסן, אָנזאָגנדיק א משונהדיק געפיל פון פרייד און מורא. א שווייגנדיקער שמועס איז עס געווען. „א הארטער ביסטו מאָ. וואו האָסטו אָנגעזאמלט די געבענטשטע הארטקייט? וואוהין איילסטו אזוי כאר זון זונטערגאנג מאָז" „די פינצטערניש איז מיין באשיצער. די חיהלעך אין וואלד שיצט די נאכט". „ניין מאָ. ס'איז ניט אמת. פאר וואָס שטילן מיין זאָרג, מיין מורא ווי מען שטילט א פּיצל קינד? די חיהלעך שיצט ניט די נאכט. בליקן פון וועלף און ווילדע קעץ שפּאלטן די נאכט, ווי א טרוקעניש די ערד. חיהלעך שיצן די צווייגן פון די בוימער. גרינע, געלע און רויטע בלעטער שיצן זיי". צו מאָל איז דער שמועס געווען אן אומרואיקער, א שווייגנדיקער, מיט אומרו געוועבטער שמועס, ניט מיט מאָטלען פון וואלד, נאָר מיט דעם, וואָס איז געוואקסן אין איר אינגעווייד, וואָס זי געפירט דאָס געשפּרעך. „וואָס פאר א באשעפעניש ביסטו וואָס דריקט ווי א שטיין? א באשעפעניש, וואָס וואקסט און דריקט מיט שרעקלעכער שטומקייט. אך. וואָלט דאָ געווען די מאמע! נאָר זי וואָלט געקאָנט פארטרייבן דעם קאָשמאר. זי ווייסט דעם אמת. דעם גאנצן און איינציקן אמת ווייסט זי. ער האָט באשיינט איר פּנים מיט א גוטמוטיקן שמייכל. אזוי זעט אויס דער שמייכל פון וויסן, און זי האָט געוואוסט ווייל ניי איר איז עס געווען נאָך דעם". און פּלוצים דער ערשטער ריר, דאָס גרויסע ערד-ציטערניש און די בלינדע פרייד, וואָס פארפלייצט אלע אברים: ס'איז א לעבעדיקס! מאָ לעבט אין איר, ער הערט זיך צו אויפמערקזאם צו אירע דערציילונגען, בשעת זי שפּאצירט מלכותדיק אין פאָטערלעכן גאָרטן. דאָס צימערל איז געוואָרן ברייטער, ס'איז דאָ וואו זיך צו גנ-וועגן אין דער נייער גערוימיקייט. גייט זי פון דער טיר צום פענצטער און דערציילט וועגן הימל בלויקייט און ים שווארצקייט, ווערט די ספּע.יע

א זוניקע, און די פאָדלאָגע א גילדענע. פון פענצטער צו דער טיר דער־ציילט זי וועגן בערג און וועלדער, שיינט א פארגליווערטע זון איבער צווישן געדיכטע געוויקסן זיך שלייכנדיקע געשפענסטער. אצינד האָט זי צוויי מאָ׳ס, איינעם א שטיל־שווייגנדיקן מיט וועלכן זי רעדט וועגן ליכ־טיקע צימערן, מיט פון ווינט אויפגעבלאָזענע פירהאנגען, אויף גרויסע ברייטע פענצטער, און איינעם א פארהארטעוועטן נאָך וועלכן זי יאָגט אין שלאָפלאָזע נעכט, איבער קיין מאָל ניט געזעענע לאנדשאפטן, אין אָנדנאָאיקע טאָלן צווישן אָפגעריסענע סקאלעס, שיצט איט פון בייז מיט איר מיט לעבן געלאָדענעם קערפער.

מ׳זאָגט אז דער פארהארטעוועטער מאָ איז איצט דאָ ניט ווייט, אז אין די בערג איז פאָרגעקומען א אומברחמנותדיקע שלאכט, אז פיר שטראָף־באטאליאָנען האָבן דריי מאָל געקעמט וועלדער און בערג אין דער לענג און אין דער ברייט, אז מאָ האָט געמוזט פארלאָזן יענע געגנטן און זוכן א מקלט אין שטאָט, זיך אויסבאהאלטן ערגעץ אין א קעלער פון די הינטערגעסלעך, אָדער אין איינעם פון די שטיינערנע הייזער, וואָס אויף דער הויפט־גאס. דערפאר פירט זי, ווייזט אויס, איצט דער זעלנער צו דער פאָליציי־סעקציע.

## 4

דער געדאנק צו פי.ן קיראן דורך די הינטערגעסלעך, באגלייט פון א מיט אן אלטמאָדישער ביקס באוואָפנטן זעלנער, איז געווען סאָ־וואס. קאָזשוך, דער קאָמיסאר־שעף, האָט אים אָנפארטרויט דעם פאל מאָ. ער האָט געשעצט סאוואס פאָליצייאישע פעיקייטן וואָס זענען באשטאנען איבערהויפט פון אויסערגעוויינטלעכער עקשנות. סאווא איז געווען דער וואָס האָט אויסגעפונען איינעם וועלכער איז באגאנגען א מאָרד, נאָך גאנצע צען יאָר זוכענישן. ער האָט געגישטערט איבערן גאנצן לאנד, נאָכגעגאנ־גען און פארלוירן שפורן, דערשמעקט נייע, ביז ער איז, סוף כל סוף צו אים דערגאנגען. אין יענער צייט האָט ניט געמאכט אזא רושם סאוואס פארביסנקייט ווי זיין עדות זאָגן פאר די געשוואוירענע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער בקשה מ׳זאָל דעם שולדיקן מוחל זיין, מ׳זאָל אים באפרייען. ער האָט דערוויזן מיט אומגהייערער פשטות אז דער מאָרד אזי

קיין מאָרד ניט, און דער מערדער ניט קיין מערדער. ס׳איז ניט די רייד פון שנאה אָדער פון א מאַטעריעלן אינטערעס, צי גאָר פון נקמה — די געוויינטלעכע מאָטיוון פון מאָרד — ס׳איז ניט מער ווי אן אומגליקלעכער צופאַל, און דעם מערדערס צו פרי גרוי געוואָרענע האָר זענען א גענוגנדע שטראָף. דעמלט זענען די צייטונגען געווען פול מיט ספּעקולאַציעס און פּלפּולים וועגן דער פאָלקסטימלעך טיפער פילאָסאָפיע פון פּאָליציימאַן. אין די ערשטע מלחמה יאָרן האָט קאָזשוך רעקרוטירט סאוואן אין זיין אָפּטיילונג, ניט צוליב זיינע קענטענישן אויף פילאָסאָפישן געביט. ער האָט געוואוסט, אז סאוואַ איז געוואַקסן אויפן דאָרף, אז אין צייט פון שניט האָט ער זיך אָנגעזען מיט מענטשן וואָס פאַלן פון סטייגן שטרוי אויף שאַרפע קאָסעס, מיט פערד וואָס שפּאַלטן קעפּ מיט די הינטערשטע קאָפּעטעס, מיט אָקסן וועלכע לאָזן ארויס די קישקעס מיט שפּיציקע הערנער, מיט העק וואָס פליען פון הענטל אויף אומדערוואַרטע טראַיעקטאָריעס, און דער מערדער איז געווען א פּויער. קאָזשוך האָט אויך געוואוסט אז ווען דער מערדער זאָל געווען זיין א שטאָטישער, וואָלט סאוואַ ניט געווען געהאַט קיין שום בקשה צו די געשוואוירענע. „שטאָט-מענטשן, זאָלן זיי זיך אליין אַן עצה געבן״. אין זיין אָפּטיילונג וועט ער האָבן ס׳-רוב צו טאָן מיט שטאָט-מענטשן וועלכע ער האָט ניט זייער ליב און דערצו מיט אַזעלכע וואָס געבן ניט אָפּ קיין באַזונדערן כבוד דער פּאָליציי לויט סאוואַס איבערצייגונג די הייליקסטע פון אלע אינסטיטוציעס.

קאָזשוך האָט אָנפּאַרטרויט דעם פאַל מאָ סאוואַן, ווייל ער האָט געוואוסט אז אויב מאָ באַהאלט זיך אויס אין שטאָט, איז סאוואַ דער איינציקער וועלכער וועט זיך צו אים דערנישטערן. נאָך צוויי וואָכן אומזיסטיקע זוכענישן, האָט סאוואַ באַשטימט אויסצושטעלן אַגענטן ארום דעם הויז אין וועלכן ס׳האָט געוואוינט קירא. דער עד-היום קלאַסישער מעטאָד פון אלע פּאָליציייען צו באַוואַכן דאָס הויז פון דער געליבטער איז געבליבן אָן רעזולטאַטן. סאוואַן האָט ביז גאָר געוואונדערט דאָס ניט נאָרמאַלע באַנעמען זיך פון מאָדנעם וואַלד-רויבער. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס פאַר א מענטש קאָן זיין אָט דער מאָ, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, ער זאָל זיך אין אזא מאָס אָפּטרייסלען פון דעם וואָס געהערט צו דער מענטשלעכער נאַטור. אין זיין אופן דענקען איז ער, ניט ווייסנדיק, געווען דער פאַרגייער פון יענעם גרויסן שריפטשטעלער, וואָס וועט מיט יאָרן שפּעטער באַהויפּטן, אז א דאָרפס-מענטש בלייבט א פּויער, אפילו דעמלט

ווען ער דערגרייכט די העכסטע שפּיצן פון וויסן און קולטור. סאווא האָט געוואוסט, אז מאַ שטאמט פון דאָרף און דערפאר האָט אים זיין באנעמען נאָך מער געוואונדערט. ווען ער האָט דערציילט קאָזשוכן וועגן זיין דורכפאל מיט די אויסגעשטעלטע אגענטן ארום קיראס וואוינונג, האָט דער קאָמיסאר ניט מער ווי געצויגן מיט די אקסלען. אים אויפקלערן, אז מאַ איז א פאל, וועלכער פאסט ניט אין די ראמען פון זיין קלאסיפיקאציע, האָט קאָזשוך ניט געוואָלט. אים האָט זיך מער ניט געגלוסט האַלטן לעקציעס, מוסרן, אזוי ווי ער פלעגט טאָן אָנהויב מלחמה. ער איז מיד געוואָרן, און ניט נאָר מיד. פאר דער צייט האָבן זיך אָנגעזאמלט ספקות אין שייכות מיט דער וועלטס פארשטאנד. ער האָט אָנגעהויבן טראכטן וועגן סורפּריזן, ער האָט געפילט אז ס'קומט א צייט וואָס שטעלט אין געפאר זיין לאגע, אז ער קאָן עפּעס פארלירן, אז די צוקונפט פון זיינע מיט אזוי פיל מי פארשאפטע באקוועמלעכקייטן, איז ניט מער קיין זיכערע. אזוי אז ער האָט זיך באגניגנט ניט א צי טאָן די אקסלען, ווי איינער רעדט: נישקשה, דו וועסט דיר שוין אן עצה געבן. און סאווא האָט זיך אן עצה געגעבן, און ווידער אלס פאָרגייער פון איינעם וועלכן די וועלט וועט באטראכטן נאָך בעת חייו כמעט ווי א גאון און וועמענס אויפפאסונג וועט באשטיין אין דעם, אז אויב א געוויסער צושטאנד הויבט אָן פרירן, אויב דער אנגרענאזש פארהאקט זיך, מוז מען — כדי ארויסצופירן פון טויטן פונקט, פון רעלאטיוון גלייכגעוויכט — די לאגע אונטערהיצן, מוז איינער פון די צדדים אָננעמען אָפענסיווע מיטלען. ניט טראכטנדיק אז ער באנייט א גאנץ נייעם וועלט קאָנצעפּט, וועלכער וועט צום באדויערן אפילו זיין נאָמען ניט טראָגן האָט סאווא באשטימט ארעסטירן קיראן. זיין פלאן איז באשטאנען אין דעם, וואָס ס'איז ניט מעגלעך, אז פירנדיק די ארעסטירטע איבער גאסן און הינטערגעסלעך, באגלייט פון א זעלנער, זאָל זיך ניט דערוויסן דערפון מאַ, און אויב ער וועט זיך דערוויסן, וועט ער זיכער ניט ביישטיין דעם נסיון ארויסצוקוקן פון א פענצטער, וועלן זען וואוהין מ'פירט זיין ווייב, דערפאר האָט ער געשיקט קיראן מיט דעם זעלנער פאָרויס און אליין איז ער זיי נאָכגעגאנגען פון וויטנס, געקוקט צו יעדן פענצטער, גענישטערט בוידעמעס, פּאָדוואלן און קעלערס. איינער פון ביידע, האָט ער געטראכט, מוז זיך אויסגעבן. זי מיט אן אויפציטערן, אָדער אוועקדרייען דעם בליק און מאַ... מאַ, וועט מען שוין זען.

אזוי איז קיראַן אויסגעקומען צו טראָגן דעם שווערן בויך איבער דעם גריבערגעסל. זיך קוים שלעפנדיק האט זי דערפילט דעם ריר און א שרעקלעכן ווייטיק. דאָס מאָל איז זי שטיין געבליבן לענגער, ניט נאָר א רגע, אָבער אויך ניט, ווי איר האָט זיך געדאכט, א גאַנצע שעה אָדער נאָך מער. ווען דער זעלנער האָט זיך דערנענטערט, האָט ער געזען א בלייך פּנים און דאָס פערלען פון א קאַלטן שווייס. אזוי אז ווען זי האָט פאַרקערעוועט לינקס אויף א שמאָל געסל פון וועלכן מ׳האָט געקאָנט זיך פאַרנעמען רעכטס, צום פּלאַץ פון צענטער־שטאָט און פון דאָרט אויף א ברייטער אספאַלטירטער גאַס, וואָס פירט צו דער פּאָליציי אָפּטיילונג, האָט דער זעלנער ניט רעאגירט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען א שווייגנ־דיקער. אים איז געווען אלץ איינס, מיט אים האָט זיך דאָס ווייניק אָנגע־קערט. זיין ראָל איז באַשטאַנען ניט מער, ווי גוט אכט צו געבן, אז די אַרעסטירטע זאָל ניט אַנטלויפן; און אז זי איז ניט אימשטאַנד צו לויפן האָט געקאָנט זען אפילו א קינד.

5

דאָרט, וואו דאָס שמאָלע געסל שלענגלט זיך אריין אין גרויסן פּלאַץ, איז געשטאַנען אויפן ווינקל אן עלטערער מאַן, מיט גרויע האָר, געדיכטע וואָנצעס, עטוואָס צו בלוי־שוואַרצע רינגען אונטער אין די לעכער פאַרקראָ־ענע אויגן, ווי ביי איינעם וועלכן די לעבער האָט געמאַטערט א גאַנצע נאַכט. מאָ האָט דאָ אָפּגעוואַרט א דאָקטער. די עטלעכע פּאַר־וואונדעטע מיט וועלכע ס׳איז געלונגען זיך אדורכצורייסן פון קעסל, האָט מען פאַרטיילט אין פאַרשידענע וואוינונגען פון שטאָט און ארומיקע דערפער מאָ איז באַשטאַנען דערויף אז איינעם פון די פאַרוואונדעטע זאָל מען איינקוואַרטירן צוזאַמען מיט אים. ס׳האָט זיך אים געדאכט אז ס׳איז זיין חוב צו בלייבן מיט דעם שווער פאַרוואונדעטן, אז ער זאָל אים האלטן אונטער זיין אויפזיכט. אפשר דערפאַר ווייל אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז אין דעם קראַנקנס פיבערדיקן בליק שפּיגלט זיך דאָס שייגעצל מיט סמאָלע־אויגעלעך, מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט זשאַן־ד׳ארקעשער התלהבות, וואָס פלעגט זיצן אין די קורצע זומער־נעכט לעבן דעם פאַרלוירענעם פּריסיק־בערגעלע אויף דער אין פינצטערניש טיף אָטעמענדיקער טאָלעקע,

באזעסן פון א שוידערלעכער, אָדער הייליקער זעאונג. אַט די דערינע-רונג איז אים געווען טייער, ווי א קמיעה, ווי א פארזשאווערט מעסערל, א קנעפּל אָדער א זומער-שפּרענקעלע וואָס באשיצט, שטארקט דעם בטחון, פארן שלאָפן גיין, או אויך מאָרגן וועט מען אויפשטיין אויף דער זעלבער וועלט. די לעצטע טעג האָט זיך די לאגע פון פארוואונדעטן פארערגערט, אָן א דאָקטער האָט מען ניט געקאָנט אויסקומען. ניט האָבנדיק וועמען צו שיקן, האָט מאַ באשטימט אז ער אליין מוז גיין צו דער באגעגעניש, און זיך לאנג צו איר צוגעגרייט. אזוי ווי ער זעט אויס איצט, קאָן דאָס באגע-געניש קיין שום חשד ניט ארויסרופן. אן עלטערער ליידנדער מענטש האָט צו טאָן מיט דאָקטוירים. אזוי אז ער איז געשטאנען וואיק און געווארט, ניט טראכטנדיק, אז פון ערגעץ וואו קאָן זיך יאווען א סורפּריז. ס׳ אַט אים ניט געקאָנט איינפאלן, אז קירא קאָן זיך באווייזן אויפן פּלאץ. ער האָט געוואוסט אז זי פארברענגט איר צייט מיטן כאָוועז דאָס קינד, ווייל אויך ער האָט געהאלטן אז כאָוועז א קינד הויבט אָן נאָך איידער עס ווערט געבוירן. ווען ער האָט זי פּלוצים דערזען האָט ער אויפגעצי-טערט. איר אָנוועזנקייט האָט צעמישט די געדאנקען. קירא א שפּאן פון אים. ער מוז זיך באהערשן, זיך ניט לאָזן פארפירן פון באגער, איר ארויסצוהעלפן אין שלעפן דעם שווערן גוף, און איר קוים ציען דעם אָטעם. ער מוז תיכף פארלאָזן דאָס פּלאץ. דאָס געפאר איז צו גרויס. און דאָך איז ער געבליבן נאָך א מאָמענט. טראָץ דער געפאר וואָס זי קאָן באמערקן אז דער עלטערער מאן איז ניט קיין אנדערער ווי ער, מאַ, ניט אויסהאלטן און אים אויסגעבן מיט א באוועגונג אָדער מיט א ווינק. שווער געווען זיך רירן פון פלאץ, פילנדיק פון ווייטנס דעם אָטעם פון באשעפעניש וואָס זי טראָגט אין זיך, ווי אויך ביים געדאנק, אז ער פארלירט דאָס באגעגעניש מיטן דאָקטער און דער שווער קראנקער אָטעמט קוים.

קירא האָט אים ניט דערקענט. זי האָט אים אפילו ניט צוגעטיילט קיין באזונדערע אויפמערקזאמקייט. זי האָט פשוט קיין כוח ניט געהאט דערצו. איר אויסגעמאטערטער בליק איז געקראָכן מיד און גליי גילטיק איבער דעם פרעמדן וואָס איז געשטאנען, ווי איר האָט זיך א רגע גע-דאכט, א דערשלאָגענער אויפן טראָטואר. זי האָט ניט געפילט קיין רח נות אויף אים און זיין מיטלייד האָט איר ניט געפעלט. זי האָט געהאט געענוג מיט איר רחמנות אויף זיך אליין, קיין פרעמדע האָט זי

ניט געדארפט. ס'וואָלט געווען נאָך אַ שווערקייט אויף דעם אַזוי אויך שווערן געמיט. אַז דאָס וואָלט געקאָנט זיין מאָ — זי מיט איר קינד איינציייטיק דאָ אין מיטן גאַס און דאָרט אויפן טראָטואר — האָט זי ניט געטראַכט. דערצו האָט איר אויך קיין כוח ניט געקלעקט. איין געדאַנק האָט זי געמוטשעט; וואָס איז געשען מיט מאָען? זי איז געווען זיכער אַז מ'האָט אים אַרעסטירט, אַז דערפאַר פירט מען זי איצט אויף דער פּאָליציי זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַ צעשלאָגענעם, אַ געשוואָלענעם, מיט אויסגעריסענע נעגל, פון ציגיייערן אויסגעברענטע ברוסט, און איר גאַנג איז געוואָרן נאָך שווערער. דאָס אין בויך זיך רירנדיקע קינד האָט ניט אַרויסגערופן קיין פרייד און ניט קיין טרויער. דער שמועס איז געבליבן ערגעץ ווייט אַרונטער, אין דער נשמה האָט זיך איינגעפּרעסן אַ טעמפּע גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס ס'איז געווען און קאָן געשען. ווי אַזוי דער סוף זאָל ניט אויסזען, איז ער אַ סוף.

סאַווא איז געווען אַ צו געניטער אַגענט, אַז ער זאָל ניט באַמערקן דעם מאַן וואָס איז געשטאַנען אַן עטוואָס צעמישטער אויפן ווינקל גאַס. דאָס קראַנקע געעלטערטע פּנים האָט ניט געפּאַסט צום געזונטן קערפּער. דערצו האָט ער אויסגעזען אַ פרעמדער. לעגיטימירנדיק מאָען האָט ער ניט אַזוי געקוקט אויף זיינע דאָקומענטן — דאָקומענטן איז ניט שווער צו פעלשן — ווי אויף דעם מאָדנע געזיכט. געוואַשן די פאַרבן פון אונטער די אויגן, געשוואַרצט די גרויע האָר, ראַזירט די וואָנצעס און געשטוינט זעענדיק ווי עס באַווייזט זיך דאָס פּנים, וואָס אויף דער פאָטאָגראַפיע, וועלכע געפינט זיך ביי אים אין קעשענע, מאָ'ס פּנים, אַן אָנגעמאָסטנס צו זיין אַטלעטישן קערפּער. קיראַס אָנווערזנקייט ביים פאַרנעמען מאָען, האָט אים ניט געלוינט. בעסער זי זאָל וועגן דעם ניט וויסן. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז זי האָט זיך דערווייטערט. „אויף דער פּאָליציי אָפּטיילונג איז לייכטער זיך פאַנאַנדערצוקלויבן אין דעם פאַרפּלאָנטערטן ענין“.

מאָ'ס פּראָטעסטן, זיין פּרוּוון זיך אַרויסדריייען האָבן ניט געהאָלפן די דאָקומענטן זענען ניט אין גאַנצן אין אָרדענונג, מ'מוז זיי נעענטער באַטראַכטן. וועט אַלץ שטימען, וועט מען אייך תיכף באַפרייען.

סאַווא האָט דאָס געזאָגט מער פאַר די פּאָר נייגעריקע וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוזען דעם ספּעקטאַקל. וואָס פאַר אַ זין האָט יעס צו מאַכן סקאַנדאַלן? סאַווא האָט גערעדט געלאַסן. דאָס האָט געהערט צו זיין סטיל פון זיך אַ שפּיל טאָן מיטן קרבן. אין דעם פאַל איז דער נסיון געווען צו גרויס ער זאָל פאַרציכטן. מיט אַזאַ פויגל!

— זע נאָר וואָס ס'איז איינעם באַשערט — איז סאַווא געוואָרן באַרעדעווודיק אויפֿן וועג צו דער פּאָליציי — זע נאָר ווי עס קייטלען זיך די געשעענישן האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּחידושן — כ'האָב געטראַכט אַז מ'דאַרף, וואָס זאָג איך מ'דאַרף, מ'מוז באַשטראָפֿן דעם זעלנער. ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן ער זאָל זי לאָזן בייטן דעם מאַרשרוט? איך בין געווען זיכער, אַז דו ליגסט (ער האָט אים אָנגעהויבן דוצן, ווייל פֿאַר אים איז שוין מאָ געווען כמעט ווי אַ פֿאַרמשפּטער) ערגעץ אין אַ קאַטקע פֿון די הינטערגעסלעך. ווען מען האָט געקאָנט איינפֿאַלן אַז דו וועסט ריזיקירן אַרויס פֿון שטוב און גיין שפּאַצירן איבער די גאַסן? צום סוף אַזאַ סורפּריז. זאָג אַליין צי האָט מען זיך געקאָנט ריכטן? ניין, דעם זעלנער טאָר מען ניט באַשטראָפֿן. אים קומט אָן אויסצייכענונג, אַ מעדאַל, אַ דעקאָראַציע קומט אים!

סאַווא האָט זיך הילכיק צעלאַכט, און ס'האָט אויסגעזען גלייך ווי אויף דער גאַס גייען צוויי פֿריינד וואָס רעדן וועגן אַ פֿאַרבראַכטער נאַכט אין קרעטשמע, אָדער וועגן אַ געמיינזאַמער אַוואַנטורע דורך הינטער-טרעפּ, פֿון וואַנען זיי האָבן באַצייטנס עוקר געווען. ווייזט אויס, האָט פֿילאָסאָפֿירט סאַווא, אַז דעקאָראַציעס באַקומט מען אָפֿטער צוליב אַ טעות, פֿאַר ניט אויספֿירן דעם באַפֿעל. אָט אַ צופֿאַל! זי גייט קוים, נעבעך מעוברת. דער זעלנער באַקומט אַ רחמנות, און אויפֿן ווינקל שטייט ער, טאַקע דו, האָט סאַווא געשפּיגט זיינע אַנטדעקונגען — דער וועלכן מ'זוכט אַזאַ לאַנגע צייט אָן דערפֿאָלג. הער נאָר הער אַ נס. ס'איז דאָך באמת ניט צום גלויבן. זאָג דו אַליין, צי ס'איז ניט אַזוי? ווען כ'וועל דערציילן קאָזשוכן, וועט ער עפֿענען אַ פּאָר אויגן!...

## 6

איצט, נאָך אַכט אָדער צען יאָר, ווען אַקעגן אים זיצט אַ צעקנייטשטער, מיט אַן עטוואָס דערשראָקענעם בליק עאָוזשען טאַבערנאַקע — דער סטודענט וואָס שטאַמט פֿון אַן אַלטער פּריצישער משפּחה, וועלכע האָט געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען אין איבער צוויי הונדערט יאָר געשיכטע פֿון איבערקערענישן און געזעלשאַפֿטלעכע רעפֿאָרמעס, וועמענס טעטיקייט

אויף פּאָליטישן און קולטורעלן געביט ס'האָט פאַרנעמען א בכבודיק פלאַץ אין די אמאָליקע שול-ביכער — באַקימט א נייעם פאַרנעם יענער פרימאַרגן וועלכער האָט געבראַכט אַן אומדערוואַרטע לייזונג דעם רעטעניש וואָס האָט געפייניקט קאָזשוכן אין א שפּעטער פרילינג-נאַכט. עס קומט איך אויס אויסטערליש צו באַגעגענען א טאַבערנאַקע פּיטאָמעץ*, אין דער זעלבער שטאָט און כמעט אין דער זעלבער לאַגע, ווי מיט יאָרן צוריק קיראַן — דעם גרויסוואַרדיינערס אָנגעזעענעם סוחרס און גבירס טאָכטער.

די משפּחה טאַבערנאַקע האָט זיך אין משך פון יאָרן צעצווייגט. זיין אייניקלעך און אוראייניקלעך האָט מען געפונען אין כמעט אלע פּאָליטישע ריכטונגען און טענדענצן, פון עקסטרעם רעכטע ביז ליבעראַל מעסיקע. בילדער פון טאַבערנאַקע אָפּשטאַמענדיקע פּערזענלעכקייטן אויף פאַרשידענע געביטן, האָבן טראָנירט אויף טייערע טאַפּעטן אין שלעסער און אין אלטע בריטישע הייף. דאָס האָט קאָזשוך געוואוסט, און זיך נאָך מער איבער-צייגט פון דעם, ווען ס'איז אים אויסגעקומען צו באַזוכן אָט די שלעסער און הייזער אין די ערשטע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דעמלט האָבן זיי אויף אים קיין באַזונדערן רושם ניט געמאַכט. אפשר אויך דערפאַר, ווייל ער האָט קיין צייט ניט געהאַט אויף קלערענישן, צי גאָר דערפאַר ווייל אין אַלגעמיינע טומל האָבן זיי אויסגעזען קאָמיש אין זייער אומבאַוועגלעכער אָנגעלאָזנקייט. דאָס מאָל זיצט אָבער קעגנאיבער אים א לעבעדיקער טאַבערנאַקע, צוויי טראָפּן וואַסער מיט זיין פאָטער — אויך עזשען — מיט וועלכן קאָזשוך האָט צוזאַמען פאַרבראַכט ניט איין זומער.

ניט ווייט פון גרויסוואַרדיין, אויף איינעם פון די טאַבערנאַקע־גיטער האָט זיך אין א ברייט טאָל געדערפלט קוטי — א דאָרף מיט אין גאַנצן צוויי הונדערט פופצן פאַמיליעס, דאָס געבורט-אָרט פון אווראַם קאָזשוך, דעם היינטיקן מאַיאָר און אַמאָליקן קאָמיסאַר. באַקאַנט איז אין יענע צייטן ניט געווען אזוי דאָס דאָרף, ווי דער פּריצישער הויף וואו דעם סטודענטס זיידע פלעגט פאַרברענגען מיט דער גאַנצער משפּחה די הייסע זומער־חדשים. די קאַרעטעס פלעגן זיי אַראָפּברענגען אָנהויב יולי און אָפּפירן ביז סוף אויגוסט, נאָכן שניט. אזוי יעדעס יאָר. מעגלעך, אַז דאָס ווייסט אויך דער צעקנייטשטער סטודענט מיט זיין עטוואָס דערשראָקענעם בליק

* פּיטאָמעץ = נאָכפאָלגער.

אבער וועגן דעם, אז ער, דער מאיאר קאזשוך, דאט זיך אין די פריע קינדער-יארן אפט געשפילט מיט זיין טאטן — װאוזשען טאבערנאקע, וועלכן מ׳האט א לאנגע צייט נאך דער מלחמה געזוכט אין גאנצן לאנד און צווישן די, וואס האבן אים געזוכט איז געווען אויך קאזשוך — ווייסט ער זיכער גארניט. אפשר ווען ער זאל וויסן וואלט זיין בליק ניט געווען אזא דערשראקענער, אפשר ווען ער זאל וויסן, וואלט זיך אין זיינע גרויע אויגן באוועצט שנאה?

פון דער ביז איצטיקער אויספארשונג ווייסט עאוזשען אז מ׳באשול-דיקט אים אין דעם, אז ער איז דער איניציאטאר פון א קרייז, וואס פירט דורך א ניט זייער כשרע טעטיקייט אויף מכלומרשט קולטורעלן געביט. אז דער קרייז זאגט זיך ארויס פאר אזויגערופענער פרייער שאפונג, נעמט אויף זיך די אחריות זי צו שטיצן מיט אלע זיינע כוחות און מעגלעכקייטן, אז ער איז קעגן דעם אפיציעלן רעאליזם, אין תוך אבער פרואווט ער באאיינ:לוסן די יוגנט מיט פארשפרייטן קאסמאפאליטישע אידייעס און אן ארט דענקען וואס איז פרעמד און פיינטלעך דער נייער געזעלשאפטס-ארדענונג. אז ער איז דער גייסטיקער אנפירער פון אט דעם קרייז, איז אויסער ספק. אויף דעם האבן זיי א קארפוס דעליקטי. די אויספארשער האבן זיך ממש געקוויקט מיט די ווערטער „קארפוס דעליקטי“, ס׳איז אויס-געקומען, ווי זיי וואלטן וועלן דערמיט באווייזן, אז אויך זיי ווייסן וואו איין און וואו אויס, מיט אט די אינטעליגענטמערישע באגריפן און פארשטייען זייער אמתן סובסטראט. ווייזט אויס, אז דערפאר האבן זיי יעדעס מאל, ווען זיי האבן באנוצט דעם אויסדרוק „קארפוס דעליקטי“ אזוי האסטיק געפאכעט פאר זיינע אויגן — צו מאל אזוי נאענט, אז ער האט זיי גע-מוזט צומאכן — עטלעכע אויף א שרייב מאשינדל אפגעדרוקטע זייטלעך. יא דאס איז באמת זיינע א דערציילונג. אז דערמיט קאן מען ניט באווייזן זיין קעגנערשאפט לגבי דעם אפיציעלן רעאליזם זאגט ער ניט, ס׳איז ווי אויף להכעיס, דווקא איינע פון זיינע רעאליסטישע דערציילונגען, א סאטירע אין וועלכער ער לאכט אפ פון א באקאנטן רעזשיסער, וועלכער דערפילט, בשעת דעם וויזיאנירן זיין פילם, אז די מוזיקאלישע אילוסטראציע כאר-כאפט מער ווי די בילדערישקייט פון פילם. די מוזיק פארטראגט דעם צושויער, דערווייטערט אים פון די בילדער וועלכע פארוואנדלען זיך אין אילוסטראציע צו דער מוזיק. דער קאמפאזיטאר האט אים איבערגעפליגלט און דאס קאן ער ניט דערלאזן. ניין, ער וועט ניט צולאזן אז דער צושויער וואס איז געקומען א גערופענער פון זיין נאמען וועלכער פארנעמט די-

העלפט כון אפיש, זאָל ארויסגיין פון זאַל א באגלייטער ניט פון אים, נאָר גאָר פון מוזיקער. דערלויבט ער דאָס ניט פאָדערנדיק אויסבעסערונגען וועלכע דערפירן צו דעם, אז די מוזיק זאָל פארלירן איר גאנצן חן.

— די ווירקלעכקייט איז ניט אזעלכע, טענהן די אויספאָרשער, דאָס איז א פרעמדע דערשיינונג, אן אויסוואוקס, אזא פאל איז ניט כאראקטעריסטיש פאר אונדזער געזעלשאפט, פאר די נייע באדינגונגען פון שעפערישער ארבעט.

אויף זייערע ארגומענטן ענטפערט ער ניט. ער וויל ניט ווערן קיין פארטיידיקער פון רעאליזם, אפילו ניט פון זיין אייגענעם. ער זאָגט נאָר, אז ס'איז אן אויסגעטראכטע געשיכטע, א פיקציע אויסער צייט. די אויספאָרשער באטראכטן זיינע ארגומענטן אלס חוצפה, אלס חוזק. אויסער צייט עקזיסטירט פאר זיי ניט, הויבן זיי ווידער אָן פון אָנהייב: דער איניציאַטאָר א.א.וו. העכערע אינסטאנצן האָבן זיך פאראינטערעסירט וואו עס האלט מיט דער אויספאָרשונג און קאָזשוך האָט באשלאָסן זיך נענטער צו באקענען מיט דעם ענין, ס'איז זיין באצירק, קאָן מען א פרעג טאָן...

ווען מ'האָט עאוזשענען געפירט צום מאיאָר, האָט ער זיך פארגעשטעלט אז אויף אים ווארט א צעווילדעוועטער פאָליציסט, איינער פון די וואָס שרייען און זידלען, שעלטן און באליידיקן, שלאָגן מכות־רצח, שאנעווען ניט זיך און ניט דעם ארעסטאנט, פרואוון מיט אלע מיטלען ארויסבאקומען, דאָס וואָס זיי ווילן, אָדער דארפן, כדי איבערצוגעבן דעם פאל אין געריכט, און פארשרייבן נאָך א דערגרייכונג אויף זייער פערזענלעכער פישע. דער מאיאָר האָט אים געהייסן זיך זעצן, א וויש געטאָן מיט דער האנט דעם פעדאנט אויפגערוימטן שרייב־טיש פון צייט צו צייט אויף אים געוואָרפן א זייטיקן בליק, און א לאנגע צייט געשוויגן. זיין שווייגן האָט עאוזשענען אויפגערעגט אים געטראָטן אויף די נערוון. ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע כוחות אויסצומיידן א ניט ווילנדיק אויפציטערן, אָדער איינשרומפן ביי דעם מאיאָרס פלוצימדיקן אויסגעשריי. אז אזא געשריי מוז קומען, איז ער געווען איבערצייגט. דאָס ווייסט ער באשייד. די גאנצע צייט פון דער אויספאָרשונג איז ער געווען וואך, האָט ער זיך באהערשט קעגן יענע מענטשלעכע שוואכקייטן וואָס וואָלטן געקאָנט מינדערן זיין ווירדע, די ווירדע פון די טאבערנאקעס, וועלכע ער האָט זיך שטענדיק פאָרגעשטעלט שטאָלצע. דאָס האָט געהערט צו דער טראדיציע פון דער משפחה, וואָס איז אים איבערגעלאָזט געוואָרן ווי א הייליק געבאָט.

ער איז געזעסן קאָנצענטרירט, געוואַרט אַז דאָס שרעקלעכע שווייגן זאָל נעמען אַן ענדע. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די צייט ציט איר'ע פעדעם ווי אַ זויערלעכע פינע פון איבערגעשטאַנענע געזייערטע אוגערקעס. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער צוועק פון קאָזשוכס שווייגן איז אַפּצושוואַכן זיין וואַכזאַמקייט.

זיין איבערצייגונג איז געווען אַ פאַלשע. קאָזשוכס שווייגן וועט פאַר אים בלייבן אַ סוד. קאָזשוכס כונה איז געווען אַן אַנדערע. קוקנדיק אויף עזשעגנעשן האָט ער געוואָלט ניט מ'ער ווי זען זיין אייגענעם אַמאָל, רעדן מיט זיינע זכרונות. און דער אַמאָל האָט זיך קיין סך ניט געלאָזט בעטן. ער איז אויסגעוואַקסן מיט בלענדנדער קלאָרקייט, מיט קינדערישער פשטות.

דער אַלטער פריץ באַוועגט זיך מיט אַ באַלעבאַטישן גאַנג איבער דעם געראַומען הויף, באַגלייט פון קאָזשוכס פאָטער. דער פריץ דוצט אים, און זיין דוצן פאַרמאַגט גאַרניט פון פריצישער אַראָגאַנץ. ס'דאַכט זיך אַז ווען זיין פאָטער זאָל ענטפערן מיט דעם זעלבן „דו" וואָלט עס אים ניט געוואונדערט און ניט געאַרט. ער וואָלט דאָס פשוט ניט באַמערקט, אָדער ער וואָלט דאָס אויפגענומען מיט גוטמוטיקער אַפּיטרופּסות.

— וואָס טראַכסטו צו טאָן מיטן יינגאַטשיק? — פרעגט דער פריץ און די פראַגע קלינגט ניט פאַרמעל. דער טאָן איז אַ תּוכיקער. מ'וואָלט אים געדאַרפט שיקן לערנען. ער איז אַ לעבעדיקער דער זון דיינער, קאָזשוך.

— אַ לעבעדיקער איז ער. אוודאי אַ לעבעדיקער. מ'דאַרף אים זען ביי דער שיסל באָרשט. אָבער לערנען, הע... דעם פאָטערס ענטפער ענדיקט זיך ניט מיט קיין קרעכץ, ס'איז גיכער די געוויינטלעכע פּויערישע רעזיגנאַציע. ער איז ניט אומגליקלעך, וואָס זיין זון וועט ניט גיין אין גימנאַזיע. דאָס איז דער גורל פון פויער זינט דור דורות, און ער טראַכט ניט אַז מ'וואָלט אים געדאַרפט ענדערן. אַזוי איז עס געווען און אַזוי מעג דאָס בלייבן, אפשר דאַרף דאָס גאָר אַזוי זיין. איז אָבער דער פריץ אַן אייגנאַרטיקער טיפּ. אין דער געגנט רעדט מען וועגן אים ווי וועגן איינעם וואָס טראָגט זיך אַרום מיט משונהדיקע געדאַנקען טאַקע איבער דעם שיקזאַל פון זיינע פויערים. דאָס איז אויך געווען די סיבה פאַר וואָס קאָזשוכס פאָטער האָט זיך ניט געוואונדערט, ווען דער פריץ האָט צוגעזאָגט זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דעם ענין, און אויך ניט דערמלט ווען ער האָט אים מיטגענומען אין שטאָט אריין ווען

אווראם קאַזשוך האָט געענדיקט די גימנאַזיע, האָט דער זעלבער אַל־טער טאַבערנאַקע אים געראָטן גיין אַרבעטן אויף דער פּאָליציי.

— דאָרט, האָט ער געזאָגט, וועסטו זיך רעאַליזירן. דאָרט דאַרף מען אויך מענטשן מיט בילדונג. פֿאַר אַזאַ יינגערמאַן ווי דו, איז עס דאָס בעסטע פּלאַץ. קאַזשוך האָט ניט געוואוסט, צי דאַרף מען דאָס פֿאַר־שטיין אַלס אַ לויב, אָדער דער אַלטער וויל דערמיט זאָגן אַז צו עפּעס אַנדערש טויג ער ניט. פֿאַרט ניט מער ווי אַ פֿויער. אַ פֿאַקט בלייבט, אַז פֿון דעמלט אָן איז ער אין דער פּאָליציי און זיין גאַנצע קאַריערע, זיין עקזיסטענץ איז געבליבן פֿאַרבונדן מיט איר.

אַזעלכע געדאַנקען קומען אים אויפֿן רעיון בעת ער קוקט אויפֿן סטודענט און יעדעס מאָל וואָס ער באַמערקט זיין צעקנייטשטקייט, זיין עטוואָס דערשראָקענעם בליק, בליצט אויף יענע שלאָפֿלאָזע נאַכט און די אומפֿאַראַפּטע לייזונג וועלכע ס׳האָט געבראַכט יענער פֿריי־מאָרגן. ער וואָלט זי געוואָלט זען, די נאַכט, בעשיינפּערלעך, זיך מיט איר דערקוויקן, שטערט אָבער דער טאַבערנאַקע פּיטאָמעץ מיט זיין אָנוועזנקייט. ס׳דאַכט זיך אים, אַז ער וואָלט געקאָנט לייענען זיינע געדאַנקען, ווייל אַזעלכע זענען זיי די טאַבערנאַקעס, זיי האָבן די „גנאַדע גאָטעס" צו לייענען פֿרעמדע געדאַנקען. ער וואַרפֿט אַ לעצטן בליק אויף עאוזשענען, אויף זיין פֿאַרעקשנטער קאָנצענטרירטקייט און פֿילט אַז, אָט אָט וועט פֿון אים אָנהויבן שפּאַרן אַ ניט געוויינטלעכע וואַרעמקייט, אָט וועט זיך עפֿענען אַ קוואַל פֿון קינדערישער שפּילעוודיקייט און באַשליסט: ניין, אין דער געשיכטע וויל ער זיך ניט אַריינמישן. זאָלן זיי זיך דאָרט אַליין אַן עצה געבן, זאָלן זיי זיך אַליין פֿאַנאַדערקלויבן. ליטעראַ־טור, קונסט, זענען ניט זיין געביט. ניט אין דעם ליגן זיינע קאָמפּעטענצן עס וויל זיך אים זאָגן „עאוזשען, לאָז דיך אָפּ פֿון די מעשים. דו ביזט צו שיין זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע געפֿערלעכע ענינים. אפשר שפּעטער. דו שטעלסט דיר קוים פֿאָר וויפֿל דו ווייסט נאָך ניט". אָבער אָנשטאָט אָט די עצות, שטעלט ער אָפּ דעם בליק אויפֿן סטודענט און מיט דער רעכטער האַנט באַרירט ער קוים די ווייסע קנאָפּקע וואָס ליעבן טיש־קעסטל. די טיר עפֿנט זיך.

— פֿירט אים אָפּ — זאָגט קאַזשוך, און כאָטש ס׳איז שפּעט, בלייבט ער זיצן ביים שרייב־טיש, אַ צייט קאָן ער ניט זאַמלען די געדאַנקען. אויפֿן ליידיקן בענקל זיצן דער סטודענט מיטן פֿאָטער און זיידן, אין זייער ירידה. דעם פֿאָטער מיטן זיידן האָט פֿאַרמשפּט די געשיכטע, אים

װעט משפּטן א טריבונאַל װאָס װײסט ניט פֿון רחמים, װײַל די צײַט איז פֿון מדת הדין, פֿון האַרטקײט. ס׳װאָלט זיך אים װעלן העלפֿן דעם סטו־דענט, פּרואװן אָפּשװאַכן זײַן עקשנות, װאַקסן זײ אױס אַלע דרײַ און קוקן אױף אים מיט ביטול. קאַזשוך װיל זײ דערמאָנען אַז הכל הבל, אַז דאָס הבֿל־הבֿלים־געפֿיל האָבן זײ אין אים געפּלאַנצט, װערן זײ דורכזיכטיק און אױף יענער זײַט פּראָפּילירט זיך אַ נאַכט און אַ פֿרימאָרגן צו װעלכע ער שמײכלט װי צו אַ כּלה־מײדל.

װי געזאָגט, איז דאָס געשען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער.

## 7

װען מ׳האָט אים צואװיסן געטאָן אַז מאַ און קירא זענען אַרעס־טירט, איז קאַזשוך שױן געזעסן אין די שטעק־שיך. ער האָט אױסגע־הערט דעם אַגענטס ראַפּאָרט, אים געהײסן גײן, זיך ניט געאײַלט אױף דער פּאָליצײַ אַזױ װי ער װאָלט געװען געטאָן מיט אַ צײַט פֿריער. זײַן אָנװעזנקײט בײַם פֿאַרהער איז אים איצט אױסגעקומען איבעריק. מיט אַ יאָר צוריק האָט עס אױסגעזען אַנדערש. דעמלט איז נאָך די רױטע אַר־מײ ניט געװען בײַ דער גרענעץ, די פֿאַרבינדעטע זענען נאָך ניט גע־װען אין איטאַליע, און װעגן אַ דעסאַנט אין פֿראַנקרײַך האָט מען גערעדט װי װעגן אַ חלום. אַצינד זעט דאָס ניט מער אױס אַ חלום פֿון היצקעפּ. נײַן. פֿאַר דער צײַט האָבן לענדער און אומות, װאָס זענען אַװעק אױף אײן װעג, פּלוצים פֿאַרקערעװעט אױף אַן אַנדערן. קאַזשוך האָט פֿאַרשטאַנען אַז ס׳איז צײַט אַז אױך ער זאָל אונטערציִען אַ פּאַסיקל מאַכן זײַן אײגענעם חשבון הנפש. זיך ערנסטער פֿאַרטראַכטן אַרום דעם װאָס מוטשעט אים זינט אַ לאַנגער צײַט. קומט אים װידער אױפֿן רעיון די געשיכטע מיט דער טיפּאָגראַפֿיע, אַ געשעעניש װאָס מ׳האָט כּמעט אױסשליסלעך צוגעשריבן אים — כאָטש זײַן בײַטראָג איז געװען דער קלענסטער — אַלס אַ געװאַלדיק פֿאַרדינסט אין קאַמף קעגן די „געזעל־שאַפֿטלעכע אױסװאָוקסן״, װי מ׳האָט דעמלט געזאָגט. אפֿשר דערפֿאַר װײַל ער איז געװען דער שעף. צװײ מאָל איז דערשינען זײַן בילד אין דער לאָקאַלער צײַטונג. געשען איז עס ניט לאַנג נאָך דעם װאָס ער איז נאָמינירט געװאָרן אין זײַן פֿונקציע, אין די ערשטע מלחמה טעג.

צוויי מענטשן האָבן באַצאָלט מיטן לעבן. ניט מער ווי יענע צוויי וועלכע מ'האָט געפונען אין בוידעם-צימערל. זייער איינגעשפּאַרט שווייגן האָט, אין יענער צייט, אויף אים געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכע ווירקונג. ער האָט דערפילט זיין קליינקייט, זיין נישטיקייט. נאָך דעם האָט ער די געשיכטע אין גאַנצן פאַרגעסן. איצט וואַקסן זיי אָפט אויס פאַר זיינע אויגן, ניט דער זעלבער פאַרביסנקייט ווי אַמאָל. „דעמלט האָט מען אַנדערש ניט געקאָנט", פּרוּווט ער זיך באַרעכטיקן און זיי ענטכערן ניט מער ווי מיט אַ גרינגשעצערישן שמייכל וואָס טראָגט דעם שטעמפּל פון אייביקייט, פון אומענדלעכקייט, און קאָזשוף פאַרשטייט אַז מיט זיי איז דער שמועס אַן איבעריקער, פאַר זיי זענען זיינע באַרעכטיקונגען פרעמד און נאַריש.

נאָך אַלעמען, טראַכט ער, איז ער ניט דער שולדיקסטער. ניט ער האָט זיי פאַרמשפּט, ניט ער האָט זיי פאַראורטיילט צום טויט, ניט ער האָט זיי דערשאָסן. בלייכע ווי נאָך אַ לאַנגן תענית זיצן די דריי שופטים אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק. אָן די אוניפאָרמען זעען זיי אויס ווי די שראָקענע באַטראַקעס. קיין רחמנות אויף זיי האָט ער ניט, ער פילט פאַר זיי קיין מיטלייד ניט, כאָטש זייערע אויגן זוכן זי, און דאָס זוכעניש מאַכט זיי נאָך קלאָגעדיקער און יאָמערלעכער. פאַרקערט. עס שפּאַרט פון אים אַ משונהדיקע כרייד וואָס זיי זעען אויס אַזוי זום-באַהאָלפן. אַזעלכע ווי זיי זענען איצט, ניט געפעלשטע פון דער דעמלטיקער שטייפקייט און אָנגעבלאָזנקייט, זעען זיי אויס עכטע. ער לאַדט זיי איין צו אַ גלעזעל משקה. „קומט, זאָגט, ער לאָמיר עפּעס אויסטרינקען. עס טרוקנט אייך דאָך אין האַלדז, דער גאָרגל איז דאָך ביי אייך אויסגעדאַרט!" און דערשרעקט זיך פאַר זיינע ווערטער. עס כאַפּט אים אָן אַ מורא פאַר זיין אייגענער שטימע. „גאָטעניו, שעפּטשעט ער, וואָס איז מיט מיר געשען? כ'האָב אָנגעהויבן רעדן מיט זיך אַליין, מ'מוז זיך באַהערשן. דער אומגליק איז נאָך ניט אַזוי גרויס. ס'איז ניט כאַראַן קיין לאַגע אָן אַן אויסגאַנג".

מ'וואָלט זיך אפשר געדאַרפט ראָטן מיט סאַוואַן. ער איז אַ ווילדער, צו מאָל האָט ער דאָך אַ מענטשלעכן איינפאַל, ניין. ראָטן זיך האָט קיין זין ניט. מ'דאַרף אַליין אַלץ באַטראַכטן. עצה-געבערס טויגן ניט אין אַזאַ לאַגע. אַלץ מוז מען טאָן אַליין, נעמען אויף זיך די גאַנצע אחריות, ריזיקירן אָן עדות, אָן באַראָטערס, אַליין, נאָר אַליין באַשליסט קאָזשוף און פּרוּווט ווידער אונטערציען אַ פּאַסיקל. וויקלט זיך

אָפּ א גאנץ צעטל, אונטער זיין אפּיטראָפּסות דורכגעפירטע פּראָוואָקאציעס און בילבולים, א הויפן אויסטראכטענישן, נישט געשטויגענע ויצונגען און באַגעגענישן, פון זיינע אנגענטן פארשפּרייטע פלוג-בלעטלעך, איבערגעשניטענע טעלעפאָן-דראָטן, אָפּגעשרויפטע רעלסן, שפּיגל-שפּילערייען און נאָך, און נאָך... א סך שולדיקע און נאָך מער אומשולדיקע זענען געבליבן לעבן, וועלן אהיים קומען און וועלן דערציילן... וואָס וועלן זיי דערציילן? דאָס, וואָס ס'וואָלט געקאָנט העלפן, וויפל מי ס'האָט אים געקאָסט צו ראטעווען איינציקע פון זיי, דאָס ווייסט קיינער ניט. דאָס איז געווען זיין סוד. ער האָט דאָס אפשר געטאָן כדי צו דערווייזן דעם פריץ, דעם אלטן טאבּערנאקע, אז אויך אויף דער פּאָליציי קאָן מען אויפטון ניט ווייניקער ווי ער, דער אלטער פילאנטראָפּ און „הומאניסט“... וויפל איז אים, מי-שטיינס געזאָגט געלונגען? און ווער א חוץ אים ווייסט דערפון? שווער, זייער שווער זיך ארויסצודרייען. און איצט נאָך דערצו די געשיכטע מיט קיראַן און מיט מאָטלען. נאָר דאָס האָט געפעלט צום חשבון. מיט קיראַן ווי מיט קיראַן. מיט איר קאָן מען זיך אן עצה געבן. אָבער די מעשה מיט מאָטלען איז א קאָמפּליצירטע. זי האָט געפעלט, ווי א לאָך אין קאָפּ. מאָ איז ניט אבי ווער. ס'איז א שישקע, ער פארנעמט זיכער אן אָנגעזעענעם פּלאַץ. וואָס פאר א רוח האָט אים אָנגעטראָגן? ער האָט ניט געקאָנט ליגן אין געהאקטע ווינדן אין זיין באהעלטעניש, אין זיין מויזן-לאָך?

דער געדאנק, אז מ'מוז פארקערעווען און וואָס גיכער, אז מ'דאַרף געפינען א מעגלעכקייט צו שפּילן אויף א נייער קאָרט, בויערט און בויערט, אָבער קיין קלאָרן אויסוועג זעט ער ניט, עס פאלט אים גאָרניט איין. דער שלאָף נעמט ניט און די שעהן קריכן קוים, גלייך ווי די וועלט וואָלט זיך געווען אָפּגעשטעלט, די גאנצע וועלט ווארט מיט א פארכאפּטן אָטעם אויף זיין פּראָצעס. עס גלוסט זיך אים ארויס פון צימער, זיך אדורכגיין איבער די גאסן, אזוי באוועגן זיך בעסער און קלאָרער די געדאנקען, איז אָבער די שעה ניט קיין פּאסיקע. צו שפּעט און צו פרי, צו גיין איצט אויף דער פּאָליציי. דאָרט וואָלט ער געקאָנט כאפּן א שמועס מיט סאוואן, צי מיט די אנדערע, כאָטש זיי האָבן זיך צוגעגעסן מיט זייער טעמפּקייט, זיי זעען ניט וואָס ס'טוט זיך ארום, אָדער זיי זעען יאָ עפּעס נאָר זענען ניט תופס דעם פארנעם, די ערנסטקייט פון דער לאגע, זיי באגניגענען זיך מיט דעם, וואָס יעדער איינער פון זיי טראָגט מיט זיך, און אין זיך, א טייל פון באשולדיקונגס-אקט קעגן אים, קאָזשוך, דעם שעף. זיי מיינען אז דער אקט איז נאָר קעגן אים. „כ'האָב זיי אויף א

גוט אָרט. ווי ס'זאָל ניט זײַן זענען זיי לעבעדיקע מענטשן, קומט ניט אויס צו רעדן צו די ווענט". איז אָבער צו שפּעט, און צו פרי, דרייט ער זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, כאַפּט זיך אָן אין ניסים, לאַכט אויף א קול פון זײַן אייגענער נאַרישקייט ביז ס'הויבט אָן טאָגן. צוזאַמען מיטן טאָג יאָוועט זיך אָן אויפלויכטנדיקער געדאַנק, א שטרוי. „ווער ווייסט, טראַכט קאַזשוך, אפשר?" און כאַטש די מעשה ברבי אליעזר, ורבי יהושע, ורבי אלעזר בן עזריה, ורבי עקיבא, ורבי טרפון וועלכע זענען געזעסן און שווער געקנייטשט זייערע הייליקע שטערנס ביז די תלמידים זייערע האָבן זיך אויף זיי מרחם געווען און דערמאָנט אַז „הגיע זמן קריאת שמע של שחרית", איז אים אין גאַנצן א פרעמדע, און ער וועט פאַר אים קיין מאָל ניט האָבן קיין פאַרשטענדעניש, גרייט ער זיך מיט אימפּעט אין וועג אַריין.

דער אינסטינקט זאָגט אים אונטער. אַז דער מאָרגן־שטערן קאָן ברענגען די גאולה.

## 8

סאַוואַ האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם קאָמיסאַרס פּערספּעקטיקן. ס'איז אויסגעקומען כמעט ווי א באַליידיקונג. אַזאַ לאַנגע צייט זיך געיאָגט נאָך מאָטל וואָרגאַפט, און ווען מ'האָט אים ענדלעך געכאַפּט קומט ער אפילו ניט א קוק טאָן, גלייך ס'וואָלט געווען דער באַנאַלסטער פון די פאַלן וועגן וועלכן ס'לוינט זיך ניט צו באַמיען. ניט איין מאָל אין משך פון דער נאַכט, אין דער צייט וואָס ער האָט „באַאַרבעט" דעם אַרעסטאַנט איז אים געקומען אויפן געדאַנק אַז קאַזשוך טוט דאָס מיט א מיין, ער וויל דערווייזן, אַז ער, סאַוואַ, איז ניט דער וואָס מען מיינט. דערשמעקן, נאָכשפּירן, זיך יאָגן ווי א יעגער־הונט, דאָס קאָן ער. אָבער ווען ס'קומט צו ערנסטערע זאַכן, צום אויספאָרשן און דערגיין צום עצם פון דער זאַך, איז ער ניט מער ווי אַן אומבאַהאָלפענער מיטלמעסיקער אַגענט. דערצו האָט מאָ באמת געשוויגן. ער האָט פון אים קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען, כאָטש ער האָט אָנגעווענדט כל־ערליי מיטלען. ווען ער האָט ענדלעך דערזען אָנקומען דעם פּאַטראָן, איז אים דאָך געלונגען זיך צו באַהערשן, מאַכן אַן אָנשטעל גלייך ווי ס'איז גאָר־

ניט געשען, אז ער פארשטייט און איז מסכים מיט דעם שעפס פאר־שפעטיקן.

— אויסגעמאטערט, שעפּז

די פראגע האט געקלונגען הוצפהדיק, א ביסל צו פאניבראטיש. ער האט געהאלטן אז נאך דעם וואס ס'איז אים געלונגען ארעסטירן אזא חברה־מאן, ווי מאטל וורגאפּט, מעג ער זיך דאס דערלויבן. נאך אזא שטיקל ארבעט מעג מען א רגע פארבייגן די היעראַ כיע. ווייל, ווי ס'זאל ניט זיין, הייבט אזא נצחון א ביסעלע אויף דעם וואס האט אים אַגפּעהאלטן, פארמינערט כאטש א רגע די דיסטאנצן. „געכאפּט דעם פויגל", האט ער געזאגט ניט אן גדלות, צופרידן מיט זיין גליק.

— זיי האבן שוין געקלונגען

סאווא האט געוואוסט ועמען קאזשוד מיינט. ניט מאטלען האט זיך אינטערעסירט אויף די געסטאפּא. קאזשוד האט ניט געוואלט זיי זאלן זיך דערוויסן לכל הפּחות א פּאר טעג. דאס מאל האט זיך אים געוואלט אז דער פאל זאל בלייבן, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, זיינער. כאטש א צייט

— וואס פאר א חלק האבן זיי אין דעם?

קאזשוד האט געווארפן אויף סאוואן א זייטיקן בליק. „ניט אמאָ־ליקע צייטן", האט ער געטראכט. אמאל וואלט ס ווא געווען געקלינגען דער ערשטער, ער וואלט ניט געווען געווארט זיי זאלן אנרופן. ניט צואוויסן טאן דער געסטאפּא, איז פאר אים געווען כמעט דאס זעלבע ווי "לעס מאזשעסטע". היינט דערלויבט ער זיך זיי אויסצומיידן. ניט יענע צייטן, אפילו פאר סאוואן. מ'מוז זיך באמת צואיילן. קיין סך צייט פא־לירן טאר מען ניט.

— ווי האלט עס מיט אים?

— ער שווייגט.

— דו האסט זיך גערעכט ער זאל אויסשיטן דעם זאק?

קאזשוד האט געלאכט אויפריכטיק, ניט אזוי פון סאוואס תמימות־דיקן אנשטעל, ווי דערפאר, ווייל מאטלס שווייגן איז טאקע אין יענעם מאמענט געווארן א טייל פון א פּלאן וואס האט זיך אנגעהויבן קאנטורן. איצט איז אים איינגעפאלן, אז באזייטיקן סאוואן פון דער אויספארשונג איז אפשר איינע פון די הויפּט־באדינגונגען פאר זיין דערפאלג. דער אינסטינקט האט אים אונטערגעזאגט אז מיט דעם פּ מא, קאן מען אפשר געפינען א שליסל צון א ינטערטיר. ווי אזוי האט ער נאך ניט געוואוסט ער האט אבער דערפילט אין דער לופט די פליגעלעך פון א מל כל,

פון מלאכל וואָס וועט אים ווייזן א וועג. אפשר צו ערשט ניט מער ווי א סטעזשקעלע. גענוג, אז מ׳האָט צוטרוי צום מלאכל, איז עס גענוג. דער עיקר, דער ערשטער שפאן זאָל זיין א גוטער, נאָך דעם וועט שוין, ווי ניט ווי, פון סטעזשקעלע ווערן א שליאך.

— וואָס טוט ער איצט? — די פראגע האָט געקלונגען אגבֿ־אורחהדיק.

— ער ליגט אין חלשות.

— האָסט א קוועטש געטאָן? — קאָזשוך האָט געשמייכלט. דער שמייכל האָט געדארפט אונטערשטרייכן זיין צוטרוי צום פעיקסטן פון זיינע אגענטן — קיין וואָרט, זאָגסטו? אפילו קיין קרעכץ ניט?

— קיין קלאָר וואָרט האָט מען פון אים ביז איצט ניט געקאָנט ארויסבאקומען, חוץ די געוויינטלעכע פּראָטעסטן אָדער דאָס פארעקשנטע שווייגן וואָס ברענגט ארויס פון די כלים. פארדאָן, שעף — האָט ער צוגעגעבן נאָך א ווײַלע שווייגן, האָפנדיק צו באלעבן די שטימונג מיט א ווערטל און אײנצײַטיק באפרידיקן דעם שעפס שוואכקייט נאָר פּינקטלעכקייט — עפּעס זאָגט ער יאָ. פון חלשות רופט ער א דאָקטער. ס׳חלומט זיך אים ווייזט אויס, אז ער איז אויף א קוראָרט — סאַווא האָט געלאכט, געוואָרט אז זיין חכמה זאָל ארויסרופןביים שעף כאָטש א שמייכל, אָבער קאָזשוך האָט געפרעגט געלאסן און מיט א באַוונדערן אינטערעס:

— א דאָקטער, זאָגסטו? וואָס גאָר פּלוצים א דאָקטער? מאָדנע...

אין זיין קאריערע איז אים ניט אויסגעקומען צו באגעגענען צווישן דעם סאָרט ארעסטאנטן כאָטש איינעם וואָס זאָל פאָדערן א דאָקטער. זיי האָבן געוואוסט אז דאָס קאָן זיין צו זייער שאָד. און מאָ איז פון יענע וואָס ווייסן פּינקטלעך, ניט ווען זיי האָבן צו טאָן. אין די קעלער-צעלן ברענגט מען ניט קיין דאָקטוירים, מ׳איז אליין ספּעציאַליסטן. ניט אומזיסט, האָט ער א טראכט געטאָן, האָב איך געפילט דאָס שוועבן פון מלאכל אין שכנות.

— אנו, לאָמיר א קוק טאָן אויף דעם העלד. אפשר איז ער [שוין אימשטאנד צו ענטפערן אויף א פּאָר פראגעס.

זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער צעלע, אין וועלכער מאָ איז געלעגן א פארחלשטער.

פון געהיימע מיליטערישע מקורות האָט קאָזשוך געוואוסט, אז בעת דער שלאכט אין די בערג זענען אייניקע פארוואונדעט געוואָרן. און אז

די פּאַרטיזאַנער איז געלונגען זיי צו עוואַקואירן. קיינער ווייסט ניט וואוהין זיי זענען אהינגעקומען, וואו מ'באהאלט זיי אויס. דערפאר האט זיך די מיליטערישע מאכט געווענדט צו דער פּאָליציי אַז זי זאָל נאָכ-שפּירן די דאָקטוירים און אַפּטייקערס פון שטאָט. קוקנדיק אויף מאַטלען, האָט ער געטראַכט ווער ס'וואָלטן געקאָנט זיין די פּאַרדעכטיקע און פעסט באַשלאָסן אַז ער מוז סאַוואַן וואָס גיכער באַזייטיקן פון אויס-פאָרשן דעם פאַל.

— נאָך איינעם אזא קוועטש און מיר ענדיקן מיט אים אין גאַנצן. ניין, סאַוואַ, ס'איז א צו גרויסער פויגל אז מיר זאָלן אים אַזוי לייכט פאַרלירן. לאָזט אים קומען צו זיך; זאָל ער זיך אָפּרוען... קיראַן האָט ער באַמערקט, ווען ער האָבן וועגן וואָס צו טראַכטן. וועלן מיר אים א צייט לאָזן טראַכטן. נאָך דעם וועט מען זען.

ער האָט זיך אומגעקערט צו זיך אין ביוראָ באַגלייט פון סאַוואַן אים געהייסן אריינפירן די ארעסטאַנטן, און אין דער צייט וואָס סאַוואַ איז זי געגאַנגען ברענגען, האָט ער אָנגערופן דאָס אינערן-מיניסטעריום. ביז מ'וועט פאַרבינדן, וועט ער ענדיקן מיט קיראַן. זי האַלטן מער האָט קיין זין ניט. ווען די טיר האָט זיך געעפנט האָט ער לויט די שווערע טריט פאַרשטאַנען אז דאָס איז זי. ער האָט אויף איר געוואָרפן א קורצן בליק. „אַזוי, הייסט עס, זעט אויס יוליוסעס, דעם גרויסוואַרדיי-נער גבירס טאָכטער. פאַר וואָס האָט זי אויסגעקליבן דעם וועג? וואָס דערוואַרט זי אייגנטלעך פון אים? אפשר האָט זי גאָר וועגן דעם קיין מאָל ניט געטראַכט? זיך געלאָזט פירן פון גורל?" קאָזשוך האָט א רוק געטאָן נענטער צו זיך דאָס פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און ניט אויפהייבנדיק פון דעם זיין בליק געפרעגט:

— ווי אַזוי הייסטו?

קירא האָט געשוויגן. קאָזשוך האָט אויף איר ווידער געוואָרפן א קורצן בליק. „אויך זי האָט אויסגעלערנט שווייגן. א גבירישע טאָכטערל און א פאַרביסענע. מאָדנע... ביז גאַר מאָדנע..." לייענעדיק פון פּאַפּיר, האָט ער איר געזאָגט אז ס'איז געשען א טעות, מ'האָט זי ניט געדאַרפט ארעסטירן. מ'האָט געמיינט, אַז זי ווייסט אפשר עפּעס וועגן דעם טאַטן פון קינד וואָס זי טראָגט — ער האָט ניט געזאָגט וועגן איר מאַן, ווייל אָפיציעל זענען זיי ניט געווען מאַן און ווייב — אָבער זיי פאַרשטייען אַז זי האָט ניט פון וואַנען צו וויסן. אויב די פּאָליציי ווייסט ניט, ווי אַזוי

זאָל א פרוי אין איר לאגע וויסן. ניין. ס'איז באמת געווען א פעלער. מ'האָט זי ניט געדארפט ארעסטירן און דערצו נאָך פירן איבער די גאסן באגלייט פון א זעלנער. עס געשען אָבער צו מאָל טעותים, זי מוז דאָס פארשטיין. זי איז פריי, און קאָן רואיק גיין אהיים. מער וועט זי קיינער ניט באלעסטיקן.

נאָך קיראס ארויסגיין פון צימער, איז סאַווא געבליבן א רגע לעבן דער טיר, געווארט אז דער שעף זאָל זיך מיט אים בעראָטן, ווי געוויינטלעך, וועגן זיין פלאן. דער טעלעפאָן האָט געקלינגען, קאָזשוך האָט אין יענעם מאָמענט באשטימט, אז ס'לוינט אים סאַווא זאָל הערן דעם שמועס און האָט אים אָנגעוויזן דאָס בענקל וואָס איז געשטאנען לעבן שרייב-טיש.

נעכטן האָבן מיר ארעסטירט איינעם פון די אָנגעזעענע קאָמוניסטן, האָט ער אָנגעהויבן זיין באריכט. דעם נאָמען פון ארעסטירטן האָט ער ניט געמאָלדן. דאָס איז געלונגען א דאנק סאַוואן, איינער פון אונדזערע בעסטע, אויב ניט דער בעסטער מיטארבעטער. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען וועגן אים צו רעדן, און שטענדיק צום גוטן. סאַווא האָט זיך א ריר געטאָן אויפן בענקל. אזא לויב און אין זיין אָנוועזנקייט, וואָלט ער זיך געדארפט אויפהייבן אזוי זעט פאַר דער רעגולאמענט. ער איז אָבער געבליבן זיצן א ביסעלע שיף, ניט אהין און ניט אהער, ווייל דער שעף איז געווען פארנומען מיטן געשפרעך. קאָזשוך האָט נאָך א מאָל דערמאָנט אז ס'איז כמעט אויסשליסלעך סאַוואס פארדינסט, אז ער האָט ווידעראמאָל באוויזן זיין אויסדויער און איניציאטיוו אגב-אורחה איבערגעפירט דעם שמועס וועגן דער ליסטע ארבעטער, וועלכע דארפן אָפּפאָרן קיין בערלין. זיך אינטערעסירט ביים גענעראל אינספּעקטאָר וועגן דאטום, אויסגעדריקט זיין באדויערן, ווייל ס'איז אים ערשט איצט איינגעפאלן אז ס'איז אפשר אן אומרעכט ניט צו שיקן נאָך איינעם, ער האָפט אָבער אז מ'קאָן דעם פעלער פארריכטן אויך אין דער לעצטער מינוט. געזאָגט אז ער איז גרייט צו ענדערן דעם פריערדיקן פאָרשלאג, ווייל סאַווא האָט כשר פארדינט אזא באלוינונג. ער איז זיכער אז דאָס וועט אים פארשאפן גרויס פארגעניגן, סאַווא האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, געפרואווט מיט הכנעה עפּעס א זאָג טאָן, געוואָלט דאנקען און איינצייטיק דערמאָנען אז דער פאל איז א קאָמפּליצירטער, אז מ'וועט דארפן אויפדעקן א מענגע פעדעם וואָס פירן אין פארשידענע ריכטונגען, און אז ער איז גרייט צו פארציכטן אויף דער באלוינונג, ווען ס'האנדלט זיך אין אזא ערנסטן פאל, האָט

אָבער קאָזשוך א מאך געטאָן מיט דער האַנט, געהייסן זיצן און צואַ־חארטן מיט זיינע באַמערקונגען. ניין, האָט ער ווייטער גערעדט אין טרייבל, ס'איז קיין מניעה ניט. סאַוואַ קאָן ארויספאָרן נאָך אין זעלבן טאָג. יאָ, אַזוי איז נאָך בעסער, אויב זיי פאָרן פאַרביי, קומט אויס ניט מער ווי צוצושרייבן זיין נאָמען. די דאַטן? יאָ, ער האָט זיי. צודעקנדיק דאָס טרייבל מיט דער לינקער האַנט, האָט ער געפרעגט סאַוואַן דעם דאַטום פון זיין געבורט, תיכף איבערגעחזרט אין טרייבל, זיך אָפּגעזעגנט פאַרזיכערנדיק דעם אינספּעקטאָר, אַז סאַוואַ וועט ניט פאַרשפּעטיקן. דער צוג פאָרט סיי ווי איבער אַראַד, אַזוי אַז ס'קאָנען קיין שום סורפּריזן ניט זיין, אָפּגעדאַנקט און זיך ווענדנדיק צו סאַוואַן מיט א שטראַלנ־דיק געזיכט:

— אויף דעם האָסטו זיך ניט געריכט, האַ? נאָך היינט אין אָוונט פאָרן קיין בערלין אויף א פּאָר וואָכן, האָסטו זיכער ניט געטראַכט, האַ? די באַלוינונג אין זעלבן טאָג, אָט א מזל! ס'איז מיר איינגעפאַלן רעדנדיק מיטן אינספּעקטאָר, אין דער לעצטער מינוט, האַ?

קאָזשוך האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון שטול, געהייסן סאַוואַן וועלכער איז אויפגעשפּרונגען, אַזוי ווי עס פאָדערט די פּראָפעסיאָנעלע דיס־ציפּלין, בלייבן זיצן, ארויסגענומען פון בוזעם־קעשענע א טיכל, לאַנג געווישט דעם שווייס, ווי נאָך א שווערער אַרבעט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז צו לייכט האָט זיך אָנגעהויבן ווערבן זיין פּלאַן, צו לייכט בינדן זיך די פעדעם און ער האָט זיך א רגע אָנגעשפּאַרט אין טיש, געפילט אַז ער מוז באַרירן דאָס האָלץ, אַזוי ווי עס פלעגט טאָן זיין מאַמע. א סגולה פאַר א גוט־אויג. פאַרשטענדלעך, אַז מ'וועט מוזן צואַרבעטן, האָט ער געביטן דעם טאָן מיט א תוכיקן, שפּאַצירנדיק איבער דעם צימער, ביי אַזאַ שטיקל אַרבעט איז זיך שווער צו באַגיין אָן אַזאַ פאַכמאַן, ווי דו. ווער ווייסט ניט אַז ביסט ניט פון די וואָס מ'ציילט דרייצן אין טוץ, אַז ביסט שטענדיק געווען די רעכטע האַנט. צו מאָל מוז מען אָבער פאַרציכטן אויף זיך. חוץ דעם ווערסטו פון דאָרט עפּעס מיטברענגען. אַן אָרגאַניזירט לאַנד, ציוויליזירטע מענטשן, ס'איז דאָ ביי וועמען צו נאַשן. חעגן דעם ביסטו, לויט מיין מיינונג, דער פאַסיקסטער. ניין. ס'איז ניט קיין חניפה. דיך האָב איך דאָך ניט קיין אינטערעס צו חנפענען. מיט דייטש קומסטו אַדורך. ס'איז ניצלעך פון אַלע שטאַנדפּונקטן — קאָזשוך האָט זיך געכאַפּט אַז ער איז צו באַרעדעוודיק, ס'איז ניט אין זיין טבע אַזוי צו רעד

מיט אונטערגעאָרדנטע און האָט פּארענדיקט מיט א פראגע — וואָס זאָגסטו סאווא?

— ערשטנס א גרויסן דאנק — האָט סאווא געענטפערט זיך אויפהויבנדיק, און דאס מאָל האָט אים קאָזשוך ניט געהייסן בלייבן זיצן. ער האָט געפילט אז סאוואס דאנק איז ניט פון גאנצן הארצן. סאווא איז א ספּאָנטאנער און דער דאנק איז געווען א צעצויגענער, גלייך ווי ער וואָלט זוכן אן אויסרייד, א תירוץ, גלייך ער וואָלט וועלן אָפּלייגן, בעטן צייט אויף זיך צו באטראכטן. אים לאָזן צייט צו טראכטן, האָט קאָזשוך ניט געוואָלט.

— און צווייטנס? — האָט ער געפרעגט קאלט.

— צווייטנס, מוז איך זיך גרייטן אין וועג אריין — האָט אָפּגעקלאפּט סאווא און פון זיין ענטפער האָט געשפּארט אן אומבאשטימטער פאָרוואורף.

נאָכדעם וואָס סאווא האָט פארלאָזט דאָס צימער, האָט קאָזשוך א היפּשע צייט שפּאצירט פון איין וואנט צו דער צווייטער. געבליבן שטיין, ווען לעבן שרייב-טיש קוקנדיק לאנג אויף דעם ווייסן ניט באשריבענעם פּאפּיר פון וועלכן קירא האָט געהערט אראָפּלייענען א פּסק-דין; ווען לעבן פענצטער. דאָ האָבן זיך די געדאנקען געוויקלט שנעלער, אין קאדענץ פון די געאיילטע פארבייגייער. טראכטן האָט מען געמוזט שנעל און קלאָר. די סכעמע האָט באקומען א פאָרעם וועלכע מ׳האָט טיילווייז געקאָנט צייכענען אין טוש. אויב, און ווען, סאווא וועט צוריקקומען, וועט ער ויסן וואוהין אים איבערצופירן. א געניטן ארבעטער קאָן מען שטענדיק געבן א נייע אויפגאַבע. אפשר וועט דאָס מער ניט זיין נייטיק. ביז דעמלט מוז מען אייגנטלעך מיט דעם ענין פארענדיקן. וואָס שייך מאָטלען, האָט ער פארשטאנען אז זיין שטאמלען „א דאָקטער" שטאמט ניט פון מאָ, דעם צעשלאָגענעם, נאָר פון דעם פריערדיקן, פון דעם וואָס האָט געווארט אויפן פלאָץ. געווארט האָט ער ווייל אָן קיין דאָקטער האָט ער זיך מער ניט געקאָנט באגיין. קיינער דארף אים דאָס ניט באשטעטיקן. ער ווייסט אז אין שפּיל איז ניט איין מאָ. אָבער אָנהויבן מיט אים פארהאנדלען איז שווער. ער איז דערצו א הארטער, א טראָציקער. ער איז פון יענע ברייטע נשמות, פאר וועלכע דער עיקר איז דער מזבח, דאָס פייער, פאר וועמען דער ציל איז דערהויבן, כל זמן ער איז איינגעהילט אין רויך. מיט אים פארהאנדלען איז שווער. דערצו געפינט ער זיך אויף דער

פּאָליציי און, ווער ווייסט, צי זיין פּלאַץ איז אזעלכעס פון וואַנען מ׳קאָן אָננעמען באַשלוסן. מ׳מוז אויסזוכן דעם דאָקטער, אָדער דעם אַפּטייקער אויף וועלכן ער האָט געוואַרט. אַן אָנדייטונג וואָלט מען אפשר געקענט פון אים אַרויסבאַקומען. קאַזשוד האָט אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן א צעטל אין געדאַנק. שרייבן אויף פּאַפּיר דאַרף מען דערווייל ניט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים נאָמען שאַלאַמאָן. זיכער איז ער ניט געווען, אָבער א פּרוּוו טאָן שאַדט ניט. שוין א לענגערע צייט אַז דער דאָקטער געפינט זיך אונטער אויפזיכט. דורכקוקנדיק מסירות און אינפאָרמאַציעס האָט אויסגעוויזן אַז א טייל פון זיי פירן צום מענטשן וואָס ער זוכט. אויב ער ווייסט וועגן מאָטלס דורכפאַל קאָן ער פאַרשווינדן, א צייט זיך אויסבאַהאַלטן. איצט, נאָך דעם צעשלאָגן די חברה פון די בערג, קאָן ער ווייט ניט אוועק, אָבער פאַרלירן פון אויג טאָר מען ניט, זיי זענען ספּעציאַליסטן אויף אונטערטויכן. קאַזשוד האָט געהייסן רופן אַן אַגענט, אים באַפוילן זיך דערוויסן וואו עס געפינט זיך שאַלאַמאָן, נאָכשפּירן יעדע באַוועגונג זיינע, נאָכגיין פוס־טריט, ניט פאַרלירן פון די אויגן און אים פאַרנאַכט, זעקס אַזייגער, וועגן אַלעמען פּינקטלעך אינפאָרמירן. געוואָרנט אַז אַלץ מוז געטאָן ווערן בסוד סודות.

## 9

מאָ האָט דאָס קומען צו זיך פאַרלענגערט. די געדאַנקען זענען פיבערדיק געלאָפן פון קיראַן צום פאַרוואונדעטן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס מ׳האָט זי אַרעסטירט. אויף וויפל ער ווייסט, האָט מען מיט איר איבערגעריסן יעדע קאָמפּראָמיטירנדיקע פאַרבינדונג, זינט א לענגערער צייט. ווען איר מעוברתדיקייט האָט זיך אָנגעהויבן באַמערקן, האָט מען גערעכנט, אַז ס׳איז בעסער אַזוי. א טראַגנדיקע איז לייכטער נאָכצושפּירן, מ׳באַמערקט לייכט איר אָנוועזנקייט, איבערהויפּט אין איר לאַגע, ווען אַלע ווייסן, אַז זי איז זיין פרוי. אַז מאָ איז דער פאָטער פון קינד ווייסט אויך די פּאָליציי און דאָס איז גענוג, אַז זי זאָל זיין אונטער זייער אויפזיכט, אַז מ׳זאָל באַאָבאַכטן יעדע באַוועגונג אירע. ער געפינט זיך שוין א לענגערע צייט אין שטאָט, און ביז איצט איז גאָרניט געשען. אויף איר קאָן קיין שום חשד ניט פאַלן, קיינעם קאָן ניט איינ־

פאלן אז זי ווייסט עפעס וועגן אים, וואו ער געפינט זיך, און פלוצים ארעסטירט מען זי. מעגלעך אז ס'איז ניט מער ווי פּאָליציייאישע הינטער־ליסטיקייט, וואוהין זשע האָבן זיי דערמיט געוואָלט דערגיין. אַצינד וױלן זיי שוין זיכער גאָרניט. אַצינד, ווען ער איז ביי זיי אין די הענט האָט שוין מער איר אַרעסט קיין שום ווערט און זין ניט. אָדער אפשר יאָ. אפשר ווילן זיי אים אויף אַזאַ אופן צווינגען צו ווערן ווייכער. האָבן זיי זי אָבער פאַרנומען נאָך איידער זיי זענען געווען זיכער אז זיי וועלן אים כאַפּן. קלאָר איז איינס, זי איז ארעסטירט און אין אַזאַ צושטאַנד... און דאָס קרעכצן! פון וואַנען קומט דאָס קרעכצן? וואָס וועט זיין מיט דעם פאַר־וואונדעטן, מיטן קראַנקן? ער מוז דאָך האָבן אַ דאָקטער. מ'האָט געצויגן אין דער לאַנגער באַנק, אָפּגעלייגט פון היינט אויף מאָרגן, געהאָפט אז מ'וועט זיך קענען באַגיין. נו, איז געקומען דער טאָג ווען מ'האָט מער ניט געקאָנט און ניט געטאָרט וואַרטן. די טעמפּעראַטור איז שרעקלעך געוואַקסן. ניט געווען וועמען צו שיקן, רעדט ער זיך אַליין אויס כאָטש ער ווייסט אז דאָס וועט מען אים שווער מוחל זיין. און דאָך איז קיין אַנ־דערע ברירה ניט געווען. ווען זייערע וועגן זאָלן זיך ניט געווען קרייצן... מאָ איז ניט קיין אָבערגלויביקער, כאָטש אַזוי שיינט אים דער צופאַל ניט צופעליק. וואָס, אָדער ווער, האָט זי געשטויסן אויף דעם וועג. ווענענס היפּנאָז איז עס געווען? סאַוואַ האָט געזאָגט, אז דער פאַרגעזענער מאַרש־רוט איז געווען אַן אַנדערער, אז קירא האָט פאַרקערעוועט רעכטס, אָדער לינקס פון איר אייגענער איניציאַטיוו. ווער האָט איר געקאָנט איינרוימען אז אויף דעם וועג וועט זי אים באַגעגענען און זי האָט ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון צו וואַרפן אויף אים כאָטש איין בליק פאַר איר פאַר־שיקט ווערן ערגעץ אין אַ לאַגער. ווער קען וויסן וואָס פאַר אַ מחשבות ס'האָבן זי באַוואויגן צו אָט דעם שפּאַן; ער קען פאַרשטיין, ער ווייסט וויפל מאָל אים אַליין האָט זיך געוואָלט, אין די לעצטע וואָכן, אַ שפּרונג טאָן, זיך אַריינכאַפּן אַהיים כאָטש אויף איין רגע. ניט איין מאָל האָט ער זיך אין מיטן נאַכט געלאָזט צו דער טיר: קירא איז דאָ ניט וויַיט. קיי־נער וועט אים ניט באַמערקן. ווער קען זיך אַזוי קונציק שלייכן לעבן ווענט, ווערן איינס מיט דער מויער ווען ער דערשמעקט אַ געפאַר? ער האָט זיך יעדעס מאָל באַהערשט. ער וואָלט דאָך געוועזן צווישן די ערשטע וואָס וואָלטן פאַראורטיילט, כמעט ווי פאַרראַט, אַזאַ ניט באַוועלטיקן זיך. ווי אַזוי האָט דאָס קירא געקאָנט טאָן? ניין, ס'איז ניט מעגלעך. קירא — זיין ווילדער לאָק אויף דעם טונקל־הויטיקן שטערן, איר לויטערער

בליק, זיין מאַמעקינד — האָט דאָס ניט געקאָנט טאָן, זי האָט פּשוט ניט געפּילט די געפאַר. קירא קאָן ניט שולדיק זיין. און דאָך האָט זי פאַרקערעוועט פון היטנערגעסל... (קיינער וועט קיין מאָל ניט פאַרוואָרפן מאָטלען זיין אויפציטערן דעמלט, ווען ער האָט פּלוצים דערזען קיראַן. אויך ניט ער אליין. ער האָט אין דעם — וועגן וועלכן נאָר ער האָט געוואוסט — פאַרגעסן. קליינע שוואַכקייטן פאַרגעסן זיך, ווייל זיי זענען קליינע, צוליב זיי האָט מען אַמאָל איינגעפּירט שכחה). ניין, ליגן ווייטער אין חלשות איז געוואָרן איבער זיינע כוחות. ער האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן קוים באַוועלטיקנדיק די ווייטיקן אין אלע אבריב. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן קומען גיכער, ווידער זיך נעמען צו דער אויספאָרשונג, אפשר וועט ער אויף אזא אופן דערגיין וואָס פּינקטלעך זיי ווילן, וואָס זיי ווייסן, און וואָס זיי ווייסן ניט. זייערע פראַגעס קאָנען ברענגען עפּעס נייעס, אן אָנדייטונג, א פאָדעם, א פּונק, אין דער פינצטערניש. כאָטש איין פראַגע פון וועלכער ער זאָל זיך דערוויסן וואָס פאַר א שייכות עס האָט מיט קיראַן, וואָס ווייסן זיי וועגן די פאַרוואונדעטע, אויב זיי ווייסן איבערהויפּט עפּעס וועגן זיי. קריכט די צייט ווי א שנעקל, זוכט מיט בלינדע הערנערלעך א וועג, שפּייט קלעפּיקע שעהן, איינע, א צווייטע, א דריטע, און קיינער באווייזט זיך ניט. ניט סאַווא און ניט קיין אנדערקער מאָטל שפּאַנט אהין און צוריק איבער דעם תפיסה־קעמערל לאַנגזאַם, צו ערשט זיך צעפירן די ביינער, נאָך דעם וואָס אמאָל שנעלער, נערוועז, ס'וויל זיך אים א דראַפּע טאָן ביז צום פענצטערל וואָס העט אויבן נאָענט צו דער סטעליע, א קוק טאָן נאָר איין רגע כאָטש, אפשר וועט זיך באווייזן עפּעס א סימן, וואָס זאָל אויפקלערן, אין וואָס ס'האַנדלט זיך, די ביינער ברעכן, דאָס פלייש ווייטיקט און ער שפּאַנט מיט פעסטע טריט, מ'זאָל הערן אז ער באוועגט זיך, מ'קאָן שוין ווידער איבער אים „ארבעטן". ווי אויף להכעיס, קיינער קומט ניט.

נאָך עטלעכע שעה עפנט א פּאָליציסט די טיר, וואַרפט אויף מאָטלען א בליק, גלייך ער וואָלט נאָך קיין מאָל ניט געזען אזא באַשעפעניש, שטעלט אוועק א קוואָרט מיט וואַסער, רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט און פאַרשליסט די טיר. מיד פון זוכן אן ענטפער אויף די פראַגעס וואָס מוטשען אים, פון אזוי פיל שפּאַנען איבער דעם קעמערל, זעצט ער זיך צו אויפן שמאָלן בעטל. די געדאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט ווי דאָס קלאַפּן פון זייגער ווען עס גייט אויס די פּרוזשינע. ער איז פאַרגולמט, פאַרטימטומט, ער פילט אז די כוחות פאַרלאָזן אים, רינען פון די אָדערן, פון די מוסקולן;

די אויגן־לעפלעך קלעפן זיך, עס ציט צו שלאָפן, צו אן אייביקן שלאָף וועלכן מ׳וואָלט געמוזט פארטרייבן, באהערשן, ווייל דער שלאָף איז א שרעקלעכער שונא, אין אים לויערט געפאר...

דער מורעש* פליסט קויל, ער איז שלעפעריק, די פלאזשע איז איבער־פולט מיט מענטשן. אלט און יונג לויפן אין פארשידענע ריכטונגען שלאָגן זיך אָן איינער אין צווייטן און באמערקן דאָס אפילו ניט; זיי גיסן זיך פשוט צוזאמען און טיילן זיך ווידער אויס, איינער פון אנדערן. ס׳איז א טאנץ פאר וועלט־אונטערגאנג. דער הימל איז א שרעקלעך לויטערער, אָן איין כמארעלע, א שווארצער **הימל און** אויף אן ארט שטייענדיקע בוענערדיקע זון, א זון אָן שטראל. א קיילעכדיק אָנגעגליט שטיק אייזן, וואָס בריט די הויט. כוואליעסווייז ווארפן זיך די מענטשן אין וואסער. שווימען קאָנען זיי ניט, גיבן זיי א פליוך און פארשווינדן אין דער טיפעניש. דויערט ניט לאנג קריכן זיי ארויס אויפן אנדערן ברעג דערטרונקענע, אומגעהויערע, פון וואסער אויפגעבלאָזענע בייכער. מיט פארוואסערטע בליקן שטרעקן זיי די הענט צו דער זון, טרוקנט זי זיי. די בייכער פּלאצן אויס, אין די אויגן באווייזט זיך א פייערלעכער, געצנדינערישער אויסדרוק און זיי זינגען ליבגעזאנגען. אויסגעלייזט געוואָרן פון אומגליק, דער וועלטס אונטערגאנג איז אָפגעלייגט געוואָרן. זיי טאנצן פאר פרייד, לויפן אין אלע ריכטונגען, ווארפן זיך פארצויבערטע אין וואסער כוואליעסווייז, טויכן אונטער אויף דער אנד׳ערער זייט טייך, און אויף דער זייט קומען ארויס שווער־רירעוודיקע טשערעפּאכעס. א וואלד טשערעפאכעס. אויף זייערע רוקנס שפּאנט פאָרזיכטיק, ווי אויף שפּיציקע שטיינדלעך, הירא. נאָר זי איינע איז ארויסגעקומען פון וואסער אזעלכע ווי זי איז אריינגעשפּרונגען. אין דער רעכטער האנט טראָגט זי א גרין זשאבעלע און אין דער לינקער א רויטן ראק. זי קומט גלייך צו אים און וואָס מער זי דערנענטערט זיך, בייט זיך איר קערפער, פון א גלאנציק בראָנדזענעם ווערט ער א דור־זיכטיק גלעזערנער. ניין. פון א ווינטעלע אויפגעבלאָזענער וואזאל, א כמארעלע וואָס שוועבט איבער די קוים קריכנדיקע טשערעפאכעס, דאָס ווילדע לאָקעלע פארשווינדט און צוזאמען דערמיט דאס קעפעלע, דאָס קערפערל פארעט זיך אויס, די זון רייסט זיך אָפ פון שווארצן הימל און פאלט, פאלט מיט א הילכיק געלעכטער...

---

* מורעש — איינער פון די טייכן אין רומעניע.

אויפגעוועקט פון שלאָף האָט אים דער סקריפּ פון טיר, און וועלכער ס'איז געשטאַנען קאָזשוך. ער איז אַריינגעגאַנגען און די וואַך האָט פאַר־האַקט די טיר הינטער אים. ס'האָבן זיך געהערט דעם וועכטערס זיך דערווייטערנדיקע טריט. ווען זייער אָפּקלאַנג איז פאַרלאָשן געוואָרן, ערגעץ אויפן קאָרידאָר, האָט זיך קאָזשוך אוועקגעזעצט אויף די האַרטע ברעטער לעבן מאָטלען.

— אייל דיך ניט, האָט א זאָג געטאָן קאָזשוך גוטמוטיק, ווען מאָ האָט זיך א ריר געטאָן אין א זייט, גלייך ווי זיין הויפּט-זאָרג וואָלט געווען חלילה ניט באַאומרואיקן מאָטלען. מיר האָבן צייט.

מאָ איילט זיך ניט, ער איז נאָך אונטער דעם איינדרוק פון חלום. פאַר וואָס, פרעגט ער זיך, אַזעלכע עקעלהאַפטע טשערעפּאַכעס? געוויינט־לעך זענען זיי סימפּאַטישע. ער האָט ליב זיי א גלעט טאָן איבערן קעפּעלע, זיי לאָזן קריכן אויף דער האַנט, פילן זייערע קליינע נעגעלעך. פאַרדריסט עס אים, וואָס אין חלום האָט עמעצער חוזק געמאַכט פון דעם מאָדנע אָנגענומען באַשעפעניש. ס'האָבן דאָך געקאָנט זיין שטשורעס, זיי פּאַסן זיך בעסער צו זיין איצטיקער לאַגע.

— אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען. אויב ס'איז שוין יאָ אַזוי...

מאָטלען האָט דער טאָן פון די לעצטע ווערטער געקלונגען, ווי אַמאָל דעם מלמדס „ואני און איך יעקב, האָב ניט אַזוי געטאָן...״ און ס'האָט זיך אים געוואָלט לאַכן, לאַכן פון קאָזשוכן און פון מלמד, וועלכער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין הדרל.

— ...אויב ס'איז שוין יאָ אַזוי, וואָס וואָלסטו זאָגן וועגן א שפּיל מיט אָפענע קאָרטן, מאָ?

— איך הייס ניט מאָ. מיך רופט מען מאָטל וווּרגאַפט.

— כ'ווייס, כ'ווייס, ס'איז פאַר מיר קיין נייעס ניט — רעדט רואיק קאָזשוך — איך דאַרף אָבער ניט מאָטלען. אַזוי האָסטו געהייסן אין שול און אין פאַבריק. אַזוי האָט מען דיך גערופן ביי דיר אין שטעטל אָדער דערפל. איך דאַרף מאָען, ניט אַזוי צוליב דער שיינקייט פון דיין קאָנס־פּיראַציוון נאָמען, ווי צוליב דיינע קאָנספּיראַטיווע חברים.

מאָ האָט געשוויגן, ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט צום משונהדיקן חלום, געפּרוּווט אים אויסטייטשן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער מוז האָבן א באַזונדערן פּתרון.

— שווער צו גלויבן, אָבער דער אמת איז, אז איך בין נאָך דיין קאָפּ ניט געקומען. כ'דארף אים ניט. צו מיין קונסט גאלעריי פעלט ער מיר ניט אויס. און נאָך א פויזע, זעענדיק אז מאַ בלייבט גלייכגילטיק, האָט ער געפונען א שטארקערן ארגומענט, ווען ס'זאָל ניט זיין אזוי, וואָרגאפּט, וואָלט דאָ געווען סאוואַ, ניט איך.

— און קיראַ? מיט איר וואָס האָט איר? וואו איז זי? האָט כמעט ניט ווילנדיק געפרעגט מאַ.

— וואו זאָל זי זיין, אז ניט אין דער היים. זי האָט, ווייזט אויס, אָפּגעטאָן ניט וויסנדיק און זיך ניט פאַרשטעלנדיק, דאָס אויף וואָס קיינער האָט זיך ניט געריכט. געפירט סאוואן אויף דיין וועג, ניט טראַכטנדיק אז ס'קאָן זיין דיינער. ווען זי זאָל זיך געווען אָנשטויסן אזא מעגלעכקייט, איינס פון טויזנט, וואָלט זי געווען געגאַנגען ווייטער אפילו ריזיקירנדיק צו פארלירן דאָס קינד... זי פירן דורך הינטערגעסלעך, איז געווען סאוואס אויפטו. איר נאָכגעגאַנגען און געוואַרט, אפשר וועט זי וואַרפן א בליק וואָס קאָן זיין עפּעס אן אָנדיים, אפשר וועסטו באוויזן דאָס פּנים אין א פענצטער. נארישע אויפטועכצן, אזוי לאנג, ווי ס'מישט זיך ניט אריין דער גורל, אָדער ווער ווייסט וואָס. ער וואָלט דיך ניט געווען דערקענט. ער האָט מיר געזאָגט אז דיין גרים איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער, א קינסטלעריש שטיקל ארבעט. האָט אָבער דאָס אויך ניט געהאָלפן. זי האָט פארקערעוועט, דאָס געסל איז גריבערדיק... מלחמה, דער שטאָט-ראַט גיט זיך ווייניק אָפּ... דאָס קינד האָט זי ניט געוואָלט פארלירן. אזוי זענען מעוברתע פרויען. פארשטייסט, שווער צו זאָגן אז אפילו סאוואַ איז שולדיק... אפשר דאָס קינד... גענומען אויף זיך א שולד, נאָך אין דער מאַמעס בויך.

קאָזשוכס פּלאַפּלען איז צוויסגעקומען אין גאַנצן אומפאַרשטענדלעך. זיין פילאָזאָפירן איז ניט געקראָכן אין קאָפּ אריין. דער שמועס פירט ניט וואוהין מאַ האָט געהאָפט. ניין. פון אים וועט ער זיך גאָרניט דערוויסן. ער האָט ניט געגלויבט אז זיי האָבן טאקע באפרייט קיראַן. א געלאַסענער ווי ער איז וועט קאָזשוך זיך אפילו מיט קיין גרימאַסע ניט פאַרראַטן. בעסער וואָלט ער געריסן שטיקער, אָדער געשיקט סאוואַן. בעסער זאָלן זיי זיך איזדיעקעווען, פארלירן דאָס געדולד, זיך אפשר איבערוואַרפן מיט א וואָרט, איבעררעדן זיך. מ'וואָלט געקאָנט פּרוּוון אים פּראָוואָצירן מיט א באליידיקונג, מיט אָנשעלטן, שרייען, איז אָבער קאָזשוך אליין.

ניט קיין געוויינטלעכער צוגאַנג ביי זיי. וואָס קאָן דאָס באַטייטן, וואוהין צילט ער? צו רואיק, צו געלאַסן איז ער, דער ממזר.

קאַזשוך האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט איבער דעם קעמערל און זיך ווידער אוועקגעזעצט.

— ענג, זייער ענג — האָט ער גערעדט ווי צו זיך — קיין בעסערס קאָן איך דיר ניט געבן. אפילו ווען איך זאָל וועלן... זאָג נאָר וואורגאַפּט, וואָס טויג דיר אַ דאָקטער? די פראַגע איז געקומען פּלוצימדיק.

— איך דאַרף קיין שום דאָקטער ניט. ווער זאָגט אַז איך דאַרף אַ דאָקטער? די נערוון זענען געוואָרן אָנגעשטרענגטער, ס'האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַ סטעושקעלע.

— דו. טאַקע דו אַליין.

— איך? ווי שווער ס'איז אים ניט אָנגעקומען האָט מאַ זיך דאָך צעלאַכט. אַ דאָקטער, זאָגסטו?

— סאַווא וועט קיין ליגן ניט זאָגן, מאַ. פון חלשות האָסטו גערעדט וועגן אַ דאָקטער.

— מאַלע וואָס אַ מענטש רעדט פון חלשות. זייט ווען האָט איר דאָ דאָקטוירים? איך דאַרף קיין דאָקטער ניט, כ'בין פולשטענדיק געזונט.

— הער זיך איין וואורגאַפּט, אַז ביזט פולשטענדיק געזונט ווייס איך, אָבער אַ דאָקטער דאַרפסטו יאָ. ניט וועגן דיר, וועגן דיינע פאַרוואונדעטע חברים דאַרפסטו אים — מאַ האָט קוים באַהערשט די שוואַכקייט וואָס ער האָט דערפילט אין גאַנצן קערפּער — איך מיין, האָט ווייטער גערעדט קאַזשוך מיט דער זעלבער געלאַסנקייט און מאַען האָט זיך געדאַכט אַז דאָס קול קומט פון דער אַנדערער זייט וואַנט, אַז ווען דו וואָלסט מיר געזאָגט דעם דאָקטערס נאָמען, וואָלטן מיר פאַרשפּאָרט אומזיסטיקע און אפשר געפערלעכע זוכענישן.

— פון קיין פאַרוואונדעטע ווייס איך ניט, און פאַרשפּאָרן זוכענישן איז ניט מיין דאגה. אויב ניט נישטערן, בלייבט אייך דאָך ניט וואָס צו טאָן. דאָס איז דאָך אייער עקזיסטענץ, אַזוי אַז בעסער זוכט.

— איך האָב געזאָגט, אַז ס'וואָלט אונדז פאַרשפּאָרט אומזיסטיקע און אפשר געפערלעכע זוכענישן — קאַזשוך האָט געשטעלט אַ באַזונדערן טראָפּ אויפן וואָרט „אונדז", געוואַרט אַ רגע אויף מאַטלס רעאַקציע און צוגעגעבן — פאַרשטייסטו?

— כ׳ווייס ניט צי ס׳איז דאָ וואָס צו פאַרשטיין — האָט מאַ געענטפערט און איז זיך פאַרזונקען אין זיינע אייגענע זוכענישן. ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זיי ווייסן מער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די לאַגע איז פיל קאָמפּליצירטער און די געפאַר א סך גרעסער.

— אַז דו ביסט אַן איינגעשפּאַרטער ווייס איך, מ׳זאָגט אַז קיין נאַר ביסטו ניט. ניין, ניין — האָט זיך קאָזשוך געאיילט צוצוגעבן, כדי צו פאַרמיידן מאַטלס א גראָבקייט אויף זיין לויב — ס׳איז ניט קיין חניפה. כ׳ווייס אַז דאָס איז ניט קיין ווענטקעלע פאַר א חברה־מאַן, ווי דו. מיט דיר האָט קיין זין ניט אָנצוווענדן סאָוויעטישע כיטרעקייט. פאַר אַזעלכע יאָטן טויג זי ניט קיין צייט האָבן מיר ניט, די געסטאַפּאָ וואָלט זיך געקאָנט אַריינמישן, און דאָס מוז מען אויסמיידן. ביסטו אָ ער איינגעשפּאַרט ווי אַן אייזל. וועט מען דיך, הייסט עס מוזן ראַטעווען אַנדערש...

קאָזשוך האָט א קלאַפּ געטאָן אין דער טיר, די וואַך איז געקומען צו לויפן און געעפנט, ער האָט געוואָרפן אַ לעצטן קוק אויף מאַטלען מיט פאַרוואָרף, און אַרויסגייענדיק די טרעפּ געטראַכט: א פאַנאַטיקער, קיין גרויסע פּאָליטיק קאָן מען מיט אים ניט טרייבן, א שאָד, מ׳וואָלט געקענט געווינען צייט. מיט דער צייט וועט ער זיך אָנשטויסן. אויב ניט קיין הילף, אָבער אַן עדות וועט ער אַמאָל קאָנען זיין. און עדות מער שאַדט ניט"...

מאַטל האָט זיך אַ לאַנגע צייט געראַנגלט מיט נייע געדאַנקען, געוואָלט פאַרשטיין וואָס זיי ווייסן און וועלכע קאָן זיין די סיבה פון קאָזשוכס העפלעכקייט, וואָס באַהאַלט זיין נייער מעטאָד.

## 10

קאָזשוך איז אַרויס פון דער פּאָליציי-געביידע. ס׳איז געקומען די צייט א שפּאַציר טאָן איבער די גאַסן, נאָך אַמאָל פעסטשטעלן אַז אַרעס-טירן אָדער באַפרייען, מוטשען אין פּאָליציי-קעלער בייט כמעט אַזוי גרויס ווי גאָרניט פון די מענטשנס שטענדיקן געלויף. די פּיס האָבן אים פאַרטראָגן צום אָרט וואו דאָס געסל פאַלט אַריין אין פּלאַץ. דאָרט וואו סאָוואַ האָט אָפּגעשטעלט מאַטלען. אַנטקעגן איז א קאַפע־הויז. ער איז אַריין, און זיך אַוועקגעזעצט ביי א טישל, לעבן פענצטער. אַן עלטערער קעלנער האָט געבראַכט קאַווע און קאָזשוך האָט אים געבעטן בלייבן א

רגע. ער וויל וויסן צי נעכטן, ווען מ׳האָט פאַרבײַגעפירט קיראַן, האָט ער זיך געפונען אין קאַפע-הויז. י. , ער איז געווען דאָ. יאָ, ער האָט באַמערקט א מענטשן וואָס איז געשטאַנען א לענגערע צייט אויפן ווינקל. דאָס קאַפע־הויז איז געווען ליידיק. ניין, ניט אמת, איין קונה איז דאָך געווען. דעם נאָמען דערמאָנט ער זיך ניט, אָבער ער קען אים. א הויכער א בעל גוף עטוואָס שטומפּיק אויפן לשון. זיין רעאַגירן, ווען ס׳האָט זיך באַוויזן די פּרוי מיטן זעלנער? גאָרניט, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט דאָס אפילו ניט באַמערקט. ניין, ווידער א טעות. ער האָט גערופן באַצאָלן, גלייך ער וואָלט זיך געווען געאײַלט, פּלוצים איז אויסגעוואַקסן די פּרוי באַגלייט פון זעלנער, באַאײַנדרוקט פון דעם געשעעניש האָט ער זיך צו־ריקגעזעצט, א וואָרטשע געטאָן: „מיטן בויך ביז דער נאָז און, האָט קיין רו ניט. א וועלט, גאָטעניו״. און זיך געהייסן ברענגען א קוכן.

— פּאַרזיכן דאָס ביטערע געשעעניש — האָט זיך קאָזשוך דער־לויבט א ווערטל מיטן קעלנער. ער האָט זיך דערוואוסט מער ווי ער האָט זיך געריכט. די קאַווע — פאַר אים האָט זיך געפונען עכטע קאַווע, ניט דער געוויינטלעכער קריגס-סורראָגאַט וועלכן מ׳פלעגט אונטערטראָגן אַלטע שטאַם-קונים ציענדיק אומבאַהאָלפן מיט די אַקסלען — האָט באַקומען א באַזונדערן געשמאַק. ס׳האָט דערמאָנט דעם אייביקן חשבון מיטן אַלטן טאַבערנאַקע, מיטן פרייז וואָס האָט א ם געשיקט אַרבעטן אויף דער פּאָלי־צײַ. מאָמענטן, אין וועלכע מ׳פלעגט אים אָפּגעבן באַזונדערן כבוד, פלעגן אים איבערצייגן, אַז דעם פריצס עצהן איז ניט געווען דערכאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן אַז ער, קאָזשוך א פויערס א זון, טויג ניט צו עפּעס אַנדערש. אָט באַציט מען זיך צו אים ווי צו די פּני פון שטאָט. קאָזשוך האָט געפילט ווי דער אַראָמאַט גיסט זיך אָנגענעם אין אַלע אברים, פליסט לאַנגזאַם אין די אָדערן, פאַרשפּרייט זיך און דערפרישט דעם קערפּער, מונטערט די מוסקלען. „א שאָק רענדלעך איז ווערט אַן אַלטער מעלצער, האָט ער געטראַכט, אַן אייער, און ווייסט ווען מ׳דאַרף האַלטן די צונג. א שאָק רענדלעך...״ ס׳האָט זיך אים געגלוסט באַלויגען מיט א שיינעם טרינק־געלד, זיך באַצייטנס באַטראַכט, אַז בעסער ניט. ניט מחמת קאַרג־שאַפט. ס׳איז ניט געווען קיין טאָג פאַר קאַרגשאַפט. „אַן ענציקלאָ־פּעדישער קאָפּ, ער קאָן אויך דאָס פאַרצייכענען. ניין, מ׳דאַרף ניט״.

דער אָגענט, וועלכן קאָזשוך האָט געהייסן נאָכשפּירן שאַלאַמאָנען, האָט געמאָלדן אַז דער דאָקטער איז אַרויס פון שטוב אין דער און דער שעה, געגאַנגען אויף די און די גאַסן, אַרײַנגעגאַנגען אין קאַפע־הויז

אים ארומגעפירט איבער אנדערע גאסן, מיט קיינעם זיך ניט אפּגעשטעלט, זיך מיט קיינעם ניט געגריסט, ארומגעגאנגען א פארטראכטער, אויס־געזען פארנומען מיט ווער ווייסט וואָס פאר א געדאנקען און סוף כּל סוף זיך אומגעקערט מיט א שעה צוריק אהיים, פון וואנען ער רירט זיך מער ניט. אן אנדער מאָל וואָלט אים קאָזשוד געווען אויסגעזידלט, געמאכט מיט דער בלאָטע, אים דערוויזן, אז ער איז אן אידיאָט ס׳איז געווען קלאָר, אז שאלאמאָן האָט אים באמערקט און ארומגעפירט נאָך א סוכּה־שער. דאָס מאָל האָט ער אים געהייסן גיין. דאָס וואָס ס׳האָט אים אינטערעסירט, האָט ער זיך דערוואוסט. שאלאמאָן איז הייסט עס אין דער היים ביי זיין טאטן. ער וועט מיט אים קאָנען רעדן נאָך אין דעם זעלבן אָוונט.

...אינטעליגענטן האָט קאָזשוד ניט זייער ליב. זיי רופן ביי אים ארויס א מינדערווערטיקייט־געפיל, דערמאָנען אים אין דער ניט אָנגענעמער זייט פון זיין לעצטן באגעגעניש מיטן אלטן פריץ. ער פילט זיך אין זייער קעגנוואַרט גלייך ער וואָלט טראָגן דאָס רעקל אויף דער לינקער זייט; ס׳איז א מין אינטערשלאק געפיל. ער ווייסט, אז דאָס ראָטן אים ארבעטן אויף דער פּאָליציי איז אין א גרויסער מאָס געווען דערפאר, ווייל ביים פריץ האָט זיך אָנגעהויבן ענדזוקן די אפּותיקה, ס׳האָט זיך באוויזן א דנאָ אין שמאלץ גרוב. ס׳איז פאר אים קיין סוד ניט געווען, אז די שול־טאקסע צאָלט ד[ע]ר פריץ און אין יענעם יאָר, ווען ער האָט געענדיקט די גימנא־זיע און ניט שלעכט אָפּגעלייגט די מאטורע, איז געווען א שלעכט גע־רעטעניש. אין קאָנטאקט מיט אינטעלעקטועלע ווערן אָבער די געוויסקייטן ספּקדיקע, שווימט ארויף די מעגלעכקייט, אז דער אלטער פריץ האָט דאָך געקאָנט טראכטן, אז דעם באטראקס זון טויג ניט צו עפּעס אנדערש, און עס באזעצט זיך א ניט אָנגענעם געפיל, א פריקרעקייט אזא. היינט מוז ער דאָס געפיל באוועלטיקן, היינט מוז ער רעדן ווי צו זיין גלייכן, אין דעם ליגט דער סוד פון נצחון, פון דעם הענגט אָפּ זיין דערפאָלג. צווישן דער אינטעליגענץ זענען פאראנען מענטשן אויסגעהאלטענע, ניט ערגער פון מאָען, און שאלאמאָן געהערט צו אָט דעם סאָרט. ער איז פון די וועלכע זענען אומשטאנד אָפּצושאצן א סיטו־אציע אָפּוועגן דעם „פאר“ און „קעגן“ האָבן דעם מוט צו נעמען אויף זיך די אחריות, ער איז פון די וואָס האָבן פארנעם, מיט איין וואָרט זיי זענען פּאָליטיקער. די פראגע איז נאָר, וואָס פאר א פלאץ שאלאמאָן פאר־נעמט אין דער אָרגאניזאציע, ווי נאָענט שטייט ער פון שפּיץ, פון דאָרט וואו מ׳באשטימט. אין דעם פאל מוז מען דערגיין צו די וועלכע האָבן

די קאָמפּעטענץ אָנצונעמען אַ באשלוס, אנדערש איז די גאנצע טירחה אן אומזיסטיקע.

אין אָוונט האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער פאַמיליע שאלאמאַן. אויפן וועג אהער האָט ער זיך געכאַפּט, אז זיין גאנג איז ניט אזא זיכערער ווי געוויינטלעך. ער דרייט אָפּט דעם קאָפּ אויף ארונ־טער, ס'דאכט זיך אים, אז עמעצער גייט אים נאָך. „נאָך גאָרניט, און שוין באנעם איך זיך ווי א זייעריקער", איז אים איינגעפאלן און ער האָט זיך צעלאכט אויף א קול. דער אָפּקלאַנג פון געלעכטער אין די פּוס־טע גאסן האָט אים געשראָקן. „ניט גרינג צו זיין א זייעריקער", האָט ער א טראכט געטאָן און דאָס מאָל מער ניט געלאכט. ווען שאלאמאַנס פאָטער האָט אים געעפנט די טיר איז ער אריבערגעטראָטן די שוועל מיט א ביסעלע צו פיל איילעניש. דאָס ליכט פון צימער האָט אויסגעזען צו רוי און ביי אים ארויסגערופן אן אים ניט באקאַנט געפיל.

שאלאמאַנס פאָטער — דער אין די גילדענע צייטן פון „קייזער אונד קעניג", אָדער ק. אונד ק. ווי מ'פלעגט זאָגן, בכבודיקער אדוואָקאַט, וואָס איז אמאָל געווען געמיינדע־ראַט און שפּעטער איינער פון די אָנ־געזעענסטע מיטגלידער פון „אַנוואלטשאַפטס קאָלעגיום" — איז היינט ניט מער ווי דער ייד שאלאמאַן וואָס האָט, לויט די נייע געזעצן, קיין רעכט ניט צו פּראַקטיצירן. צו מאָל קומען יונגע יוריסטן זיך האלטן בסוד און עצה, פאלט עפּעס צו, אזוי פיל, וויפל עס קלעקט קוים אויף דעם כאבאר וואָס ער צאָלט יעדן מאָנאט טאָקע קאַזשוכן, אז ער זאָל אים ניט אריינטראָגן אין די ליסטעס פון די וואָס גייען יעדן טאָג אויף צוואנגס־ארבעט. פרעגן פון וואָס ער לעבט, פרעגט מען ניט, ווייל ביי די אומות העולם איז אָנגענומען, אז א ייד האָט. פון וואנען? דאָס זעט אויס א משונהדיק ווילדע פראגע. וואָס הייסט פון וואנען? א ייד גיט זיך אן עצה. שאלאמאַן האָט זיך באמת אן עצה געגעבן. צו ערשט האָט מען פאר־קויפט צירונג, דערנאָך לעפל און גאָפּלען, שפּעטער א טייל פון מעבל. געהיט ווי דאָס שווארצאפּל האָט מען די ביבליאָטעק. איצט, ווען ער האָט דערזען קאַזשוכן, האָט ער דערפילט א שווערקייט אין נאַקן. ערשט ניט לאנג אים געגעבן זיינס און ער איז שוין ווידער דאָ. ביז אצינד איז עס קיין מאָל ניט געשען. ער האָט געהאלטן קאַזשוכן פאר א לייטישן גוי, וואָס האלט זיך אין געוויסע ראַמען. ער נעמט, ווייל אזוי פירט זיך, אָבער רייסן די הויט רייסט ער ניט. אמת פון אמאָליקן דרך־ארץ איז געבליבן ווייניק, אמאָל וואָלט ער זיך ניט געווען דערלויבט ארייננצופאלן

אומגעבעטן צו שאלאמאנען אין הויז, איז דאָס אָבער געווען אמאָל. דע-
מלט איז פאר א קאָמיסאר געווען א זכיה, א כבוד ארייִנצוגייִן צו שאלאָ-
מאָנען. ער האָט געמוזט האָבן אן ערנסטע סיבה, א קאָמפּליצירטן ענין,
אין וועלכן מ'האָט זיך געניטיקט אין דער מיינונג פון א מומחה, פון
אזא קאָמפּעטענטן יוריסט, ווי שאלאמאָן, א מיינונג מיט א גרויסער וואָג.
אציִנד באשטייט זייִן דרך־ארץ אין דעם וואָס ער רעדט העפלעך, וואָס
ער רופט אים ניט, ווי אנדערע פשוט ביים נאָמען — די פּראָפעסיעס
האָבן זיי אָנגעוואוירן און דעם טיטל „הער" על אחת כמה וכמה — נאָר
ער שאלאמאָן, ער נעמט א גלעזל משקה (צי ערגעץ אנדערש זאָגט ער
זיך אָפּ, איז שאלאמאָן ניט זיכער), ווינטשט „צום געזונט", פאַרט ניט
ארויס מיט „גיב", נעמט דעם קאָנווערט און לייגט אים ארייִן אין קע-
שענע, ניט געציילט. ס'איז אָבער נאָך ניט די צייט פון געבן און אין
שטוב געפינט זיך כמעט גאָרניט. „אפשר דאָך ניט נער ווי א „ראטשלאָג",
האָט געהאָפט דער אלטער און אייִנגעלאָדן קאָזשוכן זיך זעצן.

— מיט פאַרגעניגן וואָלט איך געזעסן א רגע, פאַרמאָג איך אָבער
קיין צייט ניט. חוץ דעם בין איך איצט ניט געקומען צו אייך, הער אד-
וואָקאט, נאָר צו אייער זון. איך דאַרף נויטיק א דאָקטער.

— א דאָקטער? — האָט זיך געוואונדערט דער אלטער. זייִן הת-
פּעלות איז געווען א פּילפּאכע. ערשטנס, ווייל אויך זייִן זון, דער דאָק-
טער האָט קיין רעכט ניט צו פּראַקטיצירן, צווייטנס, וואָס גאָר פּלוצים
האָט ער אויסגעקליבן אים. א המון דאָקטוירים אין שטאָט און דער גורל
זאָל פאַלן אויף אים. ווער ווייסט וואָס פאַר א צרה ס'ליגט אין דעם. אין
דער זעלבער צייט האָט קאָזשוכס אָנווערזנקייט געוועקט מיטלייד און
האָפענונג. מיטלייד, ווייל ווי אזוי ס'זאָל ניט זייִן, וועקט קראנקייט א
געפיל פון צער בעלי חיים. און האָפענונג, ווייל צרות, ליידן, בייטן
דעם מענטשן מאַכן אים ווייכער, ער ווערט מילדער, באטראכטער. איז
ווער ווייסט, אפשר וועט אויך קאָזשוך ווערן פאַרשטענדיקער, מעג-
לעך אז דאָס וואָס ער איז געקומען דווקא צו זייִן זון איז צום
גוטן. אפשר האָט ער אים פשוט אויסגעקליבן דערפאַר וואָס אים וועט ער
ניט דאַרפן צאָלן, ער וועט אָפּקומען מיט א דאנק. ס'איז געקומען אויפן
רעיון, כאָטש ער האָט ניט געהאַלטן קאָזשוכן פאַר א נהרג על פּחות משוה
פּרוטה",* איבערהויפּט ווען עס גייט אין פּיקוח נפש, ער האָט ניט מער
ווי א טראכט געטאָן אז מענטשן זענען ניט מער ווי מענטשן, און זיי-

---

* קאָרג ביז רציחה.

ערע שוואַכקייטן דויערן לענגער ווי זייערע מידות טובות, א לייכטן קרעכץ געטאָן און געבעטן קאָזשוכן ווארטן א מאָמענט, ביז ער וועט א רוף טאָן דעם זון.

## 11

יאָסיף אָדער יאָזשעף שאלאמאָן — אין די קאַנטן איז דער נאָמען יאָסל ניט אָנגענומען, ער קלינגט צו פשוט, צו מזרח־אייראָפּעאיש, צו כניאָקיש, אויב ניט באַלעגאָליש — האָט געענדיקט דעם מעדיצין-אינסטיטוט אין קלוזש. מענטשן מיט א מעבֿד האָבן געשיקט די קינדער שטודירן קיין קלוזש. די הויפּט־שטאָט איז די הויפּט־שטאָט, אָבער קלוזש איז עפּעס אנדערש. מיטלאלטערלעכע געביידעס, א קאַטוילישער קאטעדראַל, זונטיק און חגאות אויף די גאַסן אין שווארץ געקליידטע מענטשן, באַראָק גרייַנפּלוסן קייסערלעכע רעמיניסענצן, מ'רעדט דייטש, מיט איין וואָרט, קלוזש איז מיטלאייראָפּעאיש. די שטאָט איז ניט קיין ועשיקע, מ'איילט זיך ניט, אַלץ ווערט געטאָן פּאַמעלעך, מיט צייט, אפילו רעדן רעדט מען לאנגזאַם, געוואויגן, מיט דרך-ארץ. ניין, קלוזש איז ניט צום פארגלייכן מיט אַנדערע שטעט. אויב א וועלטלעכע פּראָפעסיע, איז נאָר אין קלוזש. אַן אנדער באַנעמען זיך, אַן אנדער שניט.

ניט פּונקט אזוי איז עס געשען מיט יאָזשעפן. די ערשטע צוויי יאָר פלעגט ער אהיים קומען אויף די וואַקאַציעס ווי עס פּאַסט נאָר דעם גרויסן אדוואָקאטס זון. אין דער פרי א פּאָר שעה אין קאפע־הויז, געשפּילט ביליארד מיט לייטישע קינדער, נאָך מיטאָג שפּאצירט מיט מיידלעך פון זיין מדרגה, דער אנצוג שטענדיק גלאַט אויסגעפּרעסט, די פאַרב פון קראַוואַט פּאַסט צום העמד, אָדער צו די זאָקן, אפילו דאָס לשון האָט זיך דאַכט זיך פאַרבעסערט, א יינגערמאַן מיט א צוקונפט. מיט אַן אָפענעם וועג, דער טאטע וועט באַזאָרגן מיט א מאָדערנעם קאַבינעט. קורץ, א צאַצקע אין דער משפחה. אויפן דריטן קורס האָט פון אים אָנגעהויבן בלאָזן א פרעמד ווינטעלע. גאַנצע טעג געזעסן איבער צייטונגען און זשורנאַלן, א טייל פון זיי פאַרבאָטענע, אָפט פאַרשוואונדן אין די הינטערגעסלעך זיך באַגעגנט מיט כלערליי חבֿרה ניט פון זיין שטאַנד. זאָגן איז ניטאָ וואָס. שיכורן שיכורט ער ניט, סקאַנדאַלן מאַכט ער ניט און די חבֿרה מיט וועלכער ער טרעפט זיך, כאָטש זי איז פון נידעריקן עולם, נחית־דרגאַס, ווערט זי

באהאנדלט מיט דרך־ארץ, גיט מען איר אָפּ כבוד, יינגעלייט פון בעסערע פאמיליעס האלטן אז ביי איר, ביי אָט דער חברה, ליגט דער יושר, אז די צוקונפט געפערט איר. דער אלטער שאלאמאָן — הער זשיגמונד — האָט אַ מאָל געפרואווט רעדן מיטן זון, געוואָלט פארשטיין דעם פלוצימדיקן מה נשתנה, וואָס ס'איז אזוינס געשען, איז יאָסיף אָפּגעקומען מיט: אנדערע צייטן, פּאפּא.

איין מאָל איז אים דאָך געלונגען פירן אַ לענגערן שמועס, ווי ניט ווי אויפקלערן די לאגע. יאָזשעף איז אהיים געקומען שפּעט. די מוטער האָט זיך מיט אַ פּאָר טעג פריער געקלאָגט, פאַרגעוואָרפן זשיגמונדן אז ער האָט, ווייזט אויס, אין גאנצן פארגעסן אין זון, פארגעסן אז ער טראָגט אויף זיך אַ פאראנטוואָרטלעכקייט, אַן אחריות. ער וואָלט זיך מיט אים געדארפט אדורכרעדן. אפשר איז עס ניט מער, ווי אַ געשיכטע מיט אַ מיידל. הײַנט האלטן אויך מענטשן פון די נידעריקערע קלאסן זייערע קינדער אויפן אוניווערסיטעט. אמת, ס'וואָלט איר געפעלן אַ פריילין זייער גלייכן, אָבער וואָס קאָן מען טאָן? עס געשעט. וואָלט עס ניט געווען דאָס גרעסטע אומגליק, ווען מ'זאָל כאָטש וויסן. אָבער אזא פארשלאָסנקייט, אזא אָפּגעזונדערטקייט, אזא כאַרפּרעמדקייט. קיין מאָל ניט קיין וואָרט, דער שמייכל איז קיין שמייכל ניט, עפּעס אַ גרימאסע, דער גוטמאָרגן קיין גוטמאָרגן ניט עפּעס אַ באַלעמוטשן, פאַר קיינעם ניט געדאכט געוואָרן. קיין שום וואָרעמקייט, און ער איז דאָך געווען אַ פּאסלושנע קינד. וויפל זשע קאָן דאָס אזוי אָנהאלטן. איר דאכט זיך, אז זיי זענען מענטשן, מיט וועלכע מ'קאָן זיך האלטן אַן עצה. אַ גאנצע שטאָט קומט זיך ראָטן און ער... מ'האָט אויך אמאָל געלערנט, געלייענט, אַ צייטונג, אַרײַנגעקוקט אין אַ בוך, זיי זענען נאָך הײַנט אויך אימשטאנד צו פארשטיין די פּלאָגן פון אַ יוגנטלעכן. זי האָט דווקא יאָ אַ פרעג געטאָן, חס וחלילה ניט צוגעשטאַ־נען, נאָר אַ פרעג געטאָן, האָט ער געענטפערט: „לאָז אָפּ מאמא. כ'בין קיין קינד ניט". וואָס קאָן מען זאָגן צו אזא ענטפערז אזוי אז דער פאָטער האָט באַשטימט אים אָפּצוואַרטן. ער האָט סיי ווי סיי געהאַט אַ סך ארבעט. פּראָצעסן האָבן ניט געפעלט, מ'האָט געמוזט צוארבעטן אין דער היים. הײַנט האָט ער אַ ביסל מער פארשפּעטיקט אין געריכט־זאַל, ס'איז דאָרט פאָרגעקומען איינער פון די נייע פּראָצעסן, מיט וועלכע ער האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעגעבן. מ'האָט אים אפילו איין מאָל יאָ פאָרגעשלאָגן אזא פּראָצעס, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. „פּאָליטישע פּראָצעסן פעלן מיר ניט. זשיגמונד שאלאמאָן וועט שוין קיין פּאָליטיקער ניט ווערן".

איצט בלייבט ער צו מאָל לענגער אין טריבונאַל־זאַל, הערט צו די דעבאַטן ביי דעם סאָרט משפטים. קוקנדיק אויף די באַשולדיקטע, הערנדיק וועגן זייער פאַרעקשנט שווייגן ביי די אויספאָרשונגען, טראַכטנדיק צו זייער פאַנאַטישער פאַרביסנקייט, ווייזט זיך אים אויס אַז אויף דער באַשולדיקונגס באַנק זיצט אויך יאָזשעף, אַז זיי האָבן עפּעס געמיינזאַמס מיט זיין זון, עפּעס אַזעלכעס וואָס לאָזט זיך שווער דעפינירן.

ווען זשיגמונד האָט דערהערט זיינע טריט איז ער אים אַנטקעגנגעגאַנגען, גערופן צו זיך אין צימער און זיך אַוועקזעצנדיק ביים שרייבטיש אָפּגעשטויסן מיט ביידע הענט דעם הויפן פּאַפּירן.

— כ'בין מיד — האָט ער געזאָגט, און געבליבן אַ פּאָר מינוט זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן — אָנגעאַרבעט זיך אַ גאַנצן טאָג. נאַרישע קריגערייען, זיי קאָנען זיך כּון דעם ניט אָפּזאָגן. נאָך אַ מאָל איבערגעטרעטן דעם פעלד־גבול, ווידער פאַרגעסן וועמענס ס'איז די צווישן־וואַנט, דער פּלויט, מ'האַלט זיך אין איין רייסן איבער ירושות ווי די קעץ. קליינלעך, נידערטרעכטיק, להוט אויף אַלעמען, זשעדנע, קליינלעך ביז גאָר. שלאָגן, שלאָגט מען זיך ווי איבער גיטער, ווי איבער מאַיאָנטקעס. מאַיאָנטקעס זאָג איך! ווי איבער מדינות... גלויב מיר, ס'האָט צוגעגעסן.

יאָזשעף האָט געשוויגן. ער האָט געוואוסט, אַז ניט די זענען די פּראָגעס, אויף וועלכע זיין פאָטער זוכט ביי אים אַן ענטפער.

— ס'איז נודנע, עס עקלט.

— ס'איז זייער לעבן.

— וואָס דו רעדסט! זייער לעבן! אַמאָל זענען דאָך אויך געווען פּראָצעסן!

— היינט זענען אויך דאָ. דו, פּאַפּאַ, רעדסט נאָר וועגן יענע וואָס האָבן געמאַכט אַ רעש אין דער פּרעסע, אין די קאַפע־הייזער, אין וועלכע ס'איז געלונגען מיט פּלפּול און חריפות צו דערווייזן, אַז דער שולדיקער איז ניט שולדיק, אַז דעם מערדערס האַנט האָט געפירט, כּמעט ניט גאָט אַליין, און דער עולם האָט געגאַפט. ווער ווייסט בעסער פון דיר, אַז ס'איז געווען פּוסטע ריידעריי. ניין, ערגער. די קינץ איז באַשטאַנען פון פעלשן דעם שכל הישר.

— אמת, ס'זענען געווען אויך אַזעלכע.

— דאָס איז געווען כּדי צו באַקומען אַ נאָמען און געלעבט האָט מען שטענדיק פון די אַנדערע, פון די וואָס עקלען דיך, וואָס האָבן דיר, צוגעגעסן. מיך וואונדערט נאָר וואָס אויך דו פאַרבייטסט די יוצרות

דעם עפעקט ניט דער סי.ה. צווייטנס, זענען היינט אויך נאָ אַן ערנסטע פּראָצעסן, אויטענטיש ערנסטע. פּרואוו באַווייזן דיין אמאָליקע קענטעניש און שפּיציקייט ביי אַזעלכע פּראָצעסן.

אויף אַזאַ דירעקטן אָנגריף האָט זיך זשיגמונד ניט געריכט. כאָטש ס'איז אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט קיין פאַרוואורף געווען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער זון וויל ניט און וועט ניט שאַנעווען, אַז ער גייט גרייט צו אַן ערנסטן שמועס ווי צווישן דערוואַקסענע, אומאָפּהענגיקע מענטשן.

— מיין ניט, אַז כ'האָב צו דעם ניט געטראַכט. כ'זע אָבער ניט די נויטיקע אַרגומענטן אויף זיי צו געפינען אַ זכות. עקשנות און פאַנאַטיזם זענען קיין אַרגומענטן ניט... עס קומט מיר אויס אַז דאָס זענען מענטשן וואָס ווילן ניט וויסן פון געזעצלעכקייט.

יאָסיף האָט ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעשאָסן מיט אַזאַ הילכיק געלעכטער ווי ער האָט ביז דעמלט זיך קיין מאָל ניט דערלויבט אין זיין טאַטנס אָנוועזנקייט. אַזוי האָט ער קיין מאָל ניט געלאַכט, די דערציאונג האָט דאָס ניט דערלויבט. אַ צו ווילד געלעכטער פאַר אַ באַלעבאַטישער שטוב. אַזוי לאַכן טרעגערס.

— אַנטשולדיק פּאַפּאַ. — דער שמועס האָט אים געלוינט. ער האָט געוואַרט אויף אים. סוף סוף האָט כען זיך אין אַ טאָג געדאַרפט דורכשמועסן. פאַר זיין פאָטער האָט ער ניט געטראַכט אויסצובאַהאַלטן זיינע איבערצייגונגען. ער האָט ניט געהאַפט, אים פאַר זיי צו געווינען, אָבער רעדן וועט ער זיך זיכער לאָזן. נאָך מער, ער איז מסוגל צו פאַרשטיין. — וועגן וואָס פאַר אַ רעכט און געזעצלעכקייט רעדסטו, פּאַפּאַ? וועגן דעם, וואָס האָט דיך אָנגעהויבן עקלען? די מלחמות איבער צעפּוילטע ווענט און איינגעפאַלענע פלויטן גירן זיך דאָך אין עצם אויפן יסוד פון אָט דעם רעכט.

— רעכט בלייבט רעכט און געזעצלעכקייט, געזעצלעכקייט — האָט אים דער פאָטער איבערגעשלאָגן די רייד — דאָס וועסטו דאָך ניט לייקענען.

— פּאַפּאַ — ס'האָט געקלינגען ווי דאָס פּעסטען זיך פון אַ קינד. דער טאָן האָט איבערראַשט שלאַמפּענען. ער איז געווען פון מיטעלען וואוקס, אַ דאַרינקער. די פריינד פלעגן אים אָפט פרעגן ניט אַ גוטמוטיקן שמייכל, וואָס ס'טוט זיין ריז. ער האָט אין אים קיין ריז ניט געזען, אפשר דערפאַר ווייל ער איז געוואַקסן פאַר זיינע אויגן, צי ווייל ער האָט

אזוי געסאמעוועט מיטן זיידן, א ריזיקער ייד, וואָס איז אהער אראָפּגעקומען פון א גאַליציאַניש דאָרף וואו זיין טאַטע, יאָסי־בס עלטערזיידע, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ערד ארבעט. אצינד, ווען ער האָט דערהערט דעם כמעט קינדערישן „פּאַפּאַ" פון אָט דעם גרויסן, באַפליישטן מאַן, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער אים, האָט עס אויסגעזען קאָמיש און זשיגמונד האָט קוים באַהערשט דעם שמייכל, וועלכער, כאָטש אַן אָנטייענדיקער, וואָלט ער געקאָנט שטערן אין שמועס מאיש לרעהו. — פּאַפּאַ, פון וואָס פאַר א רעכט רעדסטו? פון רוימישן, כון נאַפּאָלעאָנס, אָדער גאָר פון סאָלאָנס. דער פאַקט אַליין, וואָס דאָס רעכט האָט זיך אזוי פיל מאָל געביטן, זאָגט דיר גאָרניט? דו ווייסט דאָך בעסער פון מיר, אַז יעדעס רעכט געהער א געוויסער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. ניין, ס'איז באמת קאָמיש ווען די אייער לערנען די הינער...

— פאַר וואָס? איך געפון, אז ס'איז אינטערעסאַנט. אָבער די אָרדענונג, ווייל דו רעדסט וועגן אָרדענונג, איז דאָך די אין וועלכער מיר לעבן.

— הייסט עס, ווייזט אויס, אז מ'מוז זי בייטן, אָדער בעסער געזאָגט, זיי בייטן, אי די אָרדענונג, אי דאָס רעכט, אויף וועלכן זי שטיצט זיך.

— ווילסטו זיי בייטן?

— ערשטנס האָב איך ניט געזאָגט אז איך וויל זיי בייטן, און צווייטנס, ווען יאָ, איז וואָס? ווער האָט געביטן יענע, די אַנדערע, מלאכים פונעם הימל?

דער פאָטער האָט חרטה געקריגן, וואָס ער האָט זיך געאיילט איבערשלאָגן די רייד. ס'איז א צו געאיילטע פראַגע, וואָס קאָן איבערפירן דעם שמועס אויף א קאָנקרעטן, פּראַקטישן באָדן. אים האָט זיך געוואָלט בלייבן אין די ראַמען פון אַן אקאַדעמישן וויכוח, ווי עס פּאַסט פאַר דעם אדוואָקאַט מיט זיין זון, דעם קונפטיקן דאָקטער. אזוי איז דער שמועס אבסטראַקטער, מער דיסטאַנצירט. די מסקנות קאָן יעדער איינער אליין ציען.

— יאָ, יאָ. לאָמיר זאָגן אז ס'איז אזוי. אוודאי זענען מענטשן די וואָס בייטן דעם אופן פון לעבן, די אָרדענונג. מיט דעם איז, שיינט מיר, יעדער מסכים. דאַרפן דאָך אָבער די מענטשן קודם דערצו דערוואַקסן. איבערלאָזן אין רשות פון אבי וועמען טאָר מען דאָך ניט. די זאַך איז א צו ערנסטע.

— ס׳איז שוין א לאנגע צייט אז זיי וואקסן, פאפא. זיי זענען שוין, ווי מ׳זאָגט, דערוואקסענע. דו האָסט עס ניט באַמערקט? די פראַצעסן זאָגן דיר גאָרניט?

— וואו זשע איז זייער רעכט? וועלכע איז זייער געזעצלעכקייט? זיי רעדן וועגן יושר, און יושר איז ניט קיין רעכטלעכער באגריף. אויב דו ווילסט, איז עס מער א רעליגיעזער, געטלעכער באגריף און גאָט האָט העכסטנס באשאפן די וועלט, קיין רעכט האָט ער איר ניט געגעבן. רעכט מוז האָבן מאכט, אָן אָרדענונג וואָס זאָל דאָס רעכט אויפצווינגען.

— וועלן זיי שאפן די געהעריקע אָרדענונג און דאָס גויטיקע רעכט.

— ס׳איז געוואגט, שרעקלעך געוואגט — האָט זשיגמונד געזאָגט מיט א שאָטן פון טרויער, וואָס האָט יאָזשעפן געקלינגען אלטמאָדיש.

— נו איז וואָס?

— כ׳זאָג ניט, אז מ׳דארף ניט, אָדער גאָר אז מ׳טאָר ניט וואגן. ווייט פון מיר אזעלכע געדאנקען... — ער האָט געוואָלט צוגעבן „קינד מיינס״, איז אָבער אנטקעגן אים געזעסן א דערוואקסענער און דערצו טאקע עטוואָס צו מגושמדיקער מענטש, וואָס האָט אויסגעדריקט, ווי ס׳האָט זיך אים א מאָמענט אויסגעדאכט, אור-קראַפט, אָן אָנגעהויערן כוח; האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די איבערפולטע פּאָליצעס מיט ביכער, גלייך ער וואָלט געפרעגט שטום „זענען דען די ארגומענטן, אויף וועלכע ס׳האָבן געהאָרעוועט דורות, אויך פאר דיר אומזיסטיקע, פארשימלטע“, נאָר געזאָגט האָט ער מיט ספקותדיקער נאָסטאלגיע — כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, ניט דאָס וואגן ארט מיך אזוי, ווי די קרבנות, די חורבות. כ׳ווייס, אויך אויף דעם איז דאָ אן ענטפער, אָבער ער שרעקט מיך — דאָס מאָל האָט ער צוגעגעבן — זון מיינער, עס שרעקט.

— ווער ס׳האָט מורא פאר וועלף, גייט ניט אין וואלד אריין.

די באמערקונג איז דעם אלטן אויסגעקומען ייִנגליש, ווייט פון דעם, אויף וואָס ער האָט געוואַרט מצד אן אינטעליגענטן אָפּאָנענט.

— די פאָלקס-חכמה איז טיף, האָט ער געזאָגט איראָניש, אָבער אויף מיין פראגע ענטפערט זי ניט. ס׳זענען הארטע מענטשן, זייער הארט-קייט ווארפט אָן א מורא.

— אויף דיין דור, אפשר, פאפא.

— כ׳לייקן ניט. אוודאי איז עס מיין דור. פון דעם ווערט ניט גרינגער. אפשר איז מיר שווער, ווייל דו ביסט מיין זון. אזש ער שרעקט

מיך די אכזריות. איר סיבה, מיינט זי, ליגט אין דעם וואָס זיין צד האָט צו פֿיל צו פֿאַרלירן, און דער אַנדערער גאָרניט.

— אויך אין דעם, אָדער טאַקע נאָר אין דעם.

— א צוקונפֿט פֿון אכזריות? — האָט ער איבערגעחזרט, גלייך ער וואָלט זי וועלן צעטאַפּן, אָנזאָפּן זיך מיט איר גאַנצער גרויזאַמקייט — דו ביסט יונג דו האָסט צו מאָל אַריינגעקוקט אין אָט די ביכער — ער האָט געוואָרפֿן א בליק אויף דער ביבליאָטעק, גלייך ער וואָלט זיך פֿון איר געזעגענען — אַנדערע האָבן עס וויינִיקער געטאָן אָדער איבערהויפּט ניט. מ׳קאָן אין זיי פֿאַרגעסן, אין גאַנצן איגנאָרירן, דעמלט האָט די אכזריות קיין גרענעץ ניט, דעמלט... — דאָס האָט ער שוין גערעדט צו זיך אַליין. די גרויזאַמקייט האָט זיך דאָס מאָל אָנגעקערט מיט זיין פֿלייש און בלוט, און די שרעק האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין ממשותדיקן ווייטיק, גלייך מ׳וואָלט פֿון אים אַצינד שניידן פּאַסן פֿלייש. זיי זענען נאָך א לאַנגע צייט געזעסן שווייגנדיק. יאָזשעף האָט געהאַט מיטלייד פֿאַר זיין פֿאָטער. ער האָט צום ערשטן מאָל באַמערקט, אַז דער באַרימטער אַדוואָקאַט איז געוואָרן קלענער, איינגעהויקערט, מיד און דערשלאָגן, און דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופֿן א כמעט פֿאַר אים פֿרעמד געפֿיל, רחמנות. ווערטער האָבן ניט געקאָנט העלפֿן, ס׳האָט זיך געדאַכט אַז אַלץ איז געזאָגט געוואָרן. די שטילקייט האָט איבערגעריסן אַ האַנטעקריי.

— באַלד טאָגט.

— יאָ, זון מיינער, זיכער טאָגט. נאָך אייביק איז נאַכט. נו, גיי. זיי פֿאָרזיכטיק — און מיט א ביטערן שמייכל: — עצות האָב איך דיר אָנגעהויבן געבן...

דאָס איז געווען זייער ערשטער און לעצטער גרויסער שמועס וועגן וועלט־גורל.

ניין, ניט אמת. זיי האָבן זיך נאָך א מאָל באַגעגנט ביחידות. דאָס איז געשען נאָך א סך יאָרן. מיט צוויי, פֿינף, אָדער גאַנצע זיבן יאָר שפּעטער. יאָסיפּס מוטער האָט זיי געלאָזט אַליין, גיט געוואָלט, אָדער ניט געקאָנט ביי זיין ביים לעצטן שמועס. איר צניעות האָט איר איינגערוימט, אַז אין דערהויבענעם מאָמענט פֿון פֿאַרלאָזן די וועלט, דאַרף מען מאַנצבילן לאָזן אַליין. דעם אַלטן זשיגמונדס ליכט האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעלאָשן מיט ווירדע. ער האָט ניט מער ווי געקוקט אויפֿן זון מיט א מידן בליק. ווען דאָס ליכט האָט קוים געשימערט האָט ער געבעטן דערנענטערן דאָס אויער

צו זיין שוואכער שטימע און ציטירט פון זיינע אין לעדער געבונדענע ביכער: „דער עיקר איז דאָך דאָס גלייכגעוויכט וואָס האָט דעם שורש אין רעכט, אין א געזעצלעכקייט, וואָס האָט דעם מקור דאָרט וואו עס הויבט זיך דאָס פארשטענדעניש פאר דער וועלט".

יאָזשעף שאלאמאָן — וועלכער האָט צו יענער צייט זיך מער ניט גערופן מיט דעם נאָמען — האָט ניט פארשטאנען וואָס זיין פאָטער וויל דערמיט זאָגן. געטראכט זוכן פון וואו עס שטאמט דער ציטאט, אפשר וועט ער דאָך פארשטיין, איז אָבער די ביבליאָטעק געווען צו גרויס און זיין צייט צו ווייניק, אזוי אז ער האָט אָפּגעלייגט אויף א צווייט מאָל.

א צווייט מאָל האָט מען אים צו זיין פאָטער אין גסיסה ניט גערופן און דעם פאָטערס לעצטע ווערטער האָט איינגעהילט, אין זיר גרויען מאנטל די הייליקע שכחה.

## 12

ווען קאָזשוף האָט געזאָגט, אז ער מוז האָבן א דאָקטער, האָט דער אַלטער שאלאָמאָן ניט געטראכט, אז דאָס קאָן זיין פּאָליציייאישע כיטרעקייט אז אייגנטלעך זוכט ער זיין זון וועגן אנדערע ענינים, און זיך געאיילט רופן יאָסיפן. ערשט דעמלט ווען ער האָט אים געזאָגט אז קאָזשוף ווארט אין סאלאָן און דערזען אז אין זונס אויגן באווייזט זיך א פינטעלע נאכט, וואָס דרינגט אין דער טיפעניש, פארפינצטערט דעם בליק, האָט ער ווידער דער־פילט א שווערקייט אין נאקן און זיין בליק האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון פענצטער, וואָס עפנט זיך צום הויף. אויפן אָרט פון עפענען דאָס פענצטער און זיך לאָזן אין דער וועלט, האָט יאָסיף צו אים געשמייכלט דערמונטערנדיק.

— זאָרג ניט, פאפא — האָט ער א וואָרף געטאָן. פון דער נאכט, וואָס האָט זיך באזעצט אין זיינע אויגן, האָט געשפּארט יענע גרויזאמע אנטשיידונג, וועלכע זשיגמונד האָט אזוי אָפט געזען ביי די פראָצעסן פון פּאָליטישע „פארברעכער" און ער האָט דערפילט אין די אָדערן א ווייסע שרעק.

קאָזשוף האָט זיך אנטשולדיקט וואָס ער שטערט און געבעטן דעם אדוואָקאט אָפּטרעטן זיין קאבינעט אויף א שמועס מיט יאָזשעפן אונטער פיר אויגן.

— א דעליקאטער ענין, העד שאלאמאָן, בעסער ס'זאָלן וועגן דעם וויסן וואָס ווייניקער מענטשן. כאָטש כ'האָב צו אייך דעם גאנצן צוטרוי אזוי פיל וויפל א קאָמיסאר קאָן האָבן — האָט ער צוגעגעבן מיט אן אויפ־ריכטיקן שמייכל — כוז איך אייך בעטן איר זאָלט מוחל זיין דאָס רעקווירירן דעם קאבינעט. לאַנג וועט עס ניט דויערן — האָט ער געזאָגט א ביסעלע האַרטער, און זיך געלאָזט ווי א היימישער צום אדוואָקאטס אַרבעטס־צימער.

יאָסיף האָט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגן קאָמיסאַר און אָנגעדראָטלטער. דעם טאטנס קאבינעט האָט אים געגעבן א געוויסע זיכערקייט.

— נאָר ניט אזוי שטראָם — האָט אָנגעהויבן קאָזשוך — די געדאנ־קען וועט אויסקומען צו קאָנצענטרירן אין אן אנדערער ריכטונג, ווי די אויף וועלכער דו ריכסט זיך. איך וועל פּרואוון זיין קורץ און אויפריכטיק. מיט דיר קאָן איך זיין אויפריכטיק. וועסט באלד אלץ פאַרשטיין. כדי ס'זאָל דיך ניט שטערן מיין אופן רעדן, וועל איך דיר פון אָנהויב אויסקלערן דעם פּאַרוואָס פון מיין דוצן. כ'בין אזוי געוואוינט, אזוי רעדט זיך מיר לייכטער.

— מיט א נטערגעאָרדנטע, אָדער א עסטאנטן — האָט א וואָרטשע געטאָן יאָזשעף — מיין פאַל איז דערווייל ניט דער ערשטער און ניט דער צווייטער.

— פּאָטענציעל איז עס אמת. איך רעד אָבער אזוי אויך מיט אזעל־כע, וואָס זענען אָדער קאָנען ווערן פריינד.

יאָזשעף איז געזעסן א שווערער, א שטיינערנער. דאָס וואָרט פריינד ארויסגערעדט פון קאָזשוכן, וואָלט אמאָל געווען ארויסגערופן אן אנדערע רעאקציע, א נאָטירלעכע. אָן אנדערט מאָל וואָלט ער געווען געענטפערט, אזוי ווי מען דאַרף געוויינטלעך ענטפערן אזא מיאוס באַשעפעניש, מיט א פּאטש אָדער, אויף זיין לשון, מיט א שפּיי אין פּנים. איבערהויפּט אונטער פיר אויגן. אָן עדות׳ האָט ער זיך דאָס אמאָל געקאָנט דערלויבן. אָבער איצינד מוז ער זיין פּאַרזיכטיק, באטראכט. קאָזשוך האָט דאָס באמערקט, ניט אָן שאָדנפרייד, פּארקערט, א צווייטאָל צופרידענער, סיי פון דעם, וואָס יאָזשעף האָט זיך ניט אנטשלאָסן אָנצוגרייפן, האָט זיך ניט דערלויבט א גראָבקייט, סיי פון דעם וואָס ער איז אזא סקאַליקער. „זעלטן אזעל־כער אין די ספערן", האָט געטראכט קאָזשוך. ס'איז אים געווען אָנגענעמען צו באגעגענען איינעם ביי וועלכן אויבנאויפיק איז די גבורה און ניט דער גע־שליפענער אינטעליגענט. אזא איינער איז אים אויסגעקומען נענטער, מיט

אזעלכן קאָן ער פאַרהאַנדלען דירעקט, אָן פּלפּולים, אָן אומזיסטיקע אומוועגן. און ער איז צוגעטרעטן צום ענין:

— ווען כ׳האָב געזאָגט אז כ׳נויטיק זיך אין א דאָקטער האָב איך דאָס געמיינט זייער ערנסט. ניט איך בין דער קראַנקער, נאָר די וועלט, און אויב די וועלט, הייסט עס, אז אויך איך בתוכם. כ׳האָב דאָס געפיל, אז דער קריזיס איז ניט ווייט, די קרענק דערנעענטער זיך צום ברוך־פּונקט. זעט ווי עס זעט אויס בקיצור מיין חשבון: ראשית די לאַגע אויפן פראָנט, אין דעם מאָמענט איז זי גינסטיק פאַר אייך, דאָס הייסט ניט אז מ׳קאָן זיך ניט ריכטן אויף סורפּריזן, אז זיי זענען הונדערט פּראָצענטיק אויסגעשלאָסן מעגלעך אז דער טאַראַראַם, וועלכן דער „פירער״ מאַכט בנוגע זיינע סעקרעטנע וואָפן זאָל האָבן אין זיך א זאָמען אמת. דעמלט קאָן די זאַך אויסזען אנדערש. אָבער אין דעם באַשטייט א ריזיקע, וואָס כ׳נעם אויף זיך ניט דער גאַנצער אחריות און מיט אַלע קאָנסעקווענצן. זאָלן מיר ווייטער אָננעמען, אז די לאַגע וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען ווי ביז איצט. וואָס זשע וואָלט מען מיר געקאָנט פאָרוואַרפן? די טיפּאָגראַפיע, די מאַניפעסטן? — יאָסיף האָט זיך ניט מער ווי א ריר געטאָן — דו ווילסט זאָגן, אז א טייל פון דעם האָט צו טאָן מיט פּראָוואָקאַציעס? כ׳ווייס. כ׳ווייסר אפשר מער פון אייך. מיינע אַרגומענטן זענען אויסגעראַכנטע: באַפעל, דיסציפּלין, אַלץ אזעלכע פּוסטע ווערטער, וועלכע מ׳קאָן טייטשן, ווי אזוי מ׳וויל, און ווי אזוי עס לוינט. דערצו האָבן מיר ניט צו פיל צייט כדי זיך אריינלאָזן אין אזעלכע פּלפּולים. מיט איין וואָרט, מ׳קען מיר פאָרוואַרפן אַלץ, לאָמיר זאָגן, אפילו ביז צום לעצטן, דאָס הייסט אויך דאָס אַרעסטירן מאָטל וואורגאפּט... — יאָסיף האָט ניט געקענט באַהערשן א לייכט אויפציטערן. „ער רעדט״, איז אים איינגעפאַלן. קאָזשוך האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אז ער באַמערקט ניט. אים האָט ניט געאַרט יאָסיף זאָל מיינען, אז מאָ רעדט. כאַרקערט. דאָס האָט געקאָנט פאַרלייכטערן זיין פּלאַן. די געפאַר, אז מאָ קאָן רעדן, געהערט צו זיינע קאָזערן אין נייעם שפּיל — פאַרשטענדלעך, האָט קאָזשוך ווייטער אויסגעלייגט זיין אורטייל, אז איך וואָלט אויך געקאָנט רעכענען מיט עוקר זיין צו דער רעכטער צייט. בין איך אָבער א היזיקער, א רוזשענער. כ׳האָב ליב א צויקע,* א מיטיטעל**. און וועסט אפשר ניט גלויבן,

---

*צויקע — פלוימען בראָנפן.

** מיטיטעל — געהאַקט פליישׁ געשפּיגעוועט מיט קנאָבל און געבראָטן אויף קוילן.

כ'האָב ליב דאָס לאַנד און דאָס פאָלק. גרויסע ווערטער ווי פאָטערלאַנד, טראַדיציע, אא"וו. וועל איך ניט נוצן. זיי זענען מיר באַקאַנט פון אַלע צדדים. איך האָב די פליכט צו לייענען, סיי דער רעגירונגס פּראָקלאַ־מאַציעס, סיי אייערע פלוגבלעטלעך. מיר האָט מען געבראַכט אַלע, אי די וועלכע ס'איז געלונגען צו פאַרשפּרייטן, אי די וואָס ס'איז ניט געלונגען צו פאַרשפּרייטן. איז גאָר מיר די געשיכטע א פּיל פּשוטערע. אפשר וואָלט איך געקאָנט צוגעבן מיין דאָרף, מיין געגנט... אָבער דאָס איז ניט וויכ־טיק. איינס איז קלאָר: קיין אַנטלאָפענעם זע איך זיך ניט. ס'איז ניט פאַר מיר.

קאַזשוך האָט א רגע געשוויגן, גלייך ער וואָלט געפּירט דעם שמועס מיט א ניט געזעענעם.

— וואָס איך פאָדער? ווי ביי יעדער טראַנזאַקציע — פאַר דיר קאָן דאָס דערווייל מער ניט זיין — פאָדער איך מיין פּרייז, א פּרייז וואָס מ'דאַרף ניט אויסצאָלן איצט. אצינד דאַרף איך גאָרניט. שפּעטער, וויל איך מ'זאָל וויסן אַז קאַזשוך האָט אַרויסגעהאָלפן, אָדער צוגעהאָלפן. דאָס איז אַלץ, שיינט מיר, אַז ס'איז ניט קיין סך אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס איך גיב? ערשטנס, האָבן א מענטשן דאָרט וואו איך געפון זיך, איז ניט קיין קלייניקייט. יעדע באַוועגונג, ווער ס'איז פאַרדאַכטיק, וואָס גרייט צו ניט נאָר אונדזער פּאָליציי, נאָר אויך די געסטאַפּאָ. צווייטנס, שנעל ליקווידירן דעם פאַל מאָ ווי אַן איזאָלירטע פראַגע, ווי אַן אינדיווידועלן פאַל; אייך העלפן זיך אָפּגעבן מיט די פאַרוואונדעטע אונטער מיין שוץ, און אויספירן אייערע ווייטערדיקע אָנווייזונגען. ווי אַזוי? מעגלעכ־קייטן פעלן ניט. לעבן אייך האָב איך צוגעלערנט וואָס ס'איז אַזוינס קאָנספּיראַציע. שיינט מיר אַז דאָס איז אַלץ. קורץ און שאַרף. יאָ. נאָך איין זאַך. פאַר וואָס האָב איך אויסגעקליבן דווקא דיך? ניט דערפאַר וואָס וואורגאַפּט האָט זיך נעכטן געדאַרפט באַגעגענען, דאָרט וואו מ'האָט אים אַרעסטירט, מיט א דאָקטער און דער דאָקטער ביסטו. ניין. די סיבה איז אַן אַנדערע. דאָס זאָג איך דיר אויף מיין ערן־וואָרט. ניט אויף דעם קאָמיסאַרישן, האָט ער געזאָגט מיט א מיטשולדיקן שמייכל נאָר אויף מיין אינטימסטן ערן־וואָרט, וואָס איז גילטיק פאַר פריינד. דיין ניט געלונגענע באַגעגעניש מיט וואורגאַפּטן וואָלט פאַר מיר ניט געווען גענוג. דיר איז דער גאַנג פון דער געשיכטע באַקאַנטער, ווי אַנדערע — קאַזשוך האָט אַרומגענומען מיט א בליק די ביבליאָטעק, ווי אַמאָל יאָסיפּס פאָטער — דו ביסט א פּאָליטיקער, האָסט אָדער ביסט מסוגל צו האָבן א ברייטערן קוק,

אויסוועגן דעם אקטיוו און פאסיוו פון דעם וואָס איך שלאָג פאָר, און אָננעמען דעם ריכטיקן באשלוס. ניט אליין. כ'ווייס, אַז איין קאָנסטו ניט. ס'איז צו ערנסט און צו געוואגט. האָסטו צייט ביז מאָרגן אין אָוונט אין דער זעלבער צייט, און אויף דעם זעלבן פּלאַץ.

קאָזשוך האָט אויף קיין ענטפער ניט געוואַרט. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט קאלט, זיך נאָך א מאָל אנטשולדיקט ביי דעם אדוואָקאט פאר דער באלעסטיקונג, און אוועק אין דער נאכט. יאָסיף איז געבליבן א צעטומלטער. צו גרויס דער סורפּריז. קאָזשוך ווייסט זייער פיל, מער ווי מ'שטעלט זיך פאָר. דער קאָמיסאר האָט באקומען אן אנדערן לבוש, נייע כאראקטעריסטיקעס, מאָ ווערט געפּערלעך. קלאָר איז, אז עפּעס האָט ער דאָך „גערעדט“. וויפל? וואָס פּינקטלעך איז שווער צו וויסן. וואָס האָבן זיי מיט אים געטאָן, וואָס פאר א מיטלען נוצן זיי, אז אזא הארטער בחור ווי יאָ זאָל אפילו קיין אַכט און פערציק שעה ניט אויסהאלטן? ביז איצט האָט מען קיינעם ניט פארנעמען. קאָזשוך זאָל זיין געווען אָנהויבן צאָלן דעם פּרייז? אונטער זיין צודעק, מיט זיין הילף קאָן מען באמת א סך רעאליזירן. ס'וואָלט געווען לייכטער צו אָרגאניזירן נייע גרופּן, אפילו קריגן געווער... צוזאמענרופן דעם קאָמיטעט איז געפערלעך. עס קאָן דאָך אויך זיין א נייע פּראָוואָקאציע. דורכלאָזן די געלעגנהייט, זען זיך צו באראָטן, טאָר מען אויך ניט. ס'איז א צו ערנסטער ענין. מ'וואָלט געווען געדארפט אָפּלייגן די באגעגעניש מיט אים כאָטש אויף א מעת לעת, וואָלט דאָס געקאָנט דייסן אומדירעקט באשטעטיקן אלע זיינע זאָגעכצן. קורץ, צו קורץ דער טערמין... „מאָ“, האָט ער א טראכט געטאָן און זיך דערמאָנט אז מאָ איז א ייד. יאָסיף שאלאַמאָן האָט ניט ליב קיין יידן. פאר וואָס, וואָלט ער ניט געקאָנט זאָגן. זיי רופן ביי אים ארויס א משונהדיק געפיל, עפּעס ניט אָנגענעמענס, א פּריקרעקייט לגבי זיין אייגענער יידישקייט.

יאָזשעף ווארט פּיבערדיק אן ענטפער אויף די פראגן וואָס מוטשען אים. ער קוקט צום פענצטער דורך וועלכן מ'וואָלט געקאָנט א שפּרונג טאָן, א מקום מקלט וואָלט ער יאקאָש געפינען. איז דאָס קיין לייזונג ניט. אין גלאנץ פון שויב באווייזט זיך בורנוס, דער איינציקער מעטאל-ארבעטער אין דער צעלע פון קלוזש וואו ער האָט שטודירט מעדיצין, דער פאָרשטייער פון דער ווירקלעכקייט.

(מיט דרייסיק אָדער פערציק יאָר שפּעטער, וועט זיצן דער געזעלשאפטס-פאָרשער זשאן פראנסאָא מיט נאָך פיר אקאדעמיקער פון

דער סאָרבאָן און וועלן אראָפּלייענען פון די עטוואָס געקנייטשטע ליפּן פון עלעקטריקער די אמתע פאָלקס-חכמה. אן אָפּענע סענטימענטאל-רעוואָלוציאָנערע נשמה, וועט זיין התפעלות זיין אן אין גאנצן אויפריכטיקע און דערמיט א נאָך געפערלעכערע. ניט די פערציק יאָר וועלן זי מאכן געפערלעכער, נאר זשאן פראנסאָאס אָפּשטאמונג פון סען זשיוסט).

פאר יאָזשעפן איז דער מעטאל-ארבעטער געווען א רעטעניש. זיין האלטונג, זיין אויגן פון באטראכטן פארשידענע פראָבלעמען. איצט זיצט ער דאָ א דורכזיכטיקער, ממשותדיק איז נאָר דער שטענדיק איראָנישער שמייכל, די פארושמורעטע אויגן און דער שארפער בליק. אן אָנפּגימהדיקער חלף. דאָס מאָל איז עס ניט איראָניע, ס'איז חוזק, ער חוזקט פון יאָזשעפס פארלעגנהייט. אָפּט האָט דער סטודענט יאָזשעף שאלאמאָן גערעדט וועגן דער ראָל פון ארבעטער קלאס אין דער מאָדערנער געזעלשאפט. דאָס איז געווען א טייל פון זיין וועלט־אָנשויאונג. דער ארבעטער קלאס, אלס אזעלכער איז אים געווען פרעמד. ער האָט אים ניט באנומען און ניט פארשטאנען. צו מאָל איז ער אים אויסגעקומען ווי אן איינהייטלעכער קאָלאָס, א קערפער מיט אָנצאָליקע קעפ און פיס, וואָס באוועגט זיך שווער און הארטנעקיק אין א ריכטונג וואָס מ'קאָן ניט אויסמיידן. די ריכטונג איז יאָזשעפן קלאָר דער קאָלאָס זעט אָבער אויס א גרויער — א כמארע וואָס פארטונקלט דעם האָריזאָנט, וואָס ווארפט אָן א שרעק, כאָטש די פאָן איז א העלע, ליכטיקע. אין אזעלכע מאָמענטן פלעגט ער פרואוון אינדיווידואליזירן, אילוסטרירן זיינע פאָרשטעלונגען וועגן דעם ארבעטער קלאס מיט אים באקאנטע פיגורן, דעמלט פלעגט אויסוואקסן בורנוס, דער באוואוסטזיניקער אייזן־טאָקער (אן אייזן-דרייער איז שטענדיק געווען א ביישפיל). יאָזשעף האָט אָבער קיין מאָל ניט מודה געווען, אפילו זיך גופא, אז בורנוס רופט ביי אים ארויס א מוטנע געפיל. ניט מיט זיין איראָניע, ניט מיט זיין שווייגן, ווי מיט דעם פארזשמורעטן בליק. דאָס מאָל האָט זיך אים געדאכט אז בורנוס רעדט קלאָרע דיבורים. ער רעדט מיט א גאָר נייעם שמייכל, מיט אן אין רוגז גוטמוטיקן בליק. ער פרעגט שאלות: פאר וואָס מיינסטו אז מאָ איז א שוואכלינג, אז ער האָט גערעדט? און ווען יאָ? וואָס טראכסטו וועגן די וואָס גיסן קאנאָנען, אָדער גראָבן קוילן? זיי זענען פחדנים? אָן זיי וואָלט דער פראָנט קיין פראָנט ניט געווען. וועגן זיי האָסטו מורא צו טראכטן? דו

רעדסט דאָך אין זייער נאָמען. און קאָזשוך? וויפֿל מאָל האָסטו גערעדט וועגן איבערשיכטונגען? די מלחמה צינדט פֿייערן, וואו מען ריכט זיך אַמ־ווייניקסטן...

## 13

פישע:

אווראם קאָזשוך, געבוירן אין דאָרף קוטא, יאָר 1916, אָפּשטאַ־מונג אָרעמע פויערים, באַטראַקעס; רעדט חוץ רומעניש, אוקראַיניש און דייטש.

עטלעכע חדשים נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן לייטענאַנט, נאָך דעם קאַפּיטאַן און מאַיאָר. די ראַנגן האָט ער כשר פאַרדינט מיט מסירת־נפשדיקער אַרבעט פאַר און נאָך דער באַפרייאונג פון לאַנד.

# צווייטער טייל

## 14

זעט מען שפּאַנען איילנדיק איבער דער גאַס דאָס שלאַנקע פּראָפּאָרציאָנירטע קערפּערל, גלוסט זיך אַ לויף טאָן, אָניאָגן און איבעריאָגן, אַ קוק טאָן אויף דעם שיינעם פּנימל — אויף אַזאַ קערפּערל קאָן דאָס פּנימל ניט זיין אַנדערש ווי נאָר אַ שיינס — דאָס פאַרגעדענקען, האָבן צו וועמען אַ שמייכל טאָן, דעמלט ווען ס׳וועט זיך וועלן אַריינגיסן אַ ביסעלע לעבן אין אָפּגעקילטע אָדערן, אַ ביסעלע פרייד אין אַ פאַרוויסטער נשמה. איז דאָס פּנימל טאַקע אַ שיינס, אָבער אַזאַ אויסגעמאַטערטס, אַזאַ אָנגעווייטיקטס אַז ס׳טוט אַזש אַ קלעם ביים הארץ. ניין, פאַרגעסן וועט מען דאָס ניט, קיין פרייד וועט עס אָבער ניט פאַרשאַפן און דאָס בלוט וועט עס ניט דערוואַרעמען. מ׳וועט שוין ווידער מוזן שענקען דער וועלטס גורל אַ קרעכץ, ווייל אפילו אין איר פאַרביטערטקייט איז זי אויך שיין ווי די וועלט.

איילן, איילט זי זיך אין, אָדער פון דער שול וואו זי איז לערערין, אין אָדער פון מאַרק וואו זי איז געשטאַנען אין דער ריי נאָך אַ פּלעשל בוימל, אַ קילאָ קאַרטאָפל, דריי מייערלעך און אַ ביסעלע גריינס וועגן טשערעפּאַכעלע וואָס דרייט זיך ווינטער אין שטוב. זומער דאַרף עס גאָרניט, זומער שפּאַצירט עס איבערן הויף. „ס׳זעט אויס אַ באַשטראָפטס פון גאָט“, באַדויערט קירא דאָס באַשעפעניש יעדעס מאָל ווען זי באַגעגענט עס. „און אפשר ניט“. ברוגזט מען זיך אויף דעם, פאַרשווינדט עס צווישן די פאַנצער־דעקלעך, בלייבט ליגן ווי אַ גרינד־שוואַרץ־בלוי שטיינדעלע, מאַכט זיך אַז ס׳פילט ניט און זעט ניט און הערט ניט, שטערט ניט מיט זיין אָנוועזנקייט. מענטשן קאָנען דאָס ניט, טראַכט קירא און מיינט אַז ס׳איז אַ שאָד. אַזעלכער איז איר געדאַנק, ווען עס שטעלט זיך אויף איר אַ מאָטלס שווערער בליק. זי זעט אים ניט, אָבער פילן פילט זי אים, דעם שרעקלעך שווערן בליק.

דער פראָצעס איז געווען א קורצער. קאָזשוך האָט צוזאמענגעשטעלט די אקטן, זיי איבערגעגעבן אין מיליטערישן געריכט מיט דער אָנווייזונג „דרינגענד" א געשריבענע מיט רויטע אותיות איז די אָנווייזונג געוואָרן כמעט א באפעל. האָט מען אים פארמשפט אויף צוואנציק יאָר, דאָס וואָס ס'האָט צו יענער צייט געהייסן: דאָס לעבן געראטעוועט, און אוועקגעשיקט אין תפיסה. אָפּגעזעסן איז ער ניט מער ווי א פּאָר חדשים, ווייל אויך רומעניע איז אוועק אויף איין וועג און פארקערעוועט אויף אן אנדערן, און דער אנדערער האָט מיט זיך געבראכט דאָס וואָס וועט לאנגע יאָרן אָנגערופן ווערן מיט איין וואָרט: באפרייאונג. און הייסן וועט עס אז דאָס גאנצע לאנד, ביימער און טייכן בערג און טאָלן, אלע צוזאמען און יעדער באזונדער האָבן אויפגעאָטעמט, זיך געוואָרפן אין שלאכט, זיך געשלאָגן מיט אלע כוחות ביז סוף מלחמה, געוואָרן דער דריטער פארבונדעטער, וואָס רייך פארלוסטן און קרבנות אין קאמף קעגן פאשיסטישן דייטשלאנד. פאר מאָען האָט די באפרייאונג געהאט א זייער קאָנקרעטן זין, ווייל אין יענעם זומערדיקן טאָג איז ער ארויס פון צווישן די תפיסה־מויערן און געוואָרן, ווי אים האָט זיך א צייט געדאכט, א פרייער פויגל.

די פּאָר חדשים וואָס ער האָט פארבראכט אין תפיסה זענען געווען אומגעהייער לאנגע. דער ערשטער חודש, ווייל די חברים פון תפיסה האָבן גאָרניט געוואוסט און די איבעריקע, ווייל מ'האָט געזאָגט, אז עפּעס ווייסט מען יאָ. אין ערשטן חודש האָט ער ניט געקאָנט פארשטיין פאר וואָס און אין די איבעריקע האָט ער ניט פארשטאנען פון וואנען ס'האָט זיך גענומען א פארוואָס. אפשר, ווען ער זאָל שוין געווען האָבן געזעסן פריער, כאָטש א פּאָר חדשים, ווען ער זאָל געווען זיין א „געזעסענער", וואָלט אים געווען אויסגעזען דער ערשטער חודש א פון אלע שטאנדפונקטן פארשטענדלעכער. אזוי פירט זיך. קומט א מענטש פון דער פריי, און דערצו א ניט געזעסענער, דארף מען חוקר ודורש זיין אויף וואָס פאר אן אופן ער איז געקומען, צוליב וואָס ער איז געקומען. און דער עצם הענין, דער גאנצער אונטערשיד ליגט אין טראָפּ, ס'איז א פראגע פון אקצענט, אזוי ווי צווישן „שיין" און „בילד שיין". זאָגט מען שיין, הייסט עס שטעל דיר פאָר וואָס דו ווילסט. די שיינקייט בלייבט אין דיין אייגענעם רשות, די בחירה איז אן אינדיווידועלע זאך, יעדער האָט זיין שטייגער. גיט מען אָבער צו צום שיין דאָס וואָרט „בילד" באַ[illegible] עס א ניין, שמעקט עס ניט אָנהענגען א געוויסע שיינקייט, ניט [illegible]נגען שטריכן. ס'איז מתחייב צו א נאָז, אויגן, א מויל, ס'איז

כמעט דאָס זעלבע ווי ביים פּאָרן אַזעלכע ווערטער ווי פולקומענע-דעמאָקראַטיע, אָדער חברישע-אויפריכטיקייט, און כדומה אַזעלכע צוזאַמענשטעלן, וואָס פאַראייניקן צווייענדיק, און ביידע פּאַקטאָרן פון דער גלייכונג ווערן פאַרדעכטיק. אַזוי אויך מיט דעם קומען. צוליב וואָס מ'איז געקומען, אַנטפאַלט א זאָמען פון געשיקט געוואָרן, און דערמיט אויך די באַרעכטיקונג פון א געוויסן חשד, פון וועלכן אָדער דאַרפן עפּעס אויפקלערן. אין דער נאַטור פון די געפענגעניש באַדינגונגען איז צו וועלן וויסן מיט וועמען מ'האָט צו טאָן, צי ס'איז אַן אייגענער אָדער דער רוח ווייסט וואָס פאַר אַן אָנשיקעניש. ביז דעם דערוויסן זיך דאַרף מען ניט דעם ניי געקומענעם האָבן וואָס ווייניקער געמיינזאַמס: ניט רעדן צו פיל, ניט שפּאַצירן צוזאַמען איבער דעם תפיסה-הויף. זעט מען מיט דעם און מיט יענעם, באַקומט מען א פאַלשע מיינונג און ניט ווילנדיק צוטרוי. א ניט קאָנטראָלירטער צוטרוי איז דאָך געפערלעכער פון פייער און כדומה אַזעלכע זאַכן. האָט אָבער מאָ דאָס אַלץ פּינקטלעך ניט געוואוסט און טאַקע דערפאַר זיך געשטעלט פאַרשיידענע פראַגעס. וואָס איז דאָס פאַר א באַציאונג? אומזיסט גיט מען דאָך ניט קיין צוואַנציק יאָר! ס'קומט אויס ווי א פרעמדער צווישן אייגענע. א גאַנצן חודש האָבן אים געמוטשעט געדאַנקען, ניט נאָר וועגן די מיט וועלכע ער איז געזעסן, נאָר אויך וועגן יענע וואָס זענען געבליבן אויף דער פריי, אין דרויסן, באַהאַלטענע אין הינטער-געסלעך, פאַרוואונדעטע, אויסגעמאַטערטע, פאַריאָגטע. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויך יענע געפינען זיך ערגעץ צווישן מענטשן וואָס קוקן מיט חשד אויף זייערע וואונדן. באַנדאַזשירן ניט, וואַרטן, ווילן זיך קודם איבערצייגן אַז די קויל וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין פלייש איז באמת א פיינטלעכע, אַן אָפּגעשאָסענע פון שונאס א געווער. א משונהדיקער געדאַנק האָט אים אָנגעהויבן פּלאָגן: ווי אַזוי דערקענט מען א פיינטלעכע ביקס? ווי אַזוי ווייסט מען צו אונטערשיידן אַן אייגענע פון א פיינטלעכער, כל זמן די ביקס שיסט ניט? דאָס זעלבע אייזן, דאָס זעלבע האָלץ, די זעלבע פאַרב און פאָרמען, אפילו דאָס בליי און דאָס געזאַנג בשעת דעם פליען זענען די זעלבע...

אין איינעם א טאָג האָט מען אים גערופן, ס'איז ניט געווען א „קום“, וועלכן מ'קאָן אויסטייטשן: וויל איך, גיי איך, וויל איך ניט, דאַרף מען ניט. ניין. ס'איז געווען א מין באַפעל. „גיי אין יענער צע-

לע", האָט עמעצער א וואָרף געטאָן דעם באפעל. פארבייגעגאנגען זענען זיי דריי, וועלכער פון זיי ס'האָט ארויסגערעדט די ווערטער האָט מאָטל ניט געקענט דערגיין. אפשר אלע דריי מיט א מאָל. אין אנאנדער נימער באפעל האָט א באזונדערע ווערט און וואָג. מ'ווייסט ניט פון וועמען ער קומט, מוז מען פאָלגן, מוז מען גיין. אין צעל האָבן געוואַרט דריי. אויך דריי. אָן א שום הקדמה האָבן זיי באפוילן: דערציילן! „וואָס זאָל איך דערציילן?" האָט געוואָלט וויסן מאָ. „העבר נאָר", האָט שאָטנדיק געפויזעט כון איינעם צום צווייטן, פון צווייטן צום דריטן, און פון דריטן צום ערשטן, א מידת־הדיניקע התפעלות, „ער ווייסט ניט וואָס צו דערציילן!" איז מען געזעסן א צייט און געשוויגן. דערנאָך האָט מען באַשלאָסן: מאָרגן מיט א שעה פריער. אויף מאָרגן האָבן זיי אים געהייסן דערציילן דעם וויאזוי און פארוואָס פון זיין קומען אין תפיסה. האָט ער דערציילט בקיצור וועגן בערג, שלאכטן, פארוואונדעטע, דאָקטוירים און גאסן־ווינקלען. אז ביים וואָרט דאָקטוירים האָבן זיי געלאָזט קריכן דעם בליק כון צווייטן צום ערשטן, פון ערשטן צום דריטן, און פון דריטן צום צווייטן, האָט מאָ ניט באמערקט, ווייל בשעת דעם דערציילן האָט ער זיי ניט געזען, ער האָט אין זיי כמעט נארגעסן. ער האָט זיך אליין איבערדערציילט די גאנצע געשיכטע און ביי יענע געשעענישן זענען זיי ניט געווען. פון זיין דערציילן האָבן זיי ווייניק פארשטאנען ווייל מאָ האָט מער פונקטירט, געשטעלט נקודות, צו מאָל אונטער אָנוואָגיקען, צו מאָל אונטער שעלמישן פאר אָט די דריי אין גאנצן אָנווערטיקן. האָט מען באשלאָסן מיט כיר טעג שפּעטער צוויי שעה פריער. נאָך זיין ארויסגיין פון קעמערל האָט דער דריטער געזאָגט, טיף רונצלענדיק די דינע הויט אויפן נידעריקן שטערן: „ער זעט ניט אויס צו זיין פּאָליטיש זייער רייף". דער צווייטער צום ערשטן: „ניין". און דער ערשטער צום דריטן: „יאָ, פון ביז איצטיקן, זעט ער ניט אויס צו זיין פּאָליטיש רייף". געטראכט א ווײַלע, זיך וויזט אויס עפּעס דערמאָנט און א וואָרטשיע געטאָן „מ'וועט נאָך זען".

נאָך פיר טעג, מיט צוויי שעה פריער, איז מען ווידער געזעסן און אויסגעהערט די געשיכטע, זיך ווידער איבערגעקוקט ביים וואָרט דאָקטער, אים געהייסן וואַרטן א רגע מיט דעם סיפור המעשה, געוואָלט דערגיין דעם מיין פון יחיד און רבים. דאָס ערשטע מאָל האָט ער גערעדט וועגן דאָקטוירים און דאָס מאָל, נאָר פון איין דאָקטער. אם האָבן זיי דערווייל גאָרניט געזאָגט, ניט מער ווי געהייסן דערציילן ווייטער, האָט ער דערציילט און די צייט

איז געקראָכן. ווען זי איז דערקראָכן צום פּלאַץ וואו מ'מוז באַשליסן, האָבן זיי באַשלאָסן אויף מאָרגן מיט דריי שעה שפּעטער. אַזוי זענען אַוועק אַ חודש און צוויי, גערעדט מיט אים האָבן נאָר די דריי, יעדעס מאָל אָפּגעלייגט מיט אַ טאָג אָדער צוויי, אָדער אַ וואָך. די אַ בעריקע האָבן מיט אים כמעט ניט גערעדט, חוץ די פּאָר מאָל, ווען מ'האָט קיין דאַטום און שעה ניט באַשטימט. אין דעם פאַל זענען ווידער פאַרבייגעגאַנגען דריי און אַרויסגערעדט: „גיי!" און מ'האָט ניט געקאָנט וויסן, צי זאָגט עס איינער אָדער אַלע דריי מיט אַ מאָל, אַזוי ווי מ'זאָגט אַ שפּרוך, צי קומט דער „גיי" טאַקע פון זיי אָדער פון ענגן חלל אין וועלכן עס באַוועגן זיך די געפאַנגענע. מוטשען האָבן אים אָנגעהויבן נייע געדאַנקען, אָדער מאָטלס אַלטער אופן דענקען איז אויפגעשטאַנען תחית המתים און ער האָט זיך דערכון קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן. אַ פאַקט איז, אַז ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן אין רויטע פראַגע־צייכנס. פאַר וואָס האָבן זיי געפרעגט צוויי מאָל וועגן דאָקטער און דריי מאָל וועגן קיראָן? וואָס קאָן באַטייטן די פראַגע: ווען און מיט וועמען ער האָט באַזוכן קיראָן זי זאָל פאַרקערעווען פון הויפּט־פּלאַץ וואָס איז דאָס פאַר אַ שטום איבערקוקן זיך, ווי בלינדע רויב־פייגל? אומגעזומפּערטע פראַגעס האָבן אים אַזוי לאַנג געמאַטערט, ביז ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז עפּעס איז דאָך געשען, אַז אַזוי פון דער העכער הויט האָט זי ניט געקאָנט פאַרקערעווען, און אויב אַפילו ניט־וויסנדיק, איז עמעצער מן הסתם דאָך שולדיק. וואָס אָנבאַלאַנגט זי, קיראָן, האָט זי געמוזט פילן אַז אויף דעם וועג דאַרף מען ניט גיין, ווייל ס'איז דאָך מעגלעך אַז די גאַנצע געשיכטע האָט טאַקע אָנגעהויבן מיט איר אומפאַרשטענדלעך פאַרקערעווען. נאָך די אַלע פראַגעס איז ער געווען אין גאַנצן איינשטימיק מיט די דריי, ווען זיי האָבן אים דערקלערט אַז אַלע איינצלהייטן קאָן מען זיך דערווייל ניט דערוויסן, און די זאַך מוז מען אָפּלייגן. שפּעטער, שפּאַצירנדיק ביחידות איבער דעם תפיסה־הויף, זוכנדיק אַן אויפקלערונג אין זיינע אייגענע טריט, האָט ער זיך פלוצים דערמאָנט אין אומשולדיקן פּיראַטיודיקן וואָרט תיקו, דאָס וואָרט וואָס אַנטהאַלט דעם ענטפער אויף אַלע ניט פאַרענטפערטע שאלות, און זיך הילכיק צעלאַכט. קוקנדיק פון אַן איבער צוויי טויזנט יעריקער הייך, אויף זיין אייגענער לאַגע, איז זי אים אויסגעקומען קאָמיש ביז גאָר. אָבער נאָר איין רגע, אָדער אַפילו קיין רגע ניט, ווייל די טראַגיק פון זיין צושטאַנד האָט זיך באַוויזן מיט איר גאַנצער גרייס אַ בלוטיק פרישע, אַ כליישיק ווייטיקלעכע, און האָט געפאָדערט אַז דער ענטפער זאָל זיין אַ באַלדיקער.

די פיס האָבן ניט געוואָלט דינען, איז ער געבליבן א צייט זיצן אין א ווינקל מיט אן אויף א מאָל ביז סקעלעטיש אָפּגעמאָגערט פּנים. ער איז אזוי אָפּגעזעסן א טאָג און א וואָך, דער איינציקער קאָנטאקט מיט די ארומיקע מענטשן איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער פלעגט שענקען א גוטמוטיקן בליק יענעם, וועלכער האָט פון צייט צו צייט צוגעבראכט און אוועקגעלייגט לעבן אים א שטיקל ברויט מיט פּאָווידל, אָדער מיט חזיר־שמאלץ. אים לאָזן פארהונגערן האָט מען ניט געטאָרט, ווייל „מאָ איז ניט אבי ווער". ער האָט זיך אויסגעקליבן א שפּאציר־שטח, וועלכן ער האָט געמאָסטן דעם גאנצן טאָג, דריי און דרייסיק שפּאן אין איין ריכטונג און אויך אזוי פיל אין דער פארקערטער, קיין מאָל מער און קיין מאָל ניט ווייניקער, אן אווטאָמאטיש באוועגן זיך אין וועלכן ער האָט ניט געזוכט קיין אויפקלערונגען, ניט מער ווי געפּרואווט פארלייכטערן דאָס וואַרטעניש.

## 15

דריי און דרייסיק, זעקס און זעכציק, ניין און ניינציק זענען טריט ביי וועלכע מאָ פארקערעוועט האסטיק, ביז ער ווערט מיד פון ציילן און שפּאנען און זעצט זיך אָפּרוען דאָרט, וואו די צפון־זייער באגעגנט די מערבדיקע. כל זמן ער שפּאנט זענען זיינע געדאנקען ביי יענע צוויי, וואָס זענען געפאלן אין לעצטן צוזאמענשטויס מיט די זשאנדארן און מיליטער. עס דאכט זיך איבן, אז דעם געניי אויסגעארבעטן פּלאן האָט עפּעס דאָך געפעלט, עפּעס זייער וויכטיקס האָט מען ניט פאראויסגעזען. מ'האָט פּשוט פארגעסן זיינע פון די איינפאכסטע מעגלעכקייטן אויסצומיידן די פארלוסטן. כאָטש די מעגלעכקייט וואָס האָט זיך אים אנטפּלעקט היינט קאיאָר, איז ניט מער ווי א נארישער חלום, קאָן ער זי דאָך ניט אָפּשטויסן, פּשוט אוועקמאכן מיט דער האנט, אזוי ווי ס'וואָלט געטאָן יעדער נאָרמאלער פארנונפטיקער מענטש. און דאָס נאָר דערפאר ווייל זי האָט זיך באוויזן מיט געוואלדיקער קלאָרקייט.

צעוואָרפענע, מיט שטרוי געדעקטע כאטעס, איבער א לייטיק־בארגיקער לאנדשאפט. פארשידנארטיק, ניט שטעטיש, ניט דאָרפיש געקליידטע מענטשן דרייען זיך הין און הער, מיט פילדייטיק יומטובדיקע שמייכלען, כאָטש אלע ווייסן אז די געגנט איז באלאגערט פון שונא און אין יעדן

מאָמענט קאָנען אָנהויבן פאלן סנאריאדן. ער, מאָטל, איז זייער נאַקעטער גאַסט. זיין נאַקעטקייט וואונדערט קיינעם ניט, פארקערט, עס זעט אויס אַז אין דעם באַשטייט דער כבוד וואָס מ׳גיט אים אָפּ. פון הינטער א כאַטע קומען דריי געקליידטע אין זומער־מאנטלען פון ענגלישן קאָווערקאָט, גע־נייטע לויט אמעריקאנישן שניט. פונקט אַזעלכע ווי זיינער. זיי פארבעטן אים גיין צוזאמען, פארלאָזן דעם וועג און שפאנען אין־פירן איבער טרוקענע גראָזן. זיי בלייבן שטיין. מאָטלען קומט אויס דאָס שטיינבלייבן אויסטערליש. נאָך א פּאָר מינוט גיט איינער פון די דריי א ווינק צו די אנדערע צוויי, און זאָגט: „נו!“ איינער פון די צוויי ווייזט מאָטלען א שליסל. וואונדערט זיך וואָס ער פארשטייט ניט אין וואָס ס׳האַנדלט זיך, קלאַפּט צוויי מאָל איבער דער פּלייצע גאַנץ חבריש, בויגט זיך אָן, שטעקט דעם שליסל אין, צווישן טרוקענע גראָזן, באַהאַלטענעם שלאָס, דרייט איין מאָל און נאָך אַמאָל, הייבט אויף א הילצערן טירל, אונטער וועלכן ס׳עפנט זיך א שמאָלער קיילעכדיקער גרוב. דער וואָס האָט געזאָגט „נו“ לאַדט איין מאָטלען ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן דער ערשטער. ער איז דאָך דער גאַסט. מאָ קוקט אויף זיין נייעם, עטוואָס צו לאַנגן מאנטל, ווי איינער רעדט: א שאָד דאָס מלבוש. לאַכן זיי אַלע דריי אָנשטעקנד. דער פינצטערער קאַנאַל פירט אין אומבאַקאַנטע טיפענישן. מאָטלען כאַפּט אָן א שרעק. באַלד וועט מער קיין לופט ניט זיין, אַט וועט אָנהויבן שטיקן אין אָנאויפהערנדיקן פאלן, בלייבט ער זיצן אין שטאָק פינצטער, הויבט אָן זוכן מיט די פיס דעם באָדן, א טרעפּ, פאלט ער ווייטער. אַזוי איין מאָל, און צוויי מאָל, און מערערע מאָל ביז ער קומט אָן צום ארויסגאַנג. ער קוקט זיך אום, קיין סימן פון קאנאַל, אַלץ איז פארוואַקסן מיט גראָז און דאָס זינקען האָט אפילו קיין מינוט ניט געדויערט. צענדליקער טויזנטער וואַקסן אַזוי ווי ער, פון באַרג-ראַנד, לאָזן זיך איבער דעם ברייטן פעלד, טאַנצן און זינגען א לויב געזאַנג דעם זיג. איינער, וואָס זעט אויס צו זיין א באַקאַנטער, אויב ניט איינער פון די צוויי געפאַלענע אין דער לעצטער שלאַכט, נעמט אים אונטערן אָרעם און זאָגט: פארגעס...

„יאָ, ווען מיר זאָלן געווען האָבן אונטערערדישע טונעלן מיט דעם ארויסגאַנג ווייט הינטער דעם שונא, וואָלטן מיר געוועון געקאָנט אָנגרייפן פון צוויי זייטן, אין דעם ליגט דאָס ניט פאָראויסגעזעענע. אמת דער מעטאָד איז ניט קיין אייראָפּייאישער אָבער א מעגלעכקייט בלייבט עס“, טראַכט מאָ און ס׳טוט אים וויי פאר וואָס מ׳האָט ניט פאַרגעזען אָט די אוממעגלעכע מעגלעכקייט. ביי דעם געדאַנק פילט ער א מידקייט אין אַלע אברים און זעצט

זיך אויסרוען אויפן שטיין וואס אין ווינקל, דאָרט וואו עס באַגעגנט זיך די
צפונדיקע בויער מיט דער מערבדיקער. ער זיצט און קוקט אויף די זיך
באוועגנדיקע שיך איבער דעם תפיסה־הויף, טראכט צו זיך, צו זיין משונה־
דיקער לאגע. ס׳איז שווער צו דעפינירן אָט די לאגע, ווייל זי אָנרופן א
טראגיקאָמישע קומט אים אויס ניט פאסיק, און קיין אנדער וואָרט געפינט ער
ניט, עס קומט אים ניט אויפן זעיון. עס פארפאָלגט אים א געשיכטע, א געשעע־
ניש וואָס ער האָט אַמאָל ניט געפרואווט אפילו צו פאַרשטיין, נאָר זיך
באַגנוגט א יפצונעמען, אפשר ניט מער ווי רעגיסטרירן, אזוי ווי מ׳האָט
דאָס אויסגעזייגט און איצט שיינט אים, אז ער האָט געזינדיקט, אז
ער האָט זיך אָנגעאייגנט אן אויבערפלעכלעכן, אויב ניט טאקע אומ־
מענטשלעכן אורטייל. געשען איז עס, ווען די מלחמה האָט נאָך גע־
קלאפט אין פענצטער, איידער זי האָט צעפראלט די טירן. ניט אויס־
האלטנדיק די פייניקונגען אויף דער פאָליציי, האָט איינער א חבר גע־
פרואווט זיך נעמען דאָס לעבן, איבערשניידנדיק די אָדערן פון... מאָ
דערמאָנט זיך ניט, צי פון דער רעכטער, אָדער לינקער האנט און
טראכט אז זיין חטא איז א פיל גרעסערער, די פאָליציי האָט זיך געכאפט
און אים געראטעוועט. נאָך דעם פראָצעס האָט מען דיסקוטירט זיין האל־
טונג, זיין פרואוו זיך צו נעמען דאָס לעבן, געשאצט אלס פחדנות און
באשלאָסן, אים אויסשליסן אויף א לענגערער צייט פון דער אָרגאניזאציע.
דער הויפט ארגומענט: דיין לעבן געהערט ניט דיר, דו ביסט ניט קיין
באלעבאָס דערויף. קיינעם איז ניט איינגעפאלן, טראכט אצינד מאָ, אז
אויף אזא אופן קאָן ווערן פון שבועה — שבועת שוא; פון קרבן —
לעסטערונג; פון שרעקלעכסטן און דערהויבנסטן מאָמענט אין לעבן —
א בושה, א שאנד, וועלכע מ׳דארף אָפוואשן מיט, ווער ווייסט וויפל,
איבערלעבענישן און נסיונות פון וועלכע קיין איינער איז ניט אימ־
שטאנד צו דערהויבן זיך צו דער מדרגה פון דעם, וואָס ס׳איז געשען
אין דער פייניקונגס קאמער פון סיגוראנצע.

...אצינד וואָלט זיך אים וועלן א שמועס טאָן מיטן טאטן, אריינדרינגען
אין תוך פון זיינע שטעך־ווערטלעך. ס׳וואָלט זיך אים וועלן הערן דעם
טאטנס מיינונג, זאָל זייך אפילו וועגן די געפוצטע שיך, וואָס טראָגן זיך
פארביי לאנגזאם, בכבודיק, קוים באַרירנדיק די ערד; טריט, פון זיך אליין
צופרידענע — ווייל פון יענע יחידים־במינמדיקע, וואָס ווייסן באשייד אז
אויף זיי שטייט די וועלט; טריט אויף וועלכע עס רוט מיט תמימות א חמור־
גדלותדיקער אויסדרוק. דער טאטע באווייזט זיך אָבער ניט. אין יענעם

טאָג ווען ער האָט אים געבעטן „גיי, טאטעשי, אין דיין רו אריין“, האָט ער ווייזט אויס באקומען דעם אמתן תיקון און וויל מער ניט וואנדערן איבער דער וועלט...

די מאמע יאָ. זי זיצט אָפט אויף די טרעפ וואָס פירן צו דעם קעמערל אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען די שופטים, זיינע ריכטער. זי זיצט א קראנ־קע, ווי דעמלט, ווען זי האָט געווארט אויף מאָטלס עלטערן ברודער, אויף די טרעפ פון דער פאָליציי-געביידע. געווארט האָט זי אויף איר תכשיט מיט דער האָפענונג, אז נאָך ניין טעג הונגער־שטרייק וועט מען אים באפרייען א לעבעדיקן, און ווען ער איז ארויסגעקומען האָט אין אירע אויגן אויפגעבליצט דער גרויסער מוטער-שטאָלץ, ווייל ס'איז געשען אזוי ווי זי האָט געוואוסט פון פריער: ער האָט אויסגעהאלטן, ער איז אויסגעשטאנען אלע נסיונות. דאָ איז איר בליק א פוסטער. ניין אָן אויסלעשנדיק וואונ־דערן זיך, א ניט ארויסגערעדט וואָרט אָדער א ניט דערהערטס. ס'איז עפּעס אזוינס, וואָס זי קאָן ניט תופס זיין, זי קאָן ניט פארשטיין דעם וויאזוי און פארוואָס. און ווייל דער ווייטיק זעט אויס צו זיין דער זעלבער ווי דעמלט האָט מאָטל מורא זי זאָל זיך ניט ווידער פארהויסטן, דער בלוט-דרוק זאָל ניט א שטייג טאָן ווייל אצינד קאָן ער איר מיט גארניט העלפן, אפילו ניט מיט קיין טרייסט. פארלאָזט זיין בליק די טרעפ און קערט זיך אום צו די פארבייגייענדיקע שיף ביז א פּאָר בלייבט שטיין לעבן אים. זייער שטיין זעט אויס צו זיין א צייטהאָבנדיקס, א גוטווויליקס.

„ווועמען קאָנען טראָגן אזעלכע שיף„? מאָטל זעט זיי צום ערשטן מאָל, א קוק טאָן אויף דעם, וועמען זיי טראָגן, איילט ער זיך ניט. עס זעט אויס א רעטעניש, אויב א רעטעניש, דארף מען טרעפן מיט די אָנגעגנע-בענע דאטן. מאָטל פרואווט ארויפלייענען דעם סוד פון די נאָסקעס,* פון די אויסגעגייטע בלימלעך אויף די שיף-שפּיצן. די ליליען שטריכן — צוויי האלב קיילעכדיקע און איינער א גלייכער — רעדן, זאָגן אָן מלכותדיקע שיף. ווייסט ער אָבער אז דער רויטער פרינץ — כמעט אלע רעוואָלוציאָנערע באוועגונגען האָבן געהאט זייער רויטן פרינץ, אזוי איז עס געשען אין אָט די ברייטע מזרח-קאנטן, וואָס ציען זיך ביז דעם גרעסטן פון די ימים אין דער צווייטער העלפט פון דעם וואָס מיר רופן ניינצנטן יאָרהונדערט און

* נאָסקע — שוך-שפּיץ

אין דער ערשטער הע:פט פון צוואנציקסטן — איז ניט אין דער תפיסה. ער געפינט זיך ערגעץ אין א לאגער. ניט אין יענעם פון וואנען ס׳שטאמט זייער באקאנטשאפט. אין יענעם איז ער געזעסן צוזאמען מיט מאָטלס טאטן — ווי מ׳ווייסט א חוזק־מאכער — און מיט א רב א מסור. וועגן יענעם לאגער פלעגט דער טאטע אים דערציילן אַן חוזק (א זייער זעלטענע דערשיינונג ביי א יידן וואָס דאלט אז הכל הבל): „א געהויבענע געזעל־שאפט, ניט קיין יינגלישע פארשייטקייט. אָ, ניין. מענטשן געזעצטע, פראָ־פעסאָרן, פילאָזאָפן, אדוואָקאטן, א פרינץ. גערופן האָט מען אים „דער רויטער פרינץ." און ניט באמערקנדיק אז מיטן דבקען זיך ווידערשפרעכט ער זיין אייגענע הבל־הבלים־וועלטאָנשויאונג, פלעגט ער דאָך ארייננפאלן אין התפעלות: „דער שמועס מיט זיי... דאָס איז געווען דער אמתר שמועס, עכטע שיחות־חולין פון גרויסע תלמידי חכמים".

... געווען דאָרט אויך א רב׳ל, פלעגט ער פארענדיקן זיין אַנחוזקדיקע געשיכטע, א שטיקל מסור, רחמנא לצלן".

— פאר וואָס טאטע, רחמנא לצלן? — א שאלה נאָר דערפאר ווייל אזא אופן רעדן איז ביי אים געווען זעלטן.

— שדים קאָן מען אויך אָן דעם פארטרייבן, אָבער א מסור?...

יענער, וועלכן די שיך האָבן אָנגעבראכט, האָט זיך לאנגזאם אראָפ־געלאָזט אין געבליבן זיצן אָנשפארנדיק צוויי גרויסע דלאָניעס אויף שפי־ציקע קני.

— וואָס טוט דיין טאטע? — די פראגע האָט אזוי איבערראשט, אז מאָטל האָט פארגעסן בהחלט פון שפיל, און זיך א דריי געטאָן מיטן גאנצן קערפער צום אומבאקאנטן. געמאָסטן פון די שיך צום היטל און צוריק. א פרעמדער, ער זעט אים צום ערשטן מאָל. זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם שמאָלן, עטוואָס אסקעטישן געזיכט. ניין, ער ווייסט ניט ווער ס׳איז. געקרייצט די בליקן איין מאָל און נאָך א מאָל, ערשט צום דריטן מאָל האָט זיך אין פרעמדנס בליק געשפיגלט א בערגעלע פריסיק אויף א שווארצער טאָלעקע און אין דער לופט האָט א בלאָז געטאָן א ריח פון פריש געשניטן גראָז.

— זע נאָר זע, דו ביסט עס גאָר?

— ווייזט אויס.

— זינט ווען?

איבערן טליענדיקן פייערל פון די אויגן-טיכענישן האָט זיך געצויגן א כמארעלע ווי א פארע-וואָלקנדל פון שוויץ־באָד־אויוון, ווען מ׳גיסט א שעפל וואסער אויף ניט גענוג אָנגעהיצטע שטיינער.

— מיר שטעלט מען מער קיין פראגעס ניט — האָט ער געענט־פערט האלב ערנסט, האלב ווערטל. דאָס כמארעלע איז פארשוואונדן, דער פלאַם פון דאָרן אין מדבר איז אויסגעוואקסן מיט ווילדער קלאָרקייט. וויפל ס׳זאָל ניט זיין איז עס צו פיל, האָט ער געזאָגט פארביסן. וועגן דעם וועט מען וויסן שפּעטער. און נאָך א קורצער פּויזע: פאר וואָס ענטפערסטו ניט מאָטל?

— אויף וואָס?

— אויף מיין פראגע. וואָס טוט דיין טאטע?

— ער טוט ניט מער — מאָטלען האָט דער ענטפער געקלינגען אומטערטעניק און ס׳האָט אים פארדראָסן אויף זיך. איז אָבער געווען צו שפּעט — עפּעס אנדערש אינטערעסירט דיך ניט? — האָט ער געפרעגט טראַציק, און ס׳האָט אים ווידער באנג געטאָן. א יינגל גיט זיך א שטעל און ער נעמט דאָס ערנסט, פארגעסן זיך א שפּיל טאָן.

— דאָס איבעריקע ווייס איך אליין — האָט געענטפערט מיט אמאָ־ליקן רוגז דאָס שגצל, זיך אויפגעהויבן און אוועק. מאָטלען האָט זיך געדאכט אז די וואָס דרייען זיך איבער דעם תפיסה־הויף עפענען פאר אים א וועג, שפּאנען דריי מאָל זוויטיק רעכטס און נאָך דעם לינקס, פאר־מאכנדיק הינטער אים א האלב־קרייז, פארבאָרגן אים פון ניט נויטיקע בליקן, שלינגען אים איין, ווי א וואלד אונטער געדיכטער באַשיצונג, און עס זעט אויס ווי א שטומער טאנץ. ער האָט זיך געפרעגט, צי איז עס שוין יראת הכבוד פאר אן אָנערקענטן צדיק, אדער ניט מער ווי א פּשוטע בן־יקיר ליבע צום יינגסטן פון תפיסה. איז אָנגעוואקסן דאָס געפיל וואָס פלעגט אים באהערשן, קוקנדיק אויפן שייגעצל מיטן נביאה-בייערל אין די בליקן, לעבן הויפן פּריסיק אויף דער סינעשטער טאָלעקע.

— ער וואקסט — האָט א זאָג געטאָן מאָ זיך אויפהייבנדיק. א רגע איז ער געשטאנען מבולבל און זיך געלאָזט אין וועג אריין, ציילן אין אין־סוף דריי און דרייסיק, זעקס און זעכציק, ניין און ניינציק, איין מאָל און הונדערט מאָל, אזוי ביז ער האָט זיך געכאפּט אז ער ציילט מיט דעם זעלבן ניגון מיט וועלכן ס׳האָט אים געצויבערט משה־מרדכי מלמד זינגענדיק: וימלוך און עס וועט טון טאָן קיניגן, עליכם אויף אייך, נער א יינגל״...

# 16

דער טראַמוויי שלעפּט קוים איר האַלב פאַרשלאָפענע מידקייט איבער קרום־קײלעכדיקע רעלסן, צווישן שמאָלע געסלעך. מיט פאַרמאַכטע אויגן וויגט קירא איר אויסגעמאַטערטקייט אין טאַקט פון רעדער־געקלאַפּעריי. די שמאָלע וואַגאָנעס רייסן זיך אַרויס אויפן ברייטן בולוואַר און דער ריטעם ווערט אַ ספּאַלאָשעטער. נאָך אַ פּאָר סטאַנציעס און זי וועט אָנקומען אַהיים, זיך אויסרוען נאָך אַ טאָג זיצונגען, פאַרזאַמלונגען און שווער האָרעווען מיט די נאָך־מלחמהדיק־ווילדע שילערס. אויף יענער זייט סקווער שטייען נייע בלאָק־הייזער, פאַרעלטערטע אין טונקעלער גרויקייט, פאַרטיפטע אין אַ פאַרקערטן שפּיל פון ליכטנדיקער פינצטערניש און פוסטער ליכטיקייט, אין שפּיל פון ניט גלייכמאָסיק צעוואָרפענע קוואַדראַטן, פּאַראַלעליפּיפּעדן און פּירעמקן, איבער שאַרצע מויערן, וואָס זאַמלען זיך אין אויסרוף און פראַגע־צייכנס, דערציילנדיק אַ מאָדנע געשיכטע וועגן דער נישטיקייט פון מענטשלעכן שטרעבן, וועגן יסודותלאָזיקייט פון חלומות. דריקט נאָך מער די מידקייט און דער שלאָף זעט אויס דער איינציק אייביק זיסער, דער אייביק אמתער. קירא נידערט פון טראַמוויי, וואַרט — אַזוי ווי זי הייסט טאָן די קינדער פון די קלענערע קלאַסן — ער זאָל זיך רירן פון אָרט, אַוועקשלעפּן די וואַגאָנעס, נאָך דעם גייט זי אַריבער די גאַס. די נאַכט נעמט זי אַרום מיט שטילער קיל, פרישט די מוסקלען, וואַשט די אויגן, קושט די שוואַרצאַפּלען, צערטלט אַלע אבֿרים.

„נאַכט, דו האָסט מיך ליב?" די נאַכט זאָגט ניט ניין. בלייבט זי אַ רגע שטיין, נאָר אַזוי פיל ווײַפל אירע וויעס באַגעגענען זיך און ס'דאַכט זיך, אַז דאָס צערטלען, קושן, וואַרעמען און קילן דאָס בלוט אין די אָדערן, קומט פון מאָען. נאָר ער איז אַזוי סודותדיק צאַרט, אַזוי פרעסטלדיק באַטעמט, נאָר זיין אָנוועזנדיקייט איז אָן אָנסוויקע זעליקייט.

„זיין ליבע איז געוואָרן אַ מאָדנע ווילדע. נאַכט, דו ווייסט אַלע ליכטיקע און פינצטערע סודות, ווייסטו אויך מיינעם. היינט איז מיין ליבע טונקל־בלוי, נאַכט".

קירא גייט אַריין מיט לייכטע טריט צו זיך אין צימערל, צינדט אָן דעם טישלאָמפּ, איר בליק באַגעגנט זיך מיט זיך, שמייכלען זיי אַ רגע טרויעריק, איינער צום צווייטן. זי דערנענטערט דאָס פּנים צום שפּיגל. די גרויע האָר מערן זיך. פון איין אָפענער טיר הערט זיך אַ לייכטער רעגל־מעסיקער אָטעם. ס'איז דער זעכציעריקער זון.

„ווייסט, אויך די נאַכט האָט מיך ליב“, פליסטערט זי מילד און פאַרגעניגן גיסט זיך אין אירע אָדערן.

פון דער צווייטער טיר שפּאַרט א האַסטיקער, פון ברומעניש איבערגעשלאָגענער אָטעם. מאָ דרייט זיך איבער מיט אימפּעט, פון איין זייט אויף דער צווייטער, די קניעס שלאָגן זיך אָן אין וואַנט־ברעט, דער רעש פון קלאַפּ לייגט זיך צוזאַמען מיט א ניט קלאָר זידלעריי. שטילקייט פילט אויס די צימערן.

„ער האָט מיך ליב געהאַט, מער ווי די נאַכט. היינט איז זיין ליבע אן אנדערע“, טראַכט קירא און פון האַרצן רייסט זיך א זיפץ. די בליקן באַגעגענען זיך ווידער. דער פון שפּיגל זעט אויס טיפער. זי עפנט א העפט מיט יענע וואָך געשריבענע קאָנטראָל־אַרבעטן, לייענט מעכאַניש פון א פינפצניעריקן שילער צוזאַמענגעשטעלטע פּראָזעס: „דער אוצר פון קענטעניש וועלכן כ'וועל דאַרפן שפּעטער אויף אן אנדער אָקעאַן, ווייל אצינד, נאָך דעם וואָס כ'האָב אָנגעהויבן די רייזע אויף א נייעם ים, נאָך דעם וואָס כ'האָב זיך באַקאַנט מיט די אוצרות פון ערשטן אָקעאַן און דער צווייטער איז אן אָנוואַסערדיקער, זין איבערפולטער מיט וויסן, ווייס איך ווי פראַכטפול ס'איז, וואָס מיין מאַמע האָט מיך באַהיט פון דער נאַטורס סטיכיע...“

קירא לייענט נאָך א מאָל און נאָך א מאָל ביז די זינלאָזע ווערטער באַקומען די פאָרמען פון שפּיל מיט לייכטנדער פינצטערניש און פוסטער ליכטיקייט, פאַרשטייט ענדלעך, אַז דאָס זענען די זעלבע ווערטער, וואָס אָן א שיעור לערערס און פראָפעסאָרן צווועקן טאָג טעגלעך אין די שילערס מוחות, מיט וועלכע זיי דאַלבען זעקס שעה א טאָג גלאַטע געהירן־אויבערפלאַכן, און א ניט־פאַרשטענדלעכע שרעק דרינגט אין אירע שוואַכע ביינער. די שרעק איז ניט ניי. צו מאָל דאַכט זיך איר, אז זי איז א געירשנטע פון זיידן, כאָטש זי האָט אים ניט געקענט. פון זיין בילד, וואָס האָט געהאָנגען אין טאַטנס צימער איז איר געבליבן א פאַרוואָצלטע שרעק ערגעץ אויף יענער זייט בילד, אין דער טיפעניש פון וואַנט, און נאָך טיפער ביז אויף דער דרויסנדיקער זייט. ניין. די שרעק איז איר אייגענע. אצינד הענגט זי זי אָן דעם זיידנס בילד. יענע איז געווען אן אנדערע, זין איינגעשרומפּענע, מיטן שורש און מיט די צווייגן אין זיך, אירע איז אן אומענדלעכע. זוכט זי אן אָנשפּאַר אין דער טונקל פון צימער, נידערט פון ערגעץ א רויט משיח-פערדל מיט זעקס שוואַרצע פינ-

טעלעך אויפן רוקן, זעצט זיך אויף דעם זעפט-בלעטל, צוזאָגנדיק א שפעטן אָסיען...

„...צו ערשט האָב איך געמיינט אז די וועלט האָט איר אָנהויב אין סינעשט. דאָ האָבן קינדער־מיילעכלעך אָנגעהויבן שטאמלען טאטע־מאמע, דאָ זענען ברייזער געוואָרן פורצל, צאָפ, סעניע, קאבאָק, און וועסטער סאזטא מיט דער לאנגער נאָז, בלינדע קוואָטשקע, איז בדרך הטבע אז פון דאנען זאָל שטאמען די גאנצע מענטשהייט. דערנאָך האָב איך באמערקט, אז ניט אלע מענטשן זענען גלייך, אז אייניקע זענען העל־פארביקע אנדערע טונקעלע, אז ס׳זענען פאראן מענטשן מיט קיילעכ־דיקע דערשראָקענע אויגן, ווידער אנדערע מיט שמאָלע, עטוואָס אויף ארויף געשניטענע, וואָס קוקן דורך די וויעס און זעען, ווער ווייסט וואָס, געטראכט אז כ׳האָב א טעות געהאט, כ׳האָב זיך אָפגענארט, ס׳איז מעגלעך אז די וועלט זאָל ניט שטאמען פון סינעשט, פון מיין אייגן דאָרף. דאָס האָט אָבער געדויערט נאָר א צייט, כ׳קאָן מיך ניט דערמאָנען ווי לאנג, א טאָג צי א יאָר פאָרויס, צי גאָר צען טויזנט יאָר אויף צוריק. שפעטער, נאָך אָט דעם צייטאָפשניט, האָב איך מיך איבערצייגט אז די גאנצע וועלט, אלץ, וואָס אָטעמט און וואָס אָטעמט ניט, שטאמט טאקע פון סינעשט. אין יענעם מאָמענט בין איך מסוגל געוואָרן צו הערשן איבער איר, זיך פילן און פירן ווי איר איינציקער באלעבאָס. דעמלט האָבן זיך ערגעץ — כ׳ווייס ניט, צי ניט אין מיר גופא — איבערגעחזרט פון זיך אליין די ווערטער „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד“ און די צייט פון מיין הערשאפט איז געווען ניט מער ווי אייגאונאיינציקער לאנגער טאָג...“ אזוי האָסטו געפליסטערט אין פריסיק־עקסטאז מאָ, אין יענער שפעטער אָסיען־נאכט, ווען מיר האָבן געזוכט געדיכטע שאָטנס אין שטאָט־פארק, עטלעכע חדשים נאָך דעם וואָס כ׳בין געקומען קיין אראד. איך האָב דאָ געהאט אן אָנקל מיט א טאנטע, דו האָסט ניט געהאט קיינעם, אָדער אפשר האָסטו יאָ געהאט קיינעם. ס׳האָט דיך אהער דערטראָגן, ווי דאָס וואסער דערטראָגט א צווייגל, א צווייג וואָס וויל פארגעסן דעם בוים פון וועלכן ס׳האָט זיך אָפגעריסן.

איך האָב אויך געמוזט פארגעסן אין מיין ביז דעמלטיקן נאָמען. אין דער היים האָט מען מיך גערופן קריסטין, א סגולה צו א שידוך, אָדער צו ווער ווייסט וואָס. אזוי האָט מען געמיינט. קיין סגולה איז עס ניט געווען. פארקערט. מ׳האָט געמוזט פארציכטן און דער נאָמען קירא האָט זיך מיר אויסגעדאכט אן אָנגעהאָנגענער, א פרעמדער. די טאנטע

האָט אָבער געזאָגט, אז קריסטין פּאסט צום געלן פלעק, ווי צו א הייליקער, מאגדאלענא. ביי דיר איז עס געשען אנדערש. דו האָסט דיר אליין צוגעקליבן א נאָמען. דו האָסט געזאָגט אז דיין נייער נאָמען איז א פּארעווע, אז ער איז נייטראל, און צום ארבל דעם געלן צייכן ניט צוגעניית. דו האָסט שטענדיק געהאט אזוי פיל צו דערציילן. אלץ וואָס ס'איז מיט דיר געשען האָט זיך דיר געדאכט אויסערסט אינטערעסאנט. קינדער-שפּיל האָט געהאט אינהאלט, ברידער זענען געווען תנאים, שוועסטער — נביאות, און יעדער אויפטו דיינער — א הימל עפן דיך, כמעט א מופת.

„אין סינעשט האָט מען פון קיין זאָטל ניט געוואוסט. ווער דארף א זאָטל? פּויערים ווארפן א זאק אויף דער גריווע, אָדער שפּרינגען פּשוט אויף דעם רוקן פון פערד. מיט באָרוועסע פיס דארף מען ניט קיין זאָטל. מיר האָבן קיין פערד ניט געהאט. וואָס טויגן פערד א שוסטער, א שניידער א רימער, א קורעלאָפּניק,* צי גאָר א שוחט...?"

די ווערטער זענען געווען פאר מיר פרעמד, נאָר געפרעגט האָב איך ניט, ווייל אלץ וואָס דו האָסט דערציילט איז געווען אמת און קלאָר. ניט פארשטענדלעכע ווערטער האָבן געטראָגן אין זיך דיין פארשטענדלעכקייט, זיך אָפּגעריסן פון דיינע ליפּן, ווי לויטערע טייבעלעך, און זיך געזעצט אויף מיינע, אפשר ווייל מיינע ליפּן האָבן זיך זיי אנטקעגנגעשטעלט אזוי ווי א דרייטעגיק לאָשעקל שטרעקט די אונטערשטע ליפּ צום זויגן און זיי אויפגענומען מיט פרוילעכער גאסטפריינדלעכקייט. מיין ווייבלעכקייט האָב איך אנטדעקט ביי דיר, און אלץ איז געווען אזוי פארשטענדלעך. ניט פרעגנדיק בין איך געוואקסן אין מיינע אייגענע אויגן. און אזוי ווייס איך עד היום ניט, וואָס איז געווען דיין טאטע, א שוחט צי א רימער?

האָסט דערציילט: „זומער און אָסיען־נעכט פלעג איך אָפּט פארברענגען אין פעלד, אויף דער טאָלעקע, צוזאמען מיט די דאָרפס־שקאָצימלעך. מיר פלעגן זיצן ארום א פייער, בראָטן געגנבעטע קארטאָפל, אָדער פּאָפּשויעס, צעדרויבלען אין דער דלאָניע מיטן גראָבן פינגער ביים פלאם געטרוקנטן טאבאק, וויקלען אין דינע געל־גרינע קוקורוז־בלעטלעך, רויכערן, זיך צוהערן צום שמועס פון באָרעדעוודיקע גרילן, ביז זיי פלעגן מיד ווערן, און לאָזן די נאַכט פארזינקען אין איר אומענדלעכער שטילקייט. דעמאלט איז דאָס פערדישע מאָלן פעט גראָז מיט כונה געווען, ווי א געבאָט, פון גאָט, א הייליק טועכץ וואָס מ'טאָר ניט מפסיק זיין. איבער די פערד

* קורעלאָפּניק — הינער הענדלער.

וואכן נאָר די שטערן, די נאַכט הילט זיי מיט שטילער ווארעמקייט.
צווישן רויטע וויעס הויבן זיי, האלב וואָר, האלב חלום, די פּאָדערשטע
געפּענטעטע פיס, שפּרינגען ווי געשפּענסטער זיך אָנטרינקען מיט פרישן
טוי און הירזשען קוים פאר פארגעניגן. דעמלט געשעט מיר זאָלן זיך א
וואָרף טון אויף זייערע רוקנס, זיך לאָזן אין א ווילד געיעג, באגעגענען
דעם זון אויפגאנג. דעמלט האָט דאָס רייטן דעם אמתדיקן זין... עס קאָן
אָבער געשען אויך אנדערש..."

אזוי פלעגסטו דערציילן, מאַ, אין יענעם הארבסט, ווען אונדזער
בלאָנדזשען אין דער נאַכט איז געווען א צווייט מאָל געגנבעטס.
שפּאַצירן לשם שפּאַצירן איז אין אונדזער סביבה געווען, צו יענער
צייט, שטרענג פאַרבאָטן, כמעט דייטש־שטרענג, אָדער נאָך מער. פלעגסט
אָנהויבן מיט קוויקן זיך מיט דער נאַכט, אָדער מיטן בין־השמשות.
ס'האָט געהערט צום דעמלטיקן אופן. קירא שמייכלט קוים זי וויל ניט
פאַרטרייבן דעם כישוף, זי וויל לעשן דעם דורשט ניט א דעמלטיקן
טוי־טראָפּן.

„...עס קאָן אויך געשען אנדערש, האָסטו דערציילט. אין איינעם א
פרייטיק האָט מיר די מאמע געזאָגט, אז שבת-צו-נאַכט וואָלט געווען
כדאַי איך זאָל מיך אריינכאַפּן איז שכנותדיקן דאָרף נאָך א זעקל מעל,
אָדער אפשר נאָך צוועלף הייפּטלעך קרויט. וואָס קאָן געדענקען? ווייט
איז עס ניט געווען, נאָר מיר האָט זיך פארגלוסט א רייט טאָן. האָב איך גע-
באָרגט א פערדל ביי ניקוליצען, ביי דעם וואָס וואוינט אין סאמע עק דאָרף.
א פערד ביי אים א ניט זייער גרויס, אָבער א נערוועז. גענוג א צי טאָן
די לייצעס און שוין פליט עס. כ'ווייס עד היום ניט, מעגלעך אז כ'האָב
זיך צוגעאיילט, צו פרי זיך געלאָזט אין וועג אריין, מעגלעך אז די רגע
פון המבדיל בין שבת לחול האָט מיך געכונען א רייטנדיקן, און דאָס
פערדל, באפליגלט פון די פּאָלעס פון מיין קאַפּאָטע — דעמלט האָב איך
נאָך געטראָגן א קאַפּאָטקעלע, די לעצטע ימים נוראים מיינע אין א קאַנטנ-
דל, נאָך דעם האָב איך פארלאָזט די ישיבה און זיך פּראָלעטאריזירט —
אָדער פון דערהויבנקייט פון מאָמענט, געזען, ווייזט אויס בעשיינפּערלעך,
ווי דער שבת טיילט זיך אָפּ פון וואָך און זיך א לאָז א געטאָן אין דעם
קאָרידאָר, געוואָלט דורכלויפן כהרף־עין די שמאָלע ליק פון איין עק צום
צווייטן, פילן די עמוד-האשיקע היץ פון אוועקגייענדיקן שבת און שכוד־
הענגדיקע קילקייט פון דער קומענדיקער וואָך, האָט זיך דאָס פערד א
לאָז געטאָן מיט אזא אימפּעט אז ס'האָט זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן

ווען ס׳האָט מיר געשפּאָלטן דעם קאָפּ אין אַן אַראָפּהענגענדיקן צווייג...
אָט זע, ביז היינט איז פאַרבליבן אַ סימן..״ דו האָסט צעצווייט מיט ביידע
הענט דיינע גרייכטע האָר, געמאַכט אַ שרינד און מיר געהייסן אָנטאַפּן
דעם צייכן. כ׳האָב דיך געפאָלגט, קוים באַרירט מיט די פינגער־שפּיצן,
ווייל ס׳האָט ווי געטאָן. די לעבעדיקע וואונד, דאָס טריפן פון בלוט האָט
געגרוילט און געשראָקן. דאָס געשעעניש האָסטו דערציילט אויך אַ צווייט
מאָל. דערציילט האָסטו אייגנטלעך אַן אַנדער געשעעניש נאָר דער אויס־
דרוק, דאָס פייער, דער ציטער איז געווען דער זעלבער... ניין, מאַ. ווען
דו האָסט דערציילט דאָס צווייטע מאָל, האָב איך דעם ציטער פון דיין
הויט ניט געפילט. איך האָב אים נאָר אינטואירט. דער ציטער איז געווען
מיינער, מיר האָט זיך נאָר געדאַכט אַז ער איז דיינער.

קירא הערט זיך אַ רגע איין צום רעגלמעסיקן אָטעם פון זעכצן־
יעריקן זון.

דיר האָט ער דערציילט די געשיכטע, ווען ביסט אַלט געווען ניט
מער ווי אַ יאָר אַכט. מיר האָט ער שוין דעמלט קיין געשיכטעלעך מער
ניט דערציילט. דיר יאָ. דאָס איז געווען זיין ביישטייער צו דיין דערציאונג.
און ניט נאָר דאָס, די וואָרעמקייט איז ניט געווען פון סילוקן אַ חוב.
דערציילט האָט ער, דיך האַלטנדיק נאָענט צו זיך:

„געווען בין איך דעמלט אַ שמירער אין דער גרעסטער און מאָ־
דערנסטער אויטאָמאַטישער מיל פון שטאָט. אין וועקסלערס מיל״.

איך בין געזעסן אין מיין צימערל און צוגעהערט. ווייזט אויס,
ווייל כ׳האָב געלעכצט נאָך דעם אַמאָלדיקן צויבער. ער זאָגט וועקסלערס
מיל, האָב איך געטראַכט, כדי דו זאָלסט וויסן אַז דאָס וואָס ער דערציילט
איז געשען אין דער וואָר.

„ארומגעגאנגן מיט אַ קענדעלע אייל און געגאָסן טראָפּנס אין די
אויבערשטע לעכלעך פון די לאַגערס, פון די פּאָדשיפּניקעס ווי מ׳פלעגט
זאָגן אין יענער מיל ווייל די גרעסטע טייל אַרבעטער זענען געווען בע־
סאַראַבער. פּאַלט מיר איין, אַז שמירן די אַגרעגאַטן קאָן מען אויך בשעת
זיי אַרבעטן, כאָטש זיי טרייסלען און מאַרדעווען אין אַלע זייטן ווי צעווילד־
עווטע שדים...״

ישיבה בחור, צי פּראָלעטאַריער ביסטו געבליבן דער זעלבער. פול
מיט חסידישער דבקות. ווען האָסטו מיר דערציילט מאַ,
אין אַ הייסער זומערנאַכט, דעמלט ווען האָסט צום ערשטן מאָל איבערגע־

נעכטיקט ביי מיר. האָסט פאַרשפּעטיקט, זיך געוואָלט לאָזן גיין, געזאָגט אַז קיינער קאָן זיך ניט שלייכן בעסער פון דיר לעבן וועגט און מויערן און איך האָב געענטפערט, ניין. ביסטו געבליבן. די גאַנצע נאַכט האָסטו דערציילט. פון וואַנען האָבן זיך צו דיר גענומען די אַלע דערציילונגען? דעמאָלט האָב איך ניט געפרעגט, און שפּעטער האָב איך זיי צו מאָל איבער־דערציילט און צו מאָל פאַרגעסן. אַזעלכער ביסטו אויך זיכער געווען אין די בערג, אין די וועלדער. וועגן יענער צייט האָסטו דעם קינד ניט דערציילט, גלייך וואָלסט ניט געוואָלט ס׳זאָל וויסן. אויך מיר האָסטו ניט דערציילט, גלייך איך וואָלט ניט ווערט זיין דאָס צו הערן. זענען דאָס באמת געווען די סיבות? איך, נאַרישע, בין געווען מיט דיר איינ־שטימיק. ווען בין איך ניט געווען? געטראַכט, ביסט גערעכט. ביסטו באמת געווען גערעכט?

קירא בלייבט זיצן אַ רגע מיט די פּראַגעס אין שויס, קוקט אויף זיי ווי אויף ווילדע באַשעפעניש, אין דרייען איינגעהויקערטע, קרענק־לעכע, זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט, די פראַגעס, צו זיי אין שטוב, געוואַקסן פון זייער מאַרך און אויפגעשטעלט די שרעקלעכע מויער וואָס צעטיילט זיי שוין אַזוי פיל יאָרן. זי פילט ווי דער קאָפּ ווערט איר שווער, דער־מאָנט זיך אין די העפטן, זי מוז דאָך דורכקוקן די יענעוואָכיקע אַרבעטן, עפנט איינעם פון וועלכן עס שלאָגט אַ מיידלישער ריח, דער זעלבער וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן פון ריטאַס העפט...

...אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, אין די ערשטע יאָרן נאָך מאַטלס באַפרייאונג פון תפיסה.

## 17

לאַנג איז כּאָ ניט געבליבן אַן אין גאַנצן אויסגעשעפּטער ווי דעמאָלט, ווען די דריי האָבן באַשטימט אַז צו קיין פּסק־דין קאָן עס דער־ווייל ניט קומען, און אויך ניט אַן אין גאַנצן גלייכגילטיקער, ווי אין די טעג, אין וועלכע ער פלעגט מעסטן דעם דריי און דרייסיק שפּאַניקן שטח. ערשטנס ווייל קלאַנגען וועגן אַ נאָענטן סוף פון קריג זענען געוואָרן עפטערע, און אַזוי אַרום אויך די מעגלעכקייט אַלץ אויפצוקלערן אין אַ נאָענטן

עתיד. זיך דערוויסן, פון וואנען עס שטאַמט דער אומבאַשטימטער חשד, ווי אזוי איז ס געקומען צו דער אומגעלומפּערטער איזאָלירונג, אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך דאָס ניט ארויסגערעדטע, וואָס האָט געלויערט אין יעדן ווינקעלע פון דעם דרייער קעמערל. און צווייטנס, ווייל די איבעריקע האָבן געביטן זייער באַציאונג. אָנגעהויבן מיט אים רעדן, דערציילן, אויספרעגן, ענטפערן אויף זיינע פראגעס. ס׳האָט דערגרייכט דערצו, אז איינער פון די דריי וועלכע האָבן אים גערופן אין צעלע, אין חדר־מיוחד — נאָר איינער, מאיש לרעהו, ניט אלע דריי ווי פון בית־דין צו א באַשולדיקטן — האָט זיך מיט אים גערעדט וועגן דעם פּלאַן פון אן עווענטועלער באַפרייאונג פון תפיסה מיט אייגענע מיטלען, ניט די כוחות וואָס געפינען זיך אויפן פּלאַץ. מ׳קאָן ניט וויסן, ווי אזוי עס וועט אויסזען, ווען די דייטשן וועלן מוזן אָפּטרעטן. ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן ס׳זאָל קומען צו א בייזוואָפנטן צוזאמענשטויס און ער, מאָטל, האָט דערפארונג.

מאָ האָט פארבעסערט דעם פּלאַן, געהאָלפן פארטיילן דעם עולם אויף גרופּן מיט קלאָרע אויפגאבעס, אינסטרואירן די וואָס האָבן ניט געוואוסט ווי אזוי א ביקס זעט אויס, ס׳איז אים אפילו געלונגען דורכצופירן איייניקע רעפּעטיציעס. זיין באַהאוונטקייט, זיין פלינקקייט און דאָס אויסגעפינען פארשידענע ווארי‌אנטן, האָבן איבערראשט מיט זייער שארפזיניקייט. מ׳האָט אים ליב באַקומען. ס׳האָבן זיך געשאפן יענע באַציאונגען, אין וועלכע ער האָט זיך געפילט ווי א פיש אין וואסער, כאַרגעסן די חדשים אין וועלכע ער איז געווען א פרעמדער, אן אָפּגעזונדערטער ווי א קרעציקער.

צו מאָל, ווען די באַראַטונגען האָבן געדויערט א שטרענג „איינערלעבן‟ כאַראקטער, פלעגט מען אים ניט רופן. דעמלט פלעגט ווידער אָנהויבן דער וויי. מאָ איז אָבער געווען אזוי פארכאַפּט פון דער ארבעט, אז דער וויי האָט קיין צייט ניט געדאַט זיך צו באַזעצן, זיך נאָך א מאָל פארוואנדלען אין מוטשעניש פון די פריעדיקע חדשים.

די באַפרייאונג איז געקומען גיכער ווי מ׳האָט זיך גערעכנט. צו קיין בלוטיקן צוזאמענשטויס איז עס ניט געקומען. ס׳האָט אויסגעזען אזוי, גלייך מ׳וואָלט פון ערגעץ א ווינק געטאָן דעם דירעקטאָר און ער האָט פארשטאַנען אז ס׳איז בעסער צו פארמאַכן אן אויג, זיך מאַכן ניט וויסנדיק וועגן די צוגרייטונגען וואָס קומען פאָר אין תפיסה, צוהעלפן אינדירעקט צו דער אַנטוואָפענונג פון דער וואַך.

...ווען זיי זענען אַרויס, האָט שוין די פּאַרטיי געפּירט איר אַר-בעט לעגאַל. מאָ האָט באַגעגנט די מערהייט פון יענע וואָס ער האָט געלאָזט אין טרוקענע קעלערס און פינצטערע בוידעמס, אין די הינטער-געסלעך. זיי האָבן אים אויפגענומען מיט ניט באַהאַלטענעם דרך-ארץ. ווען זיי האָבן גערעדט וועגן אים, האָט אַטריבוט-פּאָסטקייט באַקומען אַ באַזונדערע מאַטעריעלע וואָג. דער איינזילביקער נאָמען האָט געקלונ-גען לאַנג, גלייך זיי וואָלטן אים נאָכשיקן אַ זיבנפאַכן עכאָ.

דאָ האָט ער אויך באַגעגנט יאָסיף דאַנבאַג. יאָזשעף שאַלאַמאָן האָט ענדגילטיק געביטן זיין נאָמען. אין יענע צייטן האָבן אַ סך געביטן זיי-ערע נעמען, אָבער ביי יאָזשעפן איז עס אויסגעקומען אַ ביסעלע אַנדערש. ער פלעגט אַרויסרעדן דעם נייעם נאָמען קלאָר, אָן דעם קלענסטן שפּור פון זיין געוויינטלעך שטומפּיק-לשונדיקייט, מיט אַ קוים באַמערקבאַרן אַקצענט אויף „באַג". ס'האָט אויסגעזען, גלייך ער וויל מיט דעם אונ-טערשטרייכן אַז ער נעמט זיך אַרויס פון כלל, אַז ער געפינט זיך אויף אַ מדרגה וואו די פראַגע פון נאָמען איז קיין פראַגע ניט, זי פאַרשווינדט זי ווערט אויפגעלייזט אין דער אַלגעמיינער זאַך.

מאָ האָט געפּרואווט דערמאָנען אין דער באַגעגעניש וואָס איז ניט צושטאַנד געקומען, דעמלט אויפן פּלאַץ, האָט אים דאַנבאַג געענט-פערט קורץ: „מ'דאַרף ניט. ס'איז איצט קיין צייט ניט דערויף".

ווען מאָ זאָל זיך געוועזן צוהערן אויפמערקזאַמער, וואָלט ער גע-ווען באַמערקט דעם טראָפּ אויפן „איצט", וואָלט ער אפשר געוועזן פאַר-שטאַנען, אַז דאָס הייסט ניט מער, ווי אַז די פראַגע ווערט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. איז אָבער אפילו פאַר מענטשן געוואָוינטע מיט דאַנבאַגס דיבור געוועזן שווער זיך פאַנאַנדערצוקלויבן אין זיין טויבן עטוואָס ליידיק-פּאַסיקן געמורמל.

חוץ דעם איז די צייט באמת ניט געוועזן קיין פּאַסיקע דערצו. די שטאָט איז צוויי מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. די היטלערישע אַרמיי האָט אומגעריכט אַנטוויקלט אַן אָפענסיווע און ווידער באַזעצט די שטאָט. ס'איז אויסגעקומען זיך צו שלאָגן מיט אַ שרעקלעכערער, ווי ביז דעמלט אָקופּאַציע. עטלעכע טעג האָבן זיך צעשפּילט, מיט אַ ווילדער פיינטשאַפט, ניט געדאַכטע, צערייצטע, הונט-קעציש כוחות, האָט מען געמוזט פאַרטיילן די מענטשן אַזוי, אַז זיי זאָלן נאָר מיט זייער אָנוועזנ-קייט זיין אַ פאַקטאָר פון גלייכגעוויכט און קעגנזייטיקן פאַרשטאַנד. מאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן איבעראַל אַ נויטיקער.

אין יענע טעג האָט ער זיך צופעליק באַגעגנט מיט קאַזשוכן. אפילו אין אזא צייט האָט זיין באַגריף וועגן פאַרבינדעטע ניט געקאָנט איינשליסן קאַזשוכן. אויסדרייענדיק די רעד פון טראַמלרעוואָלוווער אין קאָמיסאַרס ריכטונג, האָט ער געפרעגט מיט אָפענער שנאה: „וועמען זוכסטו דאָ? קאַזשוך האָט זיך ארויסגעוויזן א קאַלטבלוטיקער. ער האָט אָפּגעשטויסן פאַמעלעך אין א זייט דעם שווארצן רער-לאָך און געענטפערט מיט א פילדייטיקן שמייכל: „ס'איז ניט קיין צייט פאר אזעלכע חשבונות. חשבונות שפּעטער". ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט מאָ געפרעגט דאַנבאָגן פאר וואָס מ'האָט ניט תיכף ליקווידירט די געוועזענע קאָמיסאַרן און אגענטן.

— וועמען מיינסטו דערמיט?

— וואָס הייסט וועמען? סאַווא, קאַזשוך, די גאַנצע באַנדע.

— אלע אין איין זאַק דאַרף מען ניט וואַרפן, וואָרגאַפּט, האָט געזאָגט יאַזשעף אָפּיציעל. סאַווא איז ניטאָ. די איבעריקע... וואָס שייך קאַזשוכן, איז זיי וויסן אז אים איז צו פאַרדאַנקען וואָס די פאַרוואונדעטע, אויך דער וואָס איז געבליבן נאָך דיין פאַרלאָזן די קאָנספּיראַטיווע וואוינונג, און ניט נאָר די פאַרוואונדעטע, נאָר טאַקע אויך דו אליין, געפינען זיך דאָ. פאָלג מיך, ניט אצינד איז די צייט פאר חשבונות.

מאָ האָט אנטדעקט אז דאַנבאָגס שטימע איז ניט אזא איינטאָניקע, ווי אים האָט זיך געדאַכט, אז זיין מורמלען איז פול מיט סילסולים, שלשלתן און ניואַנסן. מ'דאַרף זיך נאָר איינהערן. ער האָט אויף אים געקוקט מיט קיילעכדיקע אויגן און דאָס ערשטע מאָל אזוי טיף געפילט וואָס עס באַטייט א פאָרטייל, און דער פאָרטייל איז געוועז אויף דאַנבאָגס צד. זיינע אויגן האָבן זיך געבאָדן אין א דיקן שיכט שמאַלץ, ס'איז ניט געווען מעגלעך צו טרעפן וואוהין זיי קוקן, און וואָס פינקטלעך דריקן זיי אויס. ווען מאָ האָט געפונען דעם שליסל צום קול, האָט ער זיך פאַרלוירן אנטקעגן דעם פאַרשלאָסענעם בליק און געפילט אז אין דער טיפעניש פון דאַנבאָגן ליגט ניט זיינער א פריינד, אז ווען די צייט וועט קומען וועט דער חשבון ניט זיין קיין לייכטער, אפשר גאָר אַן אומרחמנותדיקער. אָבער אין וואָס דער חשבון באַשטייט, האָט ער זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ער האָט ניט געקאָנט דערגרונטעווען, אין וואָס אייגנטלעך ס'קאָן זיך האַנדלען.

מאָ האָט זיך דערמאָנט אין קאַזשוכס רייד, דעמלט ווען ער איז געקומען אין צעלע, אויף דער פּאָליציי. ער האָט געמיינט אז ס'איז געווען

ניט מער ווי די געוויינטלעכע פּאָליצייאישע כיטרעקייט, און דערפאר וועגן דעם ניט גערעדט פאר דעם דרייער בית-דין, איצט האָט דער אמאָליקער שמועס באקומען אן אנדער פארנעם, קיראס פארקערעוועז פון הינטערגעסל צום פלאַץ וואו ער האָט געווארט אויף דאנבאָגן האָט אויסגעזען א שטראָף, און ס׳האָט זיך אים געדאכט אז א שרעטעלע טאנצט ארום אים א שפּיט־טענצל.

אין יענער נאכט האָט זיך אים געחלומט די סינעשטער טאָלעקע. די פערד זענען העט ווייט, זיי פארלירן זיך אין דער אומענדלעכער פינצטערניש און קיינער רירט זיך ניט פון לעבן פייער זיי צוריקברענגען, גלייך זיי וואָלטן זיין ניט זייערע, נאָר גאָר קיינעמס ניט. אלע זיצן ארום פייער מיט געבויגענע קעפּ, ווייזט אויס אנטשלאָפן געוואָרן. צו גרויסע קעפּ אויף מאָגערע קערפּערלעך. דאָס האָט זיי די מלחמה אזוי אָפּגעמאָגערט. ער גייט נענטער צום פייער וויל זיי וועקן, שפּרינגען זיי אלע אויף: דאנבאָג, סאווא, קירא, קאָזשוך, דאָס שגצל מיטן ברענענדיקן בליק, און ער אליין, מאָטל. אלע טראָגן זיי לאנגע, פון אזוי פיל לאטעס פילפארביקע, קאפּאָטקעלעך. זיי קוקן זיך איבער, קוקן אויף אים פארוואונדערטע, מאכן דעם אָנשטעל אז זיי קאָנען ניט פארשטיין פון וואו ער איז פּלוצים אויסגעוואקסן דאָ אין מיטן פעלד. ווי קומט ער אהער? ווי אזוי האָט ער געוואגט זיך צו באווייזן און דערצו אן אנטוואָפנטער? אויף מאָטלס א ווינק שפּרינגען זיי אלע אויף, שטעקן ארויס די צונגען און הויבן אָן טאנצן ארום אים. טאנצנדיק ווערט פון יעדן צווייען איינער טראָגט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ אין דער לופטן און דער צווייטער זינגט מיט אן עטוואָס הייזעריק קול ווי יאנקל חזן, דעמלט ווען ער האָט געשריגן „בהר" און די איינוואוינער פון א קילאָמעטער ארום, מייסטנס פויערים, זענען געקומען צו לויפן מיט פולע עמער וואסער. געוואוסט אז ביי יידן איז דער יום טוב ווען זיי שמעקן גוטיעס, ווען זיי צינדן אָן א סך ליכט, האָבן די פויערים ניט געהערט „בהר" נאָר גאָר „פּאָזשאר" — דאָס וואָס האָט אין יענע קאנטן געהייסן א שרפה — געמיינט אז די שול ברענט און געקומען לעשן דאָס פייער. מאָ וויל זיי הייסן שווייגן, ער וויל שרייען „שא" איז אים אָפּגענומען דאָס לשון. אויס קול, אויס צונג, ער איז שטום ווי אלע שטומע, און זיי טאנצן און זינגען א משונהדיק לידל:

רויטע צינגלעך זענען מיר
רויטע צינגלעך שטעקן מיר

ציט א ברייטן קאראהאָד,
ארום מאָ מאכט א ראָד

ברענט אים מיט אן אייזן,
זאָלן מיר אים ווייזן,
וואָס א נאר איז ווערט
ווען ער אונדז ניט הערט.

די פרייילעכסטע איז קירא. זי טראָגט חוצפהדיק איר קערפערל אין ווילדן טאנץ, ווי א רויט שלענגל ציט זיך איר צונג צו זיין נאקעטער ברוסט, צילט זיינע אויגן מיט א גרין מכשפהדיק שלעכטן חוזק-בליק. בשעת זיי זינגען, ווערט דער קרייז ענגער, זייער נאָענטקייט שטיקט, ער כאפט זיך אויף פון שלאָף, חזרט א פאָר מאָל איבער דאָס לידל וואָרט ביי וואָרט, ס׳וואונדערט אים ניט וואָס ער האָט דאָס פארגעדענקט, אים וואונדערט און פארדריסט: פאר וואָס קירא? און כאָטש ער ווייסט אז חלומות האָט קיין זין ניט צו שטעלן פראגעס, פרעגט ער שטייענדיק איבערן וואש־בעקן א צווייט מאָל: פאר וואָס קירא? זי איז די איינציקע וואָס ווייסט פון דער סינעשטער טאָלעקע, נאר וואָס איז זי געקומען?

פאר וואָס מאָטל איז געווען דערביי, פרעגט ער ניט.

צייט אויף איבערהזרן צו פיל מאָל די פראגע: פאר וואָס קירא, איז ניט געבליבן. די מלחמה איז ארויס פון שטאָט, אוועק ווייט איבער דער גרענעץ, אָפגעטרומייטערט דעם ענדגילטיקן נצחון, סאָלדאטן האָבן זיך אומגעקערט געעלטערטע אין חרובע שטעט און דערפער, פרויען האָבן אויסגעווישט די טרערן, מענטשן האָבן זיך גענומען צו זייערע אלטע טועכצן: קינדלען, בויען, גנבענען, אקערן און זייען, בעטן ביים הימל רעגן און ביי דער ערד תבואה אויף צו האָדעווען די קינדער. האָט זיך אָבער אין יענע יאָרן אָפגעשטעלט א צו לויטערער הימל און די ערד האָט געשטראָפט מיט אומבאגריַענעצטער קארגשאפט. די זון האָט אָפגעברענט די בלעטער פון דיביימער, געטריקנט די גראָזן אויף די פעלדער, אין די נעכט האָבן געבלאָזן הייסע ווינטן, פון שווארצן הימל איז קיין ראָסע ניט געפאלן, די שטערן האָבן זיך געלאָשן עקרותדיק. בדמות האָבן געבלאָנדזשעט איבער א געל-רויטלעכן מדבר, געבראָכן די

פיס אין ערד-שפאלטן, אויסגעגאנגען מיט א קוים ארויסגעמעריקעטן מ-ז-ד-ר-ו, קינדער האָבן אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם, מעלקנדיק מיט שוואַכע הענטלעך פארוועלקטע בריסטן. איין ווינטער נאָך דעם צווייטן האָבן קאלטע ווינטן ניט אויפגעבלאָזן קיין שניי, נאָר געיאָגט טרוקענע פרעסט איבער אויסגעמאָגערטער ערד.

אין אָט די יאָרן האָט מען אָנגעהויבן איבערבויען די וועלט. מאַ און קירא האָבן געפרואווט איבעריאָגן ווינטן, אָנקלאפּן — איידער זיי באווייזן זיך — אין טירן פון חורבות און כאטעס, ווארעמען גוססדיקע קינדער מיט זייער הייסן אָטעם. אהיים פלעגן זיי קומען שפּעט אין דער נאכט מידע, אויסגעשעפּטע און אויסגעמאטערטע, ציען חיונה פון זייער פריסיקדיקער ליבע. מאַ האָט ווידער דערציילט. און ווייל ארום האָט געערשט דער שרעקלעכסטער פון טויטן — דער טויט פון הונגער, האָט ער זיך באמיט אים מילדערן מיט געשיכטעס וועגן אנדערע.

אין שלאכטן שטורעמט מען פאָזיציעס, האָט מאַ דערציילט האלטנדיק קיראן אין זיינע אָרעמס, ווי א דעראָבערטע פעסטונג. פאר אזא שטורעם גלוסט זיך רויכערן ווי דאָס לעבן. בעט איך איינעם ער זאָל מיר געבן א ציגייער; זאָגט ער אז ער האָט ניט מער ווי זעקס. און איך האָב אפילו קיין קאַרעק ניט. הייסט עס, זאָגט ער, אז דו האָסט ניט גוט פארטיילט די רעזערוון, אָבער קיין ציגייער גיט ער ניט. בעת דעם שטורעמען די פאָזיציעס — מיר דעם פיינטס, אָדער דער שונא אונדזערע — איז ער געפאלן. דאָס לעבן האָט ער אָפּגעגעבן ברייטהארציק, אָבער קיין ציגייער האָט ער ניט געגעבן.

— עס גלוסט זיך דיר רויכערן, מאַ...

— ניין, כ'טראכט נאָר, אז ווען דער טויט איז א כהרף-עינדיקער בלייבט ניט קיין צייט וועגן אים צו טראכטן. אָבער ווען ער איז פון הונגער...

פון קינדער-בעטל הערט זיך א שוואך קווענקלען. מאַ פרעסט פעסטער קיראן צו זיין האָריקער ברוסט. קירא שעפּטשעט ליבסטער, און ער ענטפערט: ששששש.

ענדלעך האָט זיך דער הימל מרחם געווען. פעלדער האָבן אויפגעלעבט, מענטשן, בהמות און חיות האָבן אומגעדולדיק געוואַרט אויף דער ערדס פרוכטבארקייט און זי, די מוטערל ערד, האָט רחבותדיק באצאָלט זייער טריישאפט, זייער גלויבן אין איר. דער איבערבוי איז אוועק ווייטער. מאַ האָט געוואוסט, אז מיטן פארפעסטיקן די נייע אָרדענונג,

דערנענטערט זיך די צייט פון יענע חשבונות וועגן וועלכע דאנבאָג האָט געגעבן אָנצוהערן נאָך דעמלט, ווען אין שטאָט האָבן געבושעוועט די באַציס און זייערע „העלפערס-העלפער“. איצט איז די צייט געקומען. איצט האָט מען געקאָנט א קוק טאָן ווי אזוי עס זעט אויס אין די אייגענע רייען.

## 18

געקוקט ווי עס זעט אויס אין די אייגענע רייען האָבן קאָמיסיעס פון פינף. געזעסן איז מען אין ליכטיקע צימערן. אין רעכטן ווינקל פון טיש זענען געווינטלעך געשטאנען בלומענטעפ. דער שמועס — דאָס קוקן, איז באשטאנען פון אן אויספירלעכן איבערבלעטערן דעם לעבנס-פאַרלויף — איז געווען א מער אָדער ווייניקער אויפריכטיקער, אָפהענגיק פון דעם וועלכן מ'האָט אויסגעהערט, צו מאָל אויך פון די וואָס האָבן אויסגעהערט. אזא קאָמיסיע האָט ארויסגערופן אויך מאָטלען. דער שמועס האָט פון אָנהויב אויסגעזען א מער פאָרמעלער. אלץ האָט זיך אויסגעדאכט צו זיין קלאָר. סיי פאר, סיי אין צייט פון און סיי נאָך דער מלחמה. די קאָמיסיע איז געווען אין פלענום אלע פינף — אזוי ווי ס'איז ווערט א מענטש, וואָס האָט דורכגעמאכט אזוי פיל, וויפל ס'האָט דורכגעמאכט מאָ. ער האָט דערציילט וועגן זיך, וועגן זיינע עלטערן, וועגן שוועסטער און ברידער, וועגן פעלדער און וועלדער, וועגן דער קינדערישער חסידות, וועגן התלהבות וואָס פארוואנדלט זיך אין רעוואָלוציאָנערער ראָמאנטיק, אזוי יאָר נאָך יאָר, וואָך נאָך וואָך, טאָג נאָך טאָג. די קאָמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון געניטע און עקספערימענטירטע חברים, האָט געוואוסט אז ס'זענען פאראן טעג, אָדער נאָר שעהן וועלכע זענען לענגער און שווערער אין וואָג, ווי א גאנץ יאָר. ביז דער פאָרזיצער האָט א קוק געטאָן אויפן זייגער, דאָס האָט געקאָנט באטייטן: „נו, מער וואָס צו זאָגן איז ניטאָ“. מאָ האָט געטראכט אז ס'איז צייט זיך אָפצוגעזעגענען, האָט אָבער דער פאָרזיצער א לייכטן הוסט געטאָן, כמעט ווי אמאָל דער ראש הישיבה, ווען ער האָט געוואָלט אונטערשטרייכן זיין צניעותדיקע נישטיקייט פאר דעם ארויסזאָגן א פירוש אויף א פון א סך גאונים ביז אים קאָמענטירטן פסוק.

— חבר וואורגאפט. ס'איז געבליבן אויפצוקלערן ניט מער, ווי איין זאך. פאר וואָס ביסטו געגאנגען צו דער באגעגעניש אויף דעם פלאץ,

וואָס האָט זיך דעמלט געטראָפן „אונטערן“ אין באַדינגונגען, און וועלכע האָסט זיך בשום אופן ניט געטאָרט באַווייזן אויף דער גאַס?

— מיר דאַכט זיך — האָט זיך געוואונדערט מאָ — אַז כ'האָב וועגן דעם געערדט אויספּירלעך. אַ פאַרוואונדעטער וועלכן מ'מוז ראַטעווען. אַפילו ווען מ'זאָל זאָגן אַז כ'האָב זיך צו אים באַצויגן אפשר אין אַ געוויסער מאָס סענטימענטאַל, מוז מען דאָך צוגעבן אַז מ'האָט געדאַרפט טאָן אַלץ. שטעלט אייך פאָר אין יענע באַדינגונגען ווען ער זאָל געווען שטאַרבן ווען מיר זאָלן געווען בלייבן מיט אַ טויטן אויף די הענט און וואו? אין שטאָט...

— האָט מען דאָך געקאָנט שיקן אַן אַנדערן, עמעצן אַנדערש.

— איז דאָך ניט געווען וועמען צו שיקן. פשוט ניט געווען. דער חבר וואָס פלעגט קומען מיט אַלעם נויטיקן, איין מאָל אין וואָך, איז פאַרביי געגאַנגען מיט צוויי טעג פריער. וואַרטן האָט מען ניט געקאָנט. מיר דאַכט זיך, אַז כ'האָב אָנגענומען אַלע קאָנספּיראַטיווע מיטלען. מער פאָרזיכטיקייט שטעל איך זיך פשוט ניט פאָר. דערצו זענען דאָך פאַראַן מענטשן וואָס ווייסן פון דער גאַנצער געשיכטע, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט. דער און יענער...

די קאָמיסיע האָט אים געבעטן אַריינקומען אין צוויי טעג אַרום.

מאָ האָט געטראַכט אַז זיינע רייד וועגן בלייבן אויף די הענט מיט אַ טויטן זענען אפשר געווען צו ברוטאַל, אַז ס'איז אפשר געווען טאַקטלאָז צו רעדן וועגן יענע צייטן מיט אַזאַ האַרט לשון. ס'קאָן אויסקומען ווי אַ ווינק, ווי אַן אָנצוהערעניש, כמעט ווי: „וואָס ווייסט איר פון יענע באַדינגונגען?“ אָבער נאָר אַ רגע. נאַרישקייטן, פאַרשווייגן יענע צייטן צוליב דעם פאָרזיצערס עמפּפינדלעכקייט, האָט קיין זין ניט, נאָך אַלעמען וואָלט ער אַליין געדאַרפט וויסן אַז דער יסוד פון זיין אייגענער רעכטפאַרטיקונג אַלס פאָרזיצער ליגט אויך אין יענע צייטן, אין די שוועריקייטן פון יענע יאָרן.

— חבר וואָרגאַפט, וואָס שייך די באַגעגעניש ביסטו אין אַ געוויסער מאָס גערעכט, — איז דער פאָרזיצער צוגעטראָטן צום ענין נאָך אַ קורצן אַריינפיר, וואָס איז באַשטאַנען לויט די אָנווייזונגען, אין אַ פאָר פראַגעס וועגן געזונט, פאַמיליע און אַרבעטס-פּלאַץ, פראַגעס וועלכע נעמען אַרום, אויך לויט די אינסטרוקציעס אַלע לעבנס געביטן. — וועמען צו שיקן איז טאַקע ניט געווען, אָבער צי דו האָסט אַליין געדאַרפט גיין אַפילו מיט יענעם גרים, וואָס איז געוואָרן כמעט אַ לעגענדע — האָט

דער פאָרזיצער צוגעגעבן מיט א נייטראַלן שמייכל — איז א פראַגע אויף וועלכער דער ענטפער „יאָ“ איז פּונקט אַזוי גילטיק, ווי דער ענטפער „ניין“. אונדז דאַכט זיך אַז די וואָגשאָל נויגט מער אויף „ניין“.

מאָטל — זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אויפקלערונג, האָט אים די קאָמיסיע מער ניט גערופן מאָ, נאָר ביי זיין אמאָליקן נאָמען מאָטל וואור־גאַפט, פּונקט אַזוי ווי זי האָט זיך קיין איין מאָל ניט טועה געווען, אפילו צופעליק צו דערמאָנען יאָסיף אָדער יאָזשעף שאַלאַמאָן, נאָר שטענדיק דעם חבר דאַנבאָג, וועלכער געפינט זיך אויף א פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, אויף א וויכטיקער אַרבעט אין דער הויפּט-שטאָט. מאָטל האָט א שטאַמל געטאָן „פּיקוח נפש“ און חרטה געהאַט נאָך איידער דער פאָרזיצער האָט אויף אים אָנגעשטעלט זיין פאַרוואונדערטן בליק. דעם אַרגומענט האָט מען לייכט געקאָנט אָפּוואַרפן סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש און די מסקנא, א שכנותדיקע מיט קליינבירגערלעכן סענטימענטאַליזם, וואָלט פאַר אים אין יעדן פאַל ניט געווען קיין גינסטיקע. אַזוי אַז אויף דעם פאָרזיצערס באַמערקונג:

— וועגן דעם וואָלט מען געקאָנט פירן א לאַנגע און אינטערע-סאַנטע דעבאַטע.

האָט מאָטל געענטפערט כמעט הכנעהדיק:

— יאָ, ס'איז קלאָר.

— איצט האָבן מיר נאָך איין פראַגע — האָט נאָך א לענגערער פּויזע געזאָגט דער פאָרזיצער, אויסוועגנדיק יעדעס וואָרט — מיר האָבן געפּרוּווט פאַרשטיין ווי אַזוי ס'האָט געקאָנט געשען, זיך געבראָכן די קעפּ מיט כלערליי השערות און קיין באַרעכטיקונג ניט געפונען. פאַרקערט. וואָס מער מיר האָבן זיך אַריינגעטראַכט, אַלץ מער האָט אונדז געשטויגט, כ'וואָלט געזאָגט באַלעסטיקט דער פאַקט, וואָס ביז איצט האָסטו קיין מאָל ניט דערמאָנט אַז בעת דעם דורכפאַל האָסטו געהאַט א מאָמענט פון שוואַכקייט, ניט אויסגעהאַלטנקייט.

— כ'פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט. וועגן וואָס ס'איז די רייד.

— וועגן אויסגעבן דעם חבר דאַנבאָג.

— איך? — האָט מאָ אויסגעשריגן אויסער זיך — ווער וואַגט...

— באַרואיק דיך, חבר. מיר ווילן דאָך ניט מער, ווי נאָר אויפ-קלערן דעם ענין, וואָס זשע פאַר א זין האָט עס זיך צו דענערווירן?

— ס'איז דאָך א ניט געשטויגענע געשיכטע, א בלבול...

— חבר וואורגאפט, אונדזער קאָמיסיע דערלויבט זיך ניט צו דער-
ציילן ניט געשטויגענע געשיכטעס. אונדזער אויפגאַבע איז א זייער ערנסטע,
א פאראנטוואָרטלעכע — האָט געזאָגט איינער פון די פינף מיט פאַר-
וואורף — פרואוו דיך האלטן אין די ראמען פון א פרינציפּיעלן
געשפרעך.

— איך האָב אויף דער פּאָליציי גאָרניט גערעדט און גאָרניט אונ-
טערגעשריבן!

— אמת — האָט זיך געאיילט דער פאָרזיצער — אמת. אין די פּראָ-
טאָקאָלן פון דיין פארהער איז אזא דערקלערונג באמת ניט פאראן, מיר
זענען אָבער אינפאָרמירט, אז אין דער צייט וואס דו האָסט זיך געפונען
אויף דער פאָליציי, האָסטו געזאָגט עפעס אזעלכס, וואס האָט געקאָנט זיין
אן אָנדייטונג, אז דער חבר דאנבאָג האָט א געוויסע שייכות מיט דער
גרופּע פון די בערג, אז ער ווייסט וואו עס געפינען זיך די פארוואונ-
דעטע און אזוי ווייטער.

— וואָס קאָן איך מער זאָגן ווי, אז ס'איז א ניט געשטויגענע
געשיכטע. אגב — האָט זיך מאָ געפרואווט אָנכאפּן אין א שטרוי
— די אויספאָרשונג האָט דאָך דורכגעפירט קאָזשוך, קאָן מען אים
דאָך פרעגן.

— קאָזשוכן אין אזא דעליקאטן אינערלעכן ענין? ניין, חבר
וואורגאפט. ווייסט דאָך אליין אז דאָס איז ניט מעגלעך. אונדזער צו-
טרוי צו קאָזשוכס זאָגעכצן קאָן ניט זיין מער ווי נאָר א באגרענעצטער.

— שאלאמאָן האָט געזאָגט, אז קאָזשוך האָט גרויסע פארדינסטן,
פאר וואָס זשע זאָל מען אים ניט פרעגן?

— דאָס וואָס דער חבר דאנבאָג האָט געזאָגט, איז אָן שום ספק
ריכטיק, דערפאר איז קאָזשוך געבליבן דאָרט וואו ער איז. נאָר אויב דו
האָסט זיך שוין יאָ פאררופן אויפן חבר דאנבאָג, זיי זשע וויסן, אז
טאקע פון אים שטאמט דער חשד.

— וואָס פאר א חשד?

— וואָס הייסט, וואָס פאר א חשד? וועגן דעם רעדן מיר דאָך די
גאנצע צייט. ער איז דיך חושד, אז בעת דער אויספאָרשונג האָסטו
אויף א געוויסן אופן, ווילנדיק, צי ניט ווילנדיק, געגעבן אָנצוהערן, אז
ער האָט א שייכות צו אייער ארבעט, אז ער איז ניט אין גאנצן
פרעמד פון איר.

— א חשד קאָן דאָך ניט זיין סתם אין דער וועלט אריין — האָט געטענהט מאָ — ער מוז דאָך דערווייזן קלאָר וואו און ווען. וואָרפן אזעלכע ווערטער גלאט אזוי...

— זעסטו — האָט אים איבערגעשלאָגן דער פאָרזיצער — דו איילסט זיך מיט אָפּשאצונגען? דער חבר דאנבאָג וועט זיכער ניט וואַרפן קיין ווערטער אין דער וועלט אריין, אָן א יסוד. אין דעם באשטייט דער עצם פון דער גאנצער געשיכטע. ער דאָט געטאָן זיין פליכט, ערלעך געטאָן. דאָס איבעריקע איז דיין זאך... דערווייזן אז ס'איז ניט אזוי, אז ניט פון דיר שטאמט יענע אָנדייטונג, איז אין דיין אינטערעס, און בלייבט אזוי ארום דיין פליכט.

די קאָמיסיע האָט אים ארויסגערופן נאָך א פאָר מאָל. דער שמועס האָט זיך געצויגן קלייאיק, און צו קיין תכלית איז עס ניט געקומען. נאָך עטלעכע וואָכן האָט די קאָמיסיע ארויסגעטראָגן איר אָפיציעלן פסק-דין: „אין באציאונג צו דער לאגע פון מאָטל וואורגאפט, באקאַנט אויך אונטער דעם נאָמען מאָ, נעמענדיק אין באטראכט זיינע פארדינסטן פאר דער אלגעמיינער זאך, פאר דער מלחמה, אין דער צייט פון מלחמה און אין די לעצטע יאָרן, איז מען געקומען צום באשלוס אָנצונעמען, א היינטצו-טאָג ניט מער אָנגעווענדט מיטל, נעמלעך אים סוספענדירן ביז דער חשד וואָס פאלט אויף אים וועט געפינען אן ענדגילטיקע אויפקלערונג.

פאר מאָטל וואורגאפט האָט אָנגעהויבן א צייט פון וואנדערן אונטער א שווארצן הימל מיט א קאלטער זון. ער האָט פארלוירן יעדע מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן. די קאָסמאָגראפישע קאָאָרדאָנאטן זענען אים ניט געווען באקאנט, און די געאָגראפישע האָבן פארלוירן זייער אינהאלט. אפשר דערפאר זענען אויך זיינע בריוו, די „מעמוארן" און טעלעגראמעס צו פארשידענע אינסטאנצן, געבליבן אָן ענטפער. מאָ איז געפאָרן אין דער דויפט-שטאָט, געפרואווט אריינגיין צו דאנבאָגן, האָט מען אים געזאָגט אז דער חבר בעט אים, ער זאָל מעלדן שריפטלעך, וועגן וואָס עס האנדלט זיך.

אומזיסט האָט מאָטל דעמלט געשאָלטן דאנבאָגן אין טאטנס טאטן אריין, געמיינט אז יאָזשעף וויל מיט אים ניט רעדן, אז ער מיידט אויס א קאָנפראָנטאציע, א באגעגעניש אויג אויף אויג, אין וועלכן ער קאָן נאָר פארלירן. מאָטל האָט זיך אָפּגענארט. צו יענער צייט האָט דאנבאָג קיינעם ניט אויסגעמיטן. מעגלעך, אז ווען ער זאָל געווען צו אים ארויב-גיין, וואָלט ער געווען ארויסגעגאנגען אן איבערצייגטער אין זיין אייגענער

שולד. דאנבאג איז אבער געווען אויסגעמאטערט פון איבערצייגן אנדערע, וועלכע האבן געשפּילט א וויכטיקערע ראל אין די יענצייטיקע געשעענישן, מיד פון דערווייזן די נויטיקייט פון זייער דרינגלעכער באזייטיקונג אין אינטערעס פון דער אלגעמיינער זאך.

## 19

„זיי מיינען נאך אלץ, אז חכמה הייסט אין אלעמען צווייפלען, אז וויסן באשטייט פון אייביקן ספק, פון אלץ און „אלעס אין פראגע שטעלן", האט געשריבן דאנבאג מיט גרויסע דיקע אותיות. עס פארשאפט אים פארגעניגן, אויסצולייגן זיינע געדאנקען אויף געלבלעך זייד-פאפיר, אזעלכס, ווי עס פלעגט אמאל באנוצן זיין אלטער אנאטאמיע-פראפעסאר. מיט מי און יראת-הכבוד דעשיפרירט די סעקרעטארשע די „u" יען און די „n" ען וועלכע קומען ארויס פון אונטער זיין פען ווי איבערגעקערטע שלשלתן, ווי געציטערטע פתחן. פאר איר איז אלץ, וואס דאנבאג שרייבט, געניאל. פאר דעם איבערגעבן די ארבעט צו די העכערע אינסטאנצן קלאפט זי אפ דאס געשריבענע אויף ווייס יאפאניש פאפיר. ווען דאנבאג לייענט זיין רעפעראט אין דער לעצטער פארם, טראכט ער מיט באדויער: א שאד, ס'איז באמת א שאד, וואס די העכערע אינסטאנצן האבן ניט קיין פארשטענדעניש פאר אזעלכע סובטיליטעטן ווי געלבלעך זייד-פאפיר, פאר דער שטימונג, וואס ס'שאפט. נישקשה, טראכט ער, מיט דער צייט וועלן זיי דאס אויסלערנען דעמלט וועלן זיי פילן דעם ריכטיקן טעם פון פליסיקן געדאנקען-גאנג. דער-ווייל לוינט אפשר בעסער א פארקערטער פארוואורף: „געבליבן ביי אלטע מידות" פאר אים איז עס אן אומדירעקטע ליב, א מענטש-פון כמעט בור-זשואזער אפשטאמונג, וואס האט זיך צוזאמענגעגאסן מיטן פאלקס-מענטש, מיט זיין אופן דענקען און באנעמען. דאס מאל זענען אים די געדאנקען ניט דערביי. די געבורט פון רעפעראט איז א ניט געוויינטלעך שווערע. די ווערטער דריקן ניט אויס דאס, וואס ער וויל זאגן, זיי רעדן ניט פון זיך אליין וועגן דעם וואס מ'דארף, זיי פירן ניט צו יענע מסקנות וועלכע ווערן פא-דערט דער געזונטער קלאסן-שכל-הישר. ניט שוין זשע איז ער ניט אין גאנצן גערעכט? און יאזשעפן וויל זיך זיין אומאפּפרעגלעך גערעכט. זיין אורטייל מוז דאס מאל זיין ביז גאר אויסגעוואויגן.

א גאנצע וואָך האָט ער פארבראכט אויף דעם קלוזשער אוניווערסיטעט. געשיקט האָט מען אים זיך פאנאנדערקלויבן אין דעם וואָס ס׳געשעט אין די קרייזן פון דער דאָרטיקער אינטעליגענץ, ווייל כאָטש די געשעענישן נעמען ארום פארשידענע באפעלקערונגס שיכטן, פילט זיך, אז דער מקור איז דווקא אין אָט די קרייזן. צו אָפט פאררופט מען זיך אויף זינט א לאנגער צייט פארשוואונדענע פאָעטן און שרייבער, אויף טראדיציעס וואָס פאסן זיך ניט איין אין דער נייער אָרדענונג. ספּסוכים וועגן פארשידענע ליטעראַרישע שטרעמונגען פארוואנדלן זיך אין ברוטאַלע צוזאמענשטויסן. זוכט מען דעם קוואל, דעם שורש, די שולדיקע, וואקסן אויס געשפּענסטער, פון שלאָף אויפגעוואכטע מתים. דער פּאסיקסטער אָפּצואוויקלען דעם קנויל, דערגיין די סיבות, דעם ריכטיקן סובסטראט, איז ער, דאנבאָג. ער איז באקאנט מיט כמעט אלע פּראָפעסאָרן נאָך פון דער צייט, ווען ער האָט דאָרט שטודירט, ער רעדט דייטש און אונגאריש, אליין איז ער ניט קיין גאנצער רומענער, אים קאָן מען ניט באהאנדלען ווי אן איבערלויפער, ווי איינעם וועלכן פערזענלעכע, אָדער גאָר מאטעריעלע אינטערעסן זאָלן האָבן געפירט צו דער נייער אָרדענונג. דאָ ווייסט מען אז זיינע איבערצייגונגען שטאמען נאָך פון יענע צייטן ווען ער איז געווען ניט מער ווי א סטודענט, ווען אזעלכע אָנשויאונגען און די מיט זיי פארבינדענע אונטערערדישע ארבעט האָבן קיין רואיקן שלאָף ניט צוגעזאָגט. אין שטאָט זענען פאראן א סך וואָס ווייסן אז זיין ארבעט איז ניט געווען קיין ציטפארטרייב פון א גביריש זינדל, נאָר א טיכטיק איבערגעגעבענע. או ער איז געווען גרייט אלץ מקריב צו זיין און דאָס האָט אים געשאפן א געוויסן אויטאָריטעט. ס׳איז געווען קלאָר אז ער וועט לייכט קריגן דעם נויטיקן צוגאנג צו אלע, אי צו די לערער, אי צו די סטודענטן, אָפּגערעדט צו די ארבעטער. דאָרט זענען דאָך די געסלעך אויף וועלכע ער האָט ניט איין מאָל אויסגעפּרואווט זיין מוט, פארטיילנדיק אין שווארצע נעכט ווייסע פלוגבלעטלעך. דאָרט האָט ער געהארטעוועט זיין אייגענעם איך, זיך אויסגעשאָלעכצט פון נארישן סענטימענטאליזם און פוסטן פּילפּול. דאָרט האָט ער פארשטאנען אז פּאָליטיק טראָגט דעם שטעמפּל פון א געוויסן קלאס, אומאָפּהענגיק פון דעם וואָס דער קלאס קאָן צו מאָל זיין א פּאָליטיש ניט ווירקלעכער.

דאָס באגעגעניש מיט אן אלטער היים האָט יאָזשעפן געשמייכלט. אפשר אויך דערפאר וואָס ער האָט געוואוסט אז מ׳וועט אים אויפנעמען מיט דעם געהעריקן כבוד, און דאנבאָג האָט שוין באקומען א געוויסע

שוואַכקייט פאַר כבוד. מ'האָט אים טאַקע אַזוי אויפגענומען. כל זמן דער שמועס איז געפירט געוואָרן אויף אַ מער אָדער ווייניקער טעאָרעטישן ניוואָ, אַזוי לאַנג ווי די פּראַקטישע פראַגעס זענען באַרירט געוואָרן אַגבֿ־אורחהדיק ווי אַן אילוסטראַציע צו די אַקאַדעמישע באַהויפּטונגען, איז די אַטמאָס־פער געווען אַ פריינטלעכע. דאָס געפּעכט איז געווען שפּיציק מיט בליץ־אויפלויכטונגען, אַן עכט רוחניותדיקע פאַרגעניגן, פאַר אַלע צדדים. ווען ס'איז אָבער געקומען צו די קאָנקרעטע געשעענישן, זענען די פּראָפע־סאָרן און סטודענטן געוואָרן פאַרשלאָסענע, אָפּגעזונדערטע יחידים וואָס פאַרברענגען זייער צייט מיט אַנדערע זאַכן, מיט אַנדערע טועכצן. וועגן געשפּענסטער, ריטערלעכע שווערדן און פון צייט פאַרפוילטע פּאָנען האָבן זיי גערעדט מיט ביטול, מיט צווייטייטיקער איראָניע, זיך אויפריכטיק געוואונדערט וואָס אַ מענטש, פון דאַנבאָגס פאַרנעם, גיט זיי אָפּ אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן מיט די געשעענישן גאָרניט צו טאָן...

דאַנבאָגן איז ניט געלונגען צו געפינען דעם שליסל צו דער טיר וואָס פירט צו די אין שאָטן שטייענדיקע כוחות. די לעצטע נעכט זענען געווען שלאָפלאָזע, שוין לאַנג האָט ער שפּאַצירט אין אַלטן שטאָט־פּאַרק, געהאָפט, אַז דאָס דורך געדיכטע בלעטער זיך זיפּנדיקע עלעקטרישע ליכט וועט אים העלפן אַנטדעקן דעם סוד, אַז די רירעוודיקע שאָטנס וועלן העלפן לייזן דאָס רעטעניש.

שרייבנדיק דעם רעפעראַט, איז פּלוצים פאַר אים אויסגעוואַקסן די סקולפּטור וואָס איז געשטאַנען אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון פּאַרק. דריי נאָר וואָס געבוירענע צווילינגען פאַרלאָזטע אויפן פראָסט, ראַנגלען זיך מיט דער קעלט און מיט דעם הונגער, עסן זיך איין אײנער אין צווייטן, שלענגלען זיך און פלעכטן זיך איינס אַרום דעם אַנדערן, יעדעס פון זיי טאַפּט מיט דאַרע אָנבלוטיקע הענטלעך דעם אַנדערנס קערפּערל, פּרוווט זויגן און איינזויגן אין זיך דאָס טראָפּעלע וואַרעמקייט, וועלכעס ס'פאַרמאָגט נאָך דאָס צווייטע, אַן עקעלדיקער, ווערעמדיקער איבערלע־בונגס קאַמף פון אָנאויגיקע באַשעפענישן. דאַנבאָג ווייסט, אַז אין צוזאַמענ־האַנג מיט אָט דער סקולפּטור זענען פאָרגעקומען היציקע דעבאַטעס. אייניקע האָבן געפאָדערט מ'זאָל זי צעברעכן אויף פּיצפּיצלעך, ס'זאָל פון איר קיין שריד ופּליט ניט בלייבן, פאַרשפּאָרן די מענטשן דעם גרויל וואָס זי יאָגט אָן, אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז ווי באַלד זי יאָגט עפּעס אָן, מעג עס זיין אפילו גרויל, איז אַ סימן אַז ס'איז קונסט, און אויב קונסט, מוז מען זי לאָזן. זיך דערמאָנענדיק אין אָט די דעבאַטעס

וועלכע האָבן אָנגענומען שארפע פאָרמען, האָט זיך אים געדאכט אז ער האָט ענדליך געפונען דעם שליסל. אז סטימולירן אזא סאָרט קונסט שטאמט נאָר פון מענטשן, וועלכע מיידן אויס א קלאָרע שטעלונג אויף אנדערע געביטן. די זיס־זויערלעכע שמועסן וואָס ער האָט געפירט מיט פּראָפעסאָרן און סטודענטן האָבן אָנגעטאָן אן אנדער לבוש, און ער האָט דערפילט ווי זיין אלטע געבענטשטע שנאה צו אלע האַרשפּאַלטערס, קעגן אלע צבועקעס, גוטמוטיקע צווייפלער, ברענט אין אים מיט דעם הייליקן פייער פון אמאָל. מיט זיין כאראקטעריסטישער קאלטבלוטיקייט, און מיט אן עטוואָס דיקערער שריפט האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע פאָרשלאָגן, אומברחמנותדיקע שטראָפן און סאנקציעס קעגן די שולדיקע פּראָפעסאָרן, אסיסטענטן און סטודענטן: אָפּזעצן, איבערפירן, איזאָלירן, אָדער טאקע איינזעצן ווען פיינטלעכער ארבעט, ווייל נאָר אזוי קאָן מען אויסרייסן „דאָס ווילדע גראָז" און לאָזן זיך אנטוויקלען פריי די נייע, געזונטע סאָציאלע כוחות פון דער שטאָט.

לייענענדיק נאָך אמאָל זיינע פאָרשלאָגן האָט ער אונטערגעשטראָכן מיט א רויטן בליישטיפט די נעמען פון יענע, וועלכע ער האָט געהאלטן אלס די שעדלעכסטע. געענדיקט, איז ער געבליבן זיצן אן אויסגעשעפּטער, דער בליק קאָנצענטרירט אויף דעם רויטן שפּיץ פון בליישטיפט. די נאָז־לעפלעך האָבן זיך פארברייטערט און א ציטער געטאָן.

...א בלאסע, מיט פארמאכטע אויגן, מיט ציטערדיקע ליפּן — א קוים באַמערקבארע קאָנוואולסיע אזא — ליגט ליזא. איר קערפּער דראָזשעט פון ניט באפרידיקטער תאווה. יאָסיף איז דעמלט אלט געווען ניט מער ווי א יאָר זעכצן. אין שטאָט האָט זיך פון ערגעץ אראָפּגעיאוועט א מיטליערי־קער פּליכעוואטע אפּטייקער מיט א יונגער פרוי, ליזא. באגעגנט האָבן זיי זיך צופעליק ביי אן אדוואָקאט וועמענס שטערן ס'האָט אָנגעהויבן אויפ־גיין אויפן שמאָלן האָריזאָנט פון געריכט־זאל. דעם אלטן שאלאמאָנס א וויזיט האָט געדארפט ווארפן א גינסטיקע שיין אויףביידע צדדים. אזא וויזיט האָט אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן אדוואָקאטס ברייטהארציקייט, זיין אינטערעס פאר באגאבטע מענטשן, טראָץ דעם וואָס זיי זענען אָדער קאָנען לכל הפחות זיין פּאָטענציעלע קאָנקורענטן, און פאר דעם יונגן אדוואָקאט האָט דאָס געהייסן אָנערקענונג, כמעט ווי סמיכות. דאָרט האָט יאָזשעף באגעגנט צום ערשטן מאָל די פולברוסטיקע ליזא. א טליענדי־קער אספאלט־גערוך האָט געשפּארט פון איר שווארצן בליק, בעת ער

האָט זיך גענויגט א פארכישופטער און געקושט איר עטוואָס פוכקע האנט. זיין שווער-לשונדיקייט האָט זי צוגעשריבן יינגלישער שעמעוודיקייט און זיין שטארן בליק האָט זי אויפגענומען, ווי אים האָט זיך געדאכט, מיט ווארעמע שטראלן. גערעדט האָט מען וועגן דעם און יענעם און בשעת דעם קאָרטן שפילן האָט מען געוואָרפן צוזאמען מיט די קאָזערס נעמען, ווי אנאטאָל פראנס, שאָו, ראָלאן, רעברעאנו.

יאָזשעפס שלאָפלאָזע נעכט האבן זיך פארענדיקט מיט דעם פעסטן באשלוס, אז ער מוז אריינגיין צו ליזאן, ווען זי איז אליין, אין די שעהן אין וועלכע דער אפטייקער איז אויף דער ארבעט. ליזאן האָט ער געפונען זיך גרייטנדיק צום טעגלעכן שפאציר. ער האָט זיך אנטשולדיקט וואָס ער באלעסטיקט זי מיט א בקשה. ס'וויל זיך אים לייענען טאאיס. יאָ, דאָס בוך געפינט זיך ביי זיי. צופעליק פון אויבן אויף. זי האָט דאָס ערשט נעכטן נאָך א מאָל א בלעטער געטאָן. ס'וואָלט זי אינטערעסירט די מיינונג פון א יונגן אינטעליגענטן מאן. יעדעס וואָרט, יעדע ווייכע באוועגונג, יעדער בליק איז געווען סודותכול-צוזאָגעריש, האָט אין זיך באהאלטן עפּעס אזוינס, וואָס וויל זיך אנטפּלעקן. לייענען דאָס בוך האָט ער קיין געדולד ניט געהאט. ער האָט זיך פאָרגעוואָרפן פאר וואָס ער איז געגאנגען אזוי שפעט, אין אזא ניט פאסיקער צייט. גיין דארף מען פריער, ניט ווען זי גרייט זיך, אָדער איז גאָר פארטיק צום אינדערפריעדיקן שפאציר. דעם צווייטן טאָג איז ער ארויס גון שטוב אין די ערשטע פרימאָרגן שעהן. געווארט דער אפטייקער זאָל פארלאָזן די וואוינונג און תיכף נאָך דעם אָנגעקלאפּט אין טיר. ליזא האָט אים אויפגענומען אין מאָרגן-ראָק. זי האָט פארשטאנען זיין יינגלישע איילעניש צו קומען אזוי פרי, גוטמוטיק געשמייכלט דער עטוואָס בעריש קינדערישער אומבאהאָלפנקייט. זיין שטאמלען האָט זי אמוזירט. ווען ער האָט זי אָן אין גאנצן אויפגעציטערטער געטראָגן צום בעט און שיער ניט דערקוועטשט אונטער זיין משא איז זי געלעגן א בלאסע, מיט פארמאַטע אויגן, דאָס מויל עטוואָס געעפנט מיט זיך קוים באוועגנדיקע ליפּן. ער האָט געפילט דעם דראָזש פון איר קערפּער, מורא געהאט זיך א ריר צו טאָן, ביז זי האָט אים לאנגזאם אָפּגעשטויסן, געפירט צום ארויסגאנג, האלב שמייכלענדיק געזאָגט, אז זי איז ניט קיין געניטע לערערין און העפלעך געבעטן מער ניט קומען.

דערמאָנט ער זיך אין יענעם מאָמענט, באהערשט אים א ווילדער סעקסועלער באגער. דער בליק ווערט מוטנע, פארטרינקען אין א דין ווא-

סערל און ער באפאלט מיט זיין שווערער משא די ערשטע פּרוי וואָס באווייזט זיך אין צימער. אין אזא צושטאנד האָט אים געפונען די סעקרעטארשע. ווען זי איז אריינגעקומען מעלדן אז איינער, מאָטל וואורגאפט, איז אונטן, ביים אריינגאנג, און בעט ער זאָל אים אויפנעמען א פּאָר מינוט אין א, פאר אים, זייער וויכטיקן ענין. ניט באקומענדיק קיין ענטפער האָט זי אויפגעהויבן פון פאפיר אויף וועלכן זי האָט פארצייכנט מאָטלס נאָמען. באמערקנדיק דאנבאָגס מוטנעם בליק, האָט זי זיך געוואָלט לאָזן צו דער טיר פון נעבנדיקן צימערל וואו ס'איז געשטאנען א קליינע סאָפע אויף א ווײלע אויסרוען זיך אין יענע טעג, ווען די ארבעט דערלויבט ניט גיין אהיים אויף מיטאָג.

זי האָט זיך שוין אזוי צוגעוואוינט דערצו אז אָפט פּלעגט זי ווארטן אויף די פּאָר פאר איר גליקלעכע מאָמענטן גליקלעכע אפילו ווען זיי זאָלן ניט מער ווי שאפן אים, דאנבאָגן, דאָס נויטיקע גלייכגעוויכט אין זיין וויכטיקער ארבעט. זי האָט געוואוסט אז אנדערש איז ער ניט אומשטאנד צו טראכטן, אז ער דרייט זיך איבערן צימער ווי א חיה, ווי א בופלאָקס, רעוועט, וואָרטשעט, דאָס לשון ווערט נאָך געשלאָגענער, אז אין אזעלכע מאָמענטן איז מיט אים ניט אויסצוקומען, סיידן... דאָס ערשטע מאָל איז עס געשען אזוי, אומגעריכט, אז זי האָט פּשוט קיין מעגלעכקייט ניט געהאט זיך אנטקעגנצושטעלן, זיך צו ווערן. ווען ער האָט זי כּמעט געשלעפּט אין נעבנדיקן צימערל, האָט זי ניט פארשטאנען וואָס ער וויל, נאָך דעם האָט זיך איר געדאכט אז ער האָט זי פארגעוואלדיקט אין חלשות, זי האָט זיך נאָר דערמאָנט, אז זי איז אריינגעקומען אין זיין ארבעטס-צימער, ער זאָל איר עפּעס אויפקלערן אין א טעקסט, אז ער איז אפירגעגאנגען פון הינטער דעם שרייבטיש מיט א מוטנעם בליק, ניט ארויסרעדנדיק קיין וואָרט, זי פארטראָגן אין צימערל, א שליידער געטאָן אויף דער סאָפע. א גראנגל מיט שמאטעס, א שווער אָטעמען, און דערנאָך... ער זיצנדיק ביים שרייב-טיש אין א דערהויבענער אויסגעשעפּטקייט און זי קעגנאיבער אין א שטול, ווי נאָך א מיאוסן קאָשמאר.

— געקומען צו זיך? — האָט ער געפרעגט מיט שרעקלעכער פּשטות.

— כ'ווייס ניט וואָס ס'איז מיט מיר געשען — הערט זי איר אייגן קול ווי א פרעמדס.

— מיד, מיד. ס'וואָלט געווען א געדאנק זאָלסט גיין אהיים. דו דארפסט זיך אויסרוען. ס'איז שוין סיי ווי שפּעט.

— יאָ, ס'איז שפּעט — האָט זי איבערגעחזרט זײַנע ווערטער עט־וואָס הייזעריק. זי איז אַרויס פון צימער ווי נאָך אַ בייזן חלום, פאַר־בראַכט די נאַכט אין קאָשמאַרן.

ווען ער האָט זי אויף מאָרגן באַגעגנט מיט זײַן געוויינטלעכער פּאַרטרודקייט, האָט זי זיך אָנגעהויבן אַליין איבערצייגן אַז דאָס איז ווײַזט אויס געווען ניט מער ווי אַ חלשות פון מידקייט וועלכעס איר אייגענער באַגער האָט דעפּאָרמירט אין דעם, נאָך וואָס זי האָט געגאַרט. שוין אַ לאַנגע צײַט דורשטיקט זי נאָך דעם שטאַלטנעם, געזונטן מאַן. טעג און נעכט האָט זי פאַרבראַכט אין פאַרדריסלעכער באַליידיקונג וואָס ער באַמערקט זי כמעט ניט, זעט ניט, אַז זי איז ניט נאָר אַ סעקרעטאַרשע וואָס טוט אַלץ פון איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט, אַז זי איז אויך אַ פרוי... דאָס צווייטע מאָל האָט זי ניט מער ווי געוואונדערט און אויף אַ געוויסן אופן באַפרידיקט זײַן ברוטאַל באַנעמען זיך. זי האָט אַ צײַט געמיינט, אַז זײַן ווילדקייט געהערט איר. שפּעטער האָט זיך באַזעצט אין איר נשמה אַ פוסטקייט. דאָס איז געשען נאָך דעם וואָס זי האָט פעסטגע־שטעלט אַז ליבע (אָפּגערעדט פון ווילדער) איז פאַר דאַנבאָגן אַ פרעמד געפיל, אַז זי איז ניט די איינציקע, וועלכע ער שליידערט מיט חיהשער קראַפט און תאווה אויף דער סאָפע. אַז פאַר אים איז זי ניט מער, ווי אַנדערע, אַ מיטל צו געווינען זײַן אינטעלעקטועל גלייכגעוויכט, און טראָץ דעם געוואַרט אַז ס'זאָל געשען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, אַז דער קאָשמאַר זאָל זיך איבערחזרן אָן אויפהער. אַצינד, ווען זי האָט באַמערקט זײַן מוטנעם בליק, האָט זי זיך געוואָלט לאָזן צום נעבנדיקן צימערל, האָט אָבער דאַנבאָג געזאָגט מיט אַ שמייכל: „ניין, מ'דאַרף ניט".

— איינער, מאָטל וואָרגאַפט, וויל אַרויפקומען — האָט זי געמאָל־דן קורץ. זי האָט זיך געפילט אַ באַליידיקטע, כמעט אַ פאַרשטויסענע.

יאָזשעף האָט מעכאַניש פאַרצייכנט דעם נאָמען מיטן רויטן בליי־שטיפט אויף אַ ווייסן פּאַפּיר, געקוקט אַ רגע ווי היפּנאָטיזירט אויף דעם אָנגעשריבענעם, אַוועקגעלייגט דאָס פּאַפּיר צווישן די אַנדערע וואָס אויפן שרייב־טיש.

— אַזוי פרי? — האָט ער געפרעגט, קוקנדיק אויפן האַנטזייגער

— קוים ניין — האָט ער זיך געוואונדערט — ניין, איצט האָב־איך קיין צײַט ניט. זאָל ער אָנשרייבן.

מאָטל איז אַ לאַנגע צײַט געשטאַנען לעבן טויער, ניט וויסנדיק, וואָס צו טאָן ווײַטער.

גאָידא האָט אויפגעדרייט דעם קראַן, דאָס קאַלטע וואַסער האָט געשטאָלט די מוסקלען, די באַוועגונגען זענען געוואָרן האַסטיקער, פלינקער. ארויסגעשפרונגען פון ביטל, האָט ער שנעל געווישט דעם אָנגעדראָטלטן קערפער מיט א ווייכן האַנטעך. בשעתן טריקענען די האָר האָט ער א קוק געטאָן אין שפיגל, אַנטדעקט א ניט גענוג טיף ראַזירטן פלעק, איבערגעפירט א פּאָר מאָל די בריטווע, קוקנדיק אין שפיגל געגלעט די הויט איין מאָל און נאָך א מאָל און אין דער זעלבער צייט דעקלאַמירט פּאַטעטיש: א פּאַרטיפטער אין געדאַנקען שפּרייזט דער קייזער בלייך, דערנידעריקט אין שווייגן מאַכט דאָס פאָלק א ריי אים.*

ס'איז שפּעט. ער האָט שוין געדאַרפט זיין אויפן וועג צו דער ארבעט. איז אים שווער זיך אָפּצורייסן פון פאַרגעניגן וואָס ס'פאַרשאַפט דער אינדערפריענדיקער דוש, דאָס ראַזירן און שמירן דאָס פּנים מיט „אַפטער שעיוו". קוים זעקס וואָכן זינט ער האָט באַקומען די וואוינונג. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַזא קוואַרטיר. א גרויס צימער, א דרייטיריקע שאַפע, אַנטקעגן א ברייט בעט, אין דער מיט א טישל, צוויי ווייכע שטולן, א ביז דעם באָדן אַנגער פירהאַנג איבער דער גלאָזטיר וואָס פירט אויף דער טעראַסע פון וואו מ'זעט כמעט דעם גאַנצן שטאָטפאַרק — א באָד-צימער מיט אן איינגעגראָבענער וואַנע. נאָך זיין אוועקגיין קומט א פרוי, לופטערט, רייניקט, טרעסעט און פרישט אָפּ. ס'איז ניט נאָר א וואוינונג. ס'איז די ערשטע טרעפּ פון לייטער וואָס פירט אין יענע הימלען, פאַר וועלכע ער איז באַשערט.

די פּערזן וועלכע ער דעקלאַמירט האָט ער איינגעחזרט מיט יאָרן צוריק, קנאַפּ נאָך דעם וואָס ער איז געקומען פון דאָרף, אין גאַנצן א קינד, און אָנגעהויבן לערנען שלאָסעריי אין דער הויפּט-שטאָט. זיינע פּאָרלעזונגען האָבן געהערט צום פּראָגראַם פון די רויטע געווערקשאַפטן.

קוקנדיק אין שפּיגל און באַמערקנדיק דאָס כישוף-פייערל פון זיינע אויגן, טראַכט ער צו דער קראַפט פון קונסט. דאַכט זיך וואָס? ניט מער ווי ווערטער. כוואַליען זיי זיך מיט א געוויסן ריטעם, שוועבט מען מיט זיי אין גאָר אנדערע ספערן, אין וועלטן, אין וועלכע עס געפינט דער

---

* מ. עמינעסקו (1850-1889) רומענישער קלאסיקער-פּאָעט.

ווילן אליין, כדי אלץ זאָל ווערן ווירקלעכקייט. דער געדאַנק געפעלט אים, דער אויפטו זעט אויס א נייער, א ביז איצט נאָך פון קיינעם ניט געדאַכ־טער און די מסקנה ווערט א לאָזונג: „קונסט געהערט דעם פאָלק". און דער פירוש איז אז זי מוז ווערן דעם פאָלקס גוט, ווייל זי קאָן עס ארויס־רייסן פון דערנידערונג און שווייגן, פון דער אינערציע אין וועלכער מ'־באַשוילדיקט עס. „אַך, ווען איך זאָל זיין..."

ניין, ביי גאָלדפאַדען איז עס ניט דאָס באַקאַנטע לידל: „ווען איך זאָל זיין דער בורא עולם, וואָס וואָלט איך געמאַכט?..." ס'איז גיכער דער המשך פון חלום, וואָס הויבט אָן אין די גאָר פריע קינדער יאָרן מיט: „ווען איך זאָל זיין אזוי גרויס און קרעפטיק, ווי מיין עלטערער ברודער" און ציט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט האלב צוגעמאַכטע אויגן, כדי מ'זאָל ניט באמערקן אז ס'שלאָפט זיך ניט, אז מ'פירט מלחמות, מ'ווערט געפייניקט און געמוטשעט פון כלערליי שונאים, מ'קלאָגט אויף דעם איי־גענעם גורל, מ'איז זיך נוקם אין טאַטן פאר זיין ווילדקייט, מ'ווינטשט זיך ליבערשט דעם טויט איידער אים רופן צו הילף, טוט דאָס גליק א שמייכל און די מלחמה גייט ווייטער, שונאים פאלן ווי פליגן, ריזן גיבן זיך אונטער און ער, דער גבור, איז מוחל גרויסמוטיק דעם טאַטן זיין אכזריות, טראָגט אונטער דער מאַמען די לבנה אויף א טעלערל. אין אָט דעם חלום לעבט ער נאָך היינט, אזוי אז ווען ער זעט אין שפּיגל דעם גלאַנץ פון די אויגן, דערמאָנט ער זיך מיט ביטול אין דער התלהבות מיט וועלכער קליינשטעטלדיקע בתולות פלעגן קוקן אויף אים און ס'וויל זיך לאכן פון זייער תמימותדיקער שמאַלקעפּיקייט. ער ווייסט אז זיי זענען ניט געווען בכח צו זען מער ווי נאָר דאָס אויבנאויפיקע. זיי האָבן ניט גע־קאָנט פארשטיין, אז דער גלאַנץ איז ניט קיין אויבערפלעכלעכער, אז דאָס איז די שיין פון פייער וואָס ברענט טיף אין אים, אז דער פונק, וואָס האָט דאָס אָנגעצינדן, שטאַמט פון א פייער ביי וועלכן ס'האָבן זיך געוואַרעמט גרויסע נשמות. מיט אזעלכע געדאַנקען איז ער ארויס פון שטוב און זיך געלאָזט צו דער ארבעט פירנדיק ווייטער די גרויסע שלאַכט,

באהיט אייך גאָט דער הייליקסטער,
מיר זאָלן מאַנען בלוט, און ניט קיין ערד,
ווען דאָס געווולד אין אונדז וועט פּלאַצן...
איר זאָלט זיין מלאכים צי אפילו געטער
וועט אייך פון אונדז דער קבר אויך ניט רעטן*

* זש. קאָשבוק (1866 — 1918) פּאָעט, רומענישער קלאַסיקער.

איבערצייגט, אז אַט די פערזן זענען די העכסטע מדרגה פון קונסט, ווייל די צוגעגנגלעכסטע, ווייל די פארשטענדלעכסטע פאר די ברייטסטע מאסן, באַדויערט ער פאר וואָס די נייע פּאָעטן געפינען ניט דעם געהעריק האַמערדיקן פערז, צו וועקן און רופן מיט דער זעלבער קראַפט ווי זייערע פאָרגייערס, צום אויפבוי פון נייעם. און ווידער רייסט זיך ביי אים ארויס: „אך, ווען איך זאָל..." אין אזא שטימונג איז ער אָנגעקומען צו דער גרויסער געביידע, געזען עמעצן שטיין פארן טויער, קיין באַזונדערע אכט אויף אים ניט געלייגט, פארבייגעגאנגען, זיך פלוצים אומגעקערט און אויסגעשריגן אויף א פאר אים קיין מאָל ניט געוויינטלעכן פאמיליערן, כמעט פריידיקן טאָן:

— מאָטל, דו!

— יאָ, איך — האָט מאָטל געענטפערט פארעוועט. צו ערשט האָט אים פארדראָסן גאָידאס פארטרודקייט, וואָס האָט אויסגעזען א מכלומרשטס, און איצט האָט אים געוואונדערט זיין פריינטלעכקייט.

— אויף וועמען וואַרטסטו דאָ?

— א קאָמפּליצירטע געשיכטע — האָט געענטפערט מאָ און זיך פאפנדיק, אז ער געדענקט ניט דעם שייגעצלס נאָמען, האָט עס אים אָפּגענומען דאָס לשון, ס'איז אויסגעקומען א ניט געזעענע מחיצה.

— קום, קום ארויף — האָט מיט אויפריכטיקער פרייד גערופן גאָידא און מאָטל האָט זיך געלאָזט פירן אין גרויסן ארבעטס-צימער וואָס אויפן צווייטן שטאָק. זיי האָבן זיך געזעצט, מאָטלען האָט זיך געוואָלט עפּעס זאָגן, איז אים ווידער אויסגעקומען כריקרע וואָס ער דערמאָנט זיך ניט דעם נאָמען. גאָידא האָט דאָס באַמערקט און אָנגעהויבן מיט א שמייכל

— ניין, מ'רופט מיך מער ניט טשיבריק, אצינד בין איך דער חבר גאָידא אוטשין. וואָס טוט דער מענטש מיט די דונדערט מאסקעס? געווען א מאָל א פילם אזא: „דער מענטש מיט טויזנט פנימער"

מאָטלס קונסט זיך צו גרימירן, זיין געשיקטקייט צו ווערן ניט צום דערקענען דורך בייטן אין א מינוט די שטריכן, איז געווען באַקאַנט אין ענגען קרייז, און די חברים האָבן דאָס געשעצט, צו מאָל מקנא געווען און צו מאָל גענומען אויף דער העצקע.

— פארביי די צייט פון זיין מיטן מעסער אין נאקן, פון טראָגן אומלעגאַל די רויטע שליחות — האָט געזאָגט גאָידא — ענדלעך איז דאָס פאָלק, די נאציע אויפן וועג פון געפינען איר משיח.

מאָטלען האָט געוואונדערט גאָידאס מונטער געלווינטקייט. זי האָט ניט געפּאסט צו יענעם יינגעלע, מיט דעם פארבלאָנדזשעטן, טליענדיקן

בליק, אין בערגל פריסיק. אויב ער ווייסט וועגן שליחותן, וועגן הונדערט מאסקעס ווי קאָן עס זיין, ער זאָל גאָרניט וויסן וועגן זיין איצטיקער לאגע, וועגן דעם, אז מחמת א נארישער מעשה, מוז ער שטיין ביי דער זייט, טראָגן אומשולדיק קינ׳ס צייכן, א פארלאָזטער און פארשטויסענער פון די וועלכע זענען אמאָל געווען גרייט מקריב צו זיין פאר אים, מאָ, דאָס לעבן, פונקט אזוי ווי ער איז געווען גרייט דאָס מקריב צו זיין פאר זיי. אפשר דערמאָנט ער דעם אמאָל, ווייל ער וויל ניט רעדן וועגן אצינד. ניט שוין זשע, איז ער אויף אזוי ביל אויסגעוואקסן, אז ער שפילט קינציק די ראָלע פון גאָרניט וויסנדיקן?!

— אזוי זעט עס אויס. — די אלעגאָריע מיט משיחן איז אומגעלומ־פערט, האָט געטראכט מאָ, נאָר געזאָגט האָט ער עס ניט, ווייל אים האָט זיך געוואָלט איבערפירן דעם שמועס, דערציילן וועגן זיין לאגע און אפשר געפינען אן עצה, זיך דערוויסן אין וועלכער טיר ס׳לוינט זיך אָנקלאפן. — ביי מיר, האָט ער א וואָרף געטאָן, זעט עס אויס קאלע־מוטנע, אין גוואָרט אויף א „פארוואָס?“

— כ׳ווייס — האָט גאָידא אָפּגעהאקט קורץ, פונקט ווי דעמ׳ט איז תפיסה. דאָס מאָל האָט מאָטל אויף אים אָנגעשטעלט א בייזן קוק, און באגעגענענדיק דעם אמאָליקן נאָך טיפער טליענדיקן בליק זיך דערמאָנט אין ברענענדיקע דערנער און געפרעגט איראָניש:

— און ווער איז דער משיח?

— וואָס הייסט ווער? מיר.

פון גאָידאס ענטפער האָט מאָ פארשטאנען אז די מערצאָל איז א פּאָרמעלע, ער האָט זיך איבערצייגט, אז דער „מיר“ פארבאהאלט קוים דעם טיפן גלויבן, אז דער משיח דאָס איז טאקע ער, אז די אמתע און ענדגילטיקע אויסלייזונג קאָן ניט קומען כון קיין אנדערן ווי נאָר פון אים, דעם אויסדערוויילטן. די אנטדעקונג האָט מאָטלען אמוזירט און ס׳האָט זיך אים פארגלוסט א שפּיל טאָן, צווינגען דאָס שייגעצל צו אָנערקענען, ארויסצוזאָגן דעם געדאנק בפרהסיה, בקול רם.

— לויט מיין וויסן, זענען קיין קאָלעקטיווע משיחן ניט געווען און ניט פאראן.

— לויט דיין וויסן — גאָידא האָט געצויגן די ווערטער מיט חוזק — דיין וויסן שטאמט פון אייערע נביאימס השערות. דאָס איז אייער רום און שטאלץ, אפשר אויך דערפאר, וואָס קיין נייע האָט איר ניט. מיר האָבן

קיין נביאים ניט געהאט. ס׳איז צייט מיר זאָלן האָבן אונדזערע פּראָפעטן און מיר וועלן זיי האָבן.

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט מיט שרעקלעכן פּאַטאָס. מאָטלען איז געקומען אויפן רעיון אז א טייל פון די גרויסע פּראָפעטן זענען געווען עפּילעפּטיקער און ער האָט געוואָרט אז אין גאַידאס מויל-ווינקל זאָל בלימלען א ווייסע פּינע.

מאָ האָט פאַרלאָזט דאָס צימער כמעט אָן א „זיי געזונט״. נאָך א לאַנגער צייט האָט ער א רגע פאַרגעסן וועגן זיין אייגענער לאגע. „נביאים, האָט ער געטראַכט, האָבן ניט רעגירט, אפילו זײַאָן ד׳אַרק אויך ניט. וואָס קאָן געשען, ווען ס׳זאָל אָנהויבן רעגירן אומבאַגרענעצטער פּזנאַ-טיזם״? די פראַגע איז אויסגעקומען משונהדיק ווילד און דער ענטפער קאַלעמוטנע, ווי זיין אייגענע לאגע.

פאַרן טויער האָט ער מער ניט געוואָרט. גייענדיק איבער די גאַסן האָט ער געפילט, ווי ס׳באַהערשט אים אן אומהיימלעך געפיל. ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין א קוואַרטאַל מיט געבויגענע הייזקעס. א שילד, געדרוך פון זויערע ווײַנען. מאָ האָט געפרעגט, וועלכער ס׳איז דער וועג, וואָס פירט צום וואָקזאַל.

## 21

אין דער צייט וואָס מאָ האָט געשמועסט מיט גאַידאָן, האָט דאַנבאָג פאַרענדיקט זיין רעפּעראַט, געגעבן די פּאַפּירן דער סעקרעטאַרשע מיט דער אָנווייזונג צוזאַמענצושטעלן ליסטעס מיט אלע נעמען, וועלכע ער האָט אונ־טערגעשטראָכן מיטן רויטן בלײַשטיפט און זיי שיקן צו די געהעריקע אינסטאַנ-צן. צווישן די פּאַפּירן האָט זיך געפונען איינס אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעשריבן ניט מער ווי דער נאָמען מאָטל וואָרגאַפט. די סעקרעטאַרשע האָט זיך א רגע געקווענקלט. דער נאָמען האָט איר געדאַכט א באַקאַנטער, זי האָט ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער איז פאַרצייכנט אויף א באַזונדער פּאַפּיר. גיין פרעגן האָט זיך איר ניט געגלוסט, האָט זי אים אָפּגעקלאַפּט צווישן די איבעריקע און אַוועקגעשיקט.

דערזעענדיק אויף איינער פון די רשימות מיט מענטשן וועלכע מ׳דאַרף האַלטן אונטער „שטרענגער אויפזיכט״ דעם נאָמען מאָטל וואָרגאַפט, האָט קאָזשוך געפילט א כּרעסטל אין די אָדערן. ער האָט געזען דאָס קעמערל אין וועלכן מאָ איז געלעגן א פאַרחלשטער, א טראַכט געטאָן „ווען ניט

ער... אפשר וואָלט מען געדאַרפט עפּעס טאָן", איז אויסגעוואַקסן דער עטוואָס שטומפּיק-לשונדיקער יאָזשעף שאַלאַמאָן מיט זיין בעריש געשטאַלט און אָפּגערעדט פון השתדלות.

„א פּאָליטיקער, אויב ער האַלט, אז דער חשד דאַרף בלייבן, ווייסט ער וואָס ער טוט. מיט דאַנבאָגן דאַרף מען ניט אָנהויבן, פּאָליטיק איז ביי אים א „פאַמיליען טראַדיציע". קאַזשוך האָט זיך דערפילט א פרעמדער ווי אַמאָל אין הויז פון די טאַבערנאַקעס, דעמלט ווען דער אַלטער פּריץ האָט אים איינגעלאַדן צו זיך און געראָטן גיין אַרבעטן אויף דער פּאָליציי. ער האָט א פּאָר נעמען אונטערגעשטראָכן מיט גרינער טינט, דאָס האָט ביי אים דעם זעלבן מיין און די זעלבע אימפּליקאַציעס ווי ביי דאַנבאָגן די רויטע. מאָטלס נאָמען האָט ער געלאָזט א ניט אונטערגעשטראָכענעם.

„זאָל ער בלייבן איינ'ער צווישן אַנדערע".

מאָ וועט קיין מאָל ניט וויסן, אויף וויפל קאַזשוכס איבערהיפּערן זיין נאָמען האָט געווירקט אויף זיין ווייטערדיקן גורל. ער וועט קיין מאָל ניט וויסן אַז ווען קאַזשוך זאָל געוועזן א צי טאָן דאָס גרינע פּאַסיקל, וואָלט ער אפשר זייט פיל יאָרן ניט מער באַשולדיקט קיראַן אין זיין אומגליק, פשוט דערפאַר, ווייל ער וואָלט שוין לאַנג געווען אויף דעם עולם-האמת, דאָרט וואו קיין שולדיקע זענען ניטאָ. ער וואָלט איצט ניט געכראָפּעט א צעוואָרפּענער איבער'ן דעם גאַנצן בעט. ער וואָלט זיך ניט געקאַטשעט אויף אַלע זייטן אין פינצטערע קאָשמאַרן, און ניט געמוטשעט מיט זיין שווערן בליק דאָס צאַרטע באַשעפעניש, נאָר געפּרוווט דערוואַרעמען איר פאַרשטיינערטקייט ביי א טליענדיקן פּריסיק פון לאָזניצעס, אין וועלכע עס טרוקענען זיך פלוימען אויפן ווינטער, ביי בלויע פלעמעלעך, פון וועלכע עס קאָנען זיך ניט אָפּרייסן קינדערישע, פון ניט שלאָפן רויטלעכע אויגעלעך. שלאָפט ער אָבער זיין אומרואיקן שלאָף און וויל ניט אַרויסווייזן, אויף וויפל עס קימערט אים איר זיצן אַזוי שפּעט איבער די העפטן, ווייל עס קלעקט ניט קיין צייט אָנצוטאָן אַלץ אין משך פון טאָג, צי גאָר דערפאַר וואָס ס'איז איר געוואָרן אוממעגלעך זיך צו לייגן לעבן א מענטשן, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג פרעמדער.

## 22

פון העפט האָט א בלאָז געטאָן א באַקאַנטער ריח, א גערוך ווי יענער וואָס האָט א טראָג געטאָן פון ריטאַס, אין די ערשטע יאָרן פון איר ליעבעשאַפט.

„דעמלט בין איך געווען נענטער צו מיין אייגענער ניטדערוואקסנקייט, טראכט קירא ארומפלאָנדיק טיפער דעם אבאזשור, נענטער צו דעם בלאָנדזשען אויף די סודותדיקע וועגן פון זיך צייטנדיקע פרוכטן. רעטענישן האָבן געשפּראָצט פון די זיך קוים קיילעכנדיקע בריסטן, געפרעסטלט ווי עס פרעסטלט די זיך ארייננגנבעדיקע געלבלעכקייט אין דער בלויער גרינקייט. דעמלט איז נאָך געווען פריש די שרעק פאר פארלאָזן א באקאנטן באָדן, די אומגעהויערע מורא פאר דעם תהום, אין וועלכן ס'וויל זיך א שפּרונג טאָן, ווייל עס שפּארט פון אים א קוים באמערקבארע העלקייט, א כישוף־ליכט, די שרעק פאר נעכט אין קאלטן שווייס און ברענענדיקע אייז־קוואלן“.

ריטא דערציילט:

ניין, די ייִנגלעך פון אונדזער שולע זענען ניט אינטערעסאנט. זיי בראווירן מיט זייער גראָבקייט, כאָטש אין תוך זענען זיי גאָרניט אזעלכע. ס'איז געגוג א שארפער בליק און זיי פארלירן זיך אין כארווירטקייט אין זייער אייגענעם ניט וויסן, זאָגט ריטא, און לאכט ווי רעדל־שיך אויף אספאלטירטע סטעזשקעס.

יאָ, כ'האָב ליב בילדער. ניט לאנג איז געווען אן אויסשטעלונג פון מאטאהאנדוסא. איר האָט זי ניט געזען? ניין? א שאָד. צו ערשט האָב איך זיך פארליבט אין מאָלער.

ממש פארליבט? קירא נעמט אָן די שפּיל־רעגעלן.

אזוי רעדט זיך. אָדער אפשר איז דאָס די אמתע ליבע. כ'ווייס ניט. זיין בילד „בלוי אויף בלוי“ האָט מיך באאומרואיקט, צו גאָר אויפגערעגט. מענטשן זענען פארבייגעגאנגען גלייכגילטיקע, דאָס בילד כמעט ניט באמערקט. אייניקע האָבן זיך א רגע אָפּגעשטעלט, געפרעגט וועלעכס בלוי אויף וועלכן, געלאכט קלוגעריש און אוועק ווייטער. ווייזט אויס זיך ניט גענוג איינגעקוקט. איך האָב זיך איינגעשפּארט און געפונען, ווייל בלוי איז מיין פארב. יעדער מענטש האָט זיך זיין פארב.

זענען דען פאראן אזוי פיל פארבן?

איר ווייסט דאָס ניט? פארבן זענען פאראן מער. יעדע פארב האָט מער ניואנסן, ווי מענטשן אויף דער ערד, זאָגט ריטא טראַציק. דערפאר האָב איך געקאָנט אויסגעפונען דאָס עטוואָס ליכטיקערע פינטעלע. ס'האָט געשיינט ווי א זון איבער דער בלויער אומענדלעכקייט. אָט דאָס פינטעלע האָט געשאפן די בלויקייט, אָן דעם וואָלט זי ניט עקזיסטירט. דער געדאנק האָט מיך פארכאפּט און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט דעם מאָ־

לער ווי א... נו, ווי א באשעפער, זאָגט זי און רויטלט זיך. איז ער געקומען פרעגן, פאַר וואָס איך שטיי אַזוי לאַנג לעבן בילד, פאַר וואָס איך קוק דערויף אַזוי פיל, וואָס האָט מיך אַזוי פאַראינטערעסירט. ער איז ניט געווען אַזעלכער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, האָב איך אָנגעהויבן צווייפלען אין זיין בילד. ס'האָט פאַרלוירן דעם חן ווייזט אויס דערפאַר, ווייל ס'האָט פּלוצים אויסגעזען א ווערטלאָזע שאַפונג פון מיין אייגענער פאַנטאַזיע.

קענסט נאָך מענטשן וועמענס פאַרב ס'איז בלוי?

זיכער. דעם טאַטנס.

און דער מאַמענס?

ניין. דער מאַמענס איז בלאַס-גרוי. אַזאַ איז זי אין טאָג־טעגלעכן לעבן. א בלאַס־גרויע. ריטאַ בלייבט א רגע מיט אירע געדאַנקען. גייענדע איז אויך בלוי, זאָגט זי, און רויטלט זיך.

פאַר וואָס מיינסטו?

כ'מיין ניט. כ'בין זיכער. אַנדערש וואָלטן מיר זיך ניט אַזוי פאַרשטאַנען. אַנדערש וואָלטן מיר געווען אין גאַנצן פרעמדע... כמעט ווי איך מיט מיין מאַמען.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט א צייט. זי איז די וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים.

קירא וואָלט געוואָלט ס'זאָל זיין אַזוי, זי ווייסט אָבער אַז ס'איז ניט אין גאַנצן אַזוי.

אמת, ניט נאָר ריטאַ. אפשר אַמווייניקסטן ריטאַ. ניט מיין קינדהייט בין איך געפאָרן זוכן, ניט מיין ניטדערוואַקסנקייט. כ'האָב זיך געמוזט אַרויסרייסן פון קאַשמאַר, כ'האָב זיך געוואָלט באַטראַכטן. דיך, מאַ, בין אין געלאָפן זוכן. דעם אַמאָלעדיקן, דעם, וועלכער פלעגט אַריינדרינגען אין מיין גוף מיט א קינדערישן האַ! און איבעראַשטער פון געפונענעם. איך א שטענדיק, און אייביק גליקלעכע מיט מיין גאַסט, דו א שטענדיק דערשטוינטער. נאָר א רגע, א מינוט, און אייביקייט. דערנאָך דיינע דורש־טיקע זוכענישן, רעכטס און לינקס אין אַלע ריכטונגען, דערגיין דעם סוד פון אַלץ און גאָרניט, האָסטו געוואָלט, די געהיימנישן פון בלוט, פון וועלט-געבורט, פון לעבן און טויט, פון דעם ניט פאַרשטאַנענעם, אַלץ צו וואָס די השגה האָט דיך ניט דערטראָגן, האָסטו געזוכט אין מיר. ברען, מיט פיבער, מיט זיסער ליידנשאַפט, מיט זאַפטיקער ווילד־קייט, מיט מענטשלעכער אומפאַרשעמטקייט. יענעם מאָ בין איך גע-

פאָרן זוכן אין פּלעצער וואו ביסט קיין מאָל ניט געווען. איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אריין ווי יפתּחס טאָכטער אין די בערג. זי מיט איר מיידלשער, מיט א מאָל פארכמארעטער לויטערקייט, און איך מיט מיין שווער געמיט. כ׳האָב געמיינט, אז אזוי וועל איך פארשטיין דיין פארפרעמדקייט, דעם זין פון דיין פארפירטקייט, אזוי ווי זי האָט געפּרוּווט פארשטיין דעם ווילדן זין פון איר פאָטערס אומגעלומפּערטן קרבן. ס׳האָט זיך מיר געדאכט, אז אין יענער שטאָט וואו מיין אייגענער טאטע איז מיר געוואָרן א פרעמדער, וועט זיך מיר אנטפּלעקן דער סוד פון א נייעם וועג צו דיר...

פון שכנותדיקן צימער הערט זיך א קלאַפּ. קירא ציטערט אויף. ווער גייט אום אין שטוב אזוי שפּעט אין דער נאכט? ניין, ס׳איז קיינער ניט. דאָס בריקעט ער שוין ווידער מיט די פיס אין דער וואנט־בעט. וויפל אומרו ס׳האָט זיך אין אים אָנגעזאמלט! אוי, מאַ, רייסט זיך ארויס א יעכץ פון אירע טיפסטע אינגעווייד. ווי אזוי איז עס געשען? וואָס האָבן זיי פון דיר געוואָלט? פלעגסט גיין צו דער קאָמיסיע א געזונטער און זיך אומקערן א קראנקער. וואָס האָט דיך געשראָקן מער ווי דעם פיינטס קוילן אין וואלד, ווי דאָס פייניקן, ווי רייסן די נעגל פון די פינגער, ווי אויסברענען די אויגן? בלוטיקע ווערטער פלעגסטו שפּייען. מיט וואָס האָט מען פארפינצטערט דיין בליק, פארלאָשן דעם קוואל פון דיין פרייד? פאר וואָס האָט זיך אריינגעפלאָכטן דער דערווידער אין באגער נאָך אלעמען וואָס מיר געהערט? ווער האָט געפלאנצט שנאה צו דעם וואָס ס׳איז דיר געווען ליב? דיין איינציקער ענטפער איז געווען: „וואָס ווייסטו?“ ווען מיין גאנץ וועזן האָט זיך פארוואנדלט אין אן אויפן מויל ניט געבראכטער הימלשרייענדיקער פראגע. ווי אזוי זאָל איך געוועזן וויסן אז דער שטראָם פון דיין אָנווערטערדיקער בארעדעוודיקייט איז אויסגעטריקנט געוואָרן פון א ניט פארשטענדלעכער טריקעניש? וואָס האָט דיך אזוי פארענדערט? וואו איז אהינגעקומען דיין קינדערישע ליכטיקייט, דיין יינגלישע צערטלעכקייט דיין מענלעך זיסע הארטקייט? ניין, פון דעם אלץ איז גאָרניט געבליבן. די אורווילדקייט, דעם שד האָבן זיי — די פאַרשטייער פון יענער קאָמיסיע — אין דיר באַזעצט. צו מיר איז מער ניט געקומען דער גאַסט נאָך וועלכן מיין גאנץ וועזן האָט געלעכצט. ניין, דו האָסט מיך געשטאָכן מיט א שווערד, צערייסן מיך אויף שטיקער, האָט זיך דיר געוואָלט. דערנידעריקן מיט דיין נקמה שעפּטשען: האָסט פארקערעוועט פון הינטער־געסל. ס׳האָט דיך אָנגעכאפּט א רחמנות אויפן שראָץ! מיט

אזעלכע ווערטער האָסטו פארשוועכט דאָס הייליקסטע, זיי האָבן אין דיר געפלאַנצט שנאה צו דיין אייגן פלייש? שפעטער, ווען איך האָב מער ניט געקאָנט איבערטראָגן, ווען איך האָב געפּרואווט זיך ארויסרייסן, זיך באַפרייען פון דיין ווילדקייט, פלעגסטו מיך דורס זיין מיט שרעקלעכער שנאה. ניין, ניין כ׳ווייס. ס׳איז געווען יענע גוואַלדיקע שנאה, וועגן וועלכער מ׳זאָגט, ווי אבסורד דאָס זאָל ניט קלינגען, מחמת אהבה. האָסטו אָבער געציטערט צווישן די ציין: א כלל־טוערין ביסטו, קירא, א כלל־טוערין און מאַ א פארשאָלטענער, א קרעציקער, און אין חרם געוואָרפענער. ווער ביסטו. האָסטו געפרעגט, ווער האָט פון דיר געמאַכט דאָס וואָס דו ביסט מכלומרשט. ווייבער ווי די...

פון וואַנען האָבן זיך צו דיר גענומען די אלע באַליידיקונגען, פון וואַנען די גראָבקייט מיט וועלכער האָסט מיך יעדע נאַכט דורס געווען? האָסט ניט געקענט שלום מאכן מיטן געדאַנק אז איך בין א כלל־טוערין, אן אקטיוויסטקע. עפעס אנדערש ווען דו וואָלסט געווען פארנומען א פלאץ, ווען איך זאָל מיך געווען געפינען אונטער דיין שאָטן, לעבן דיין פּאָלע, אונטער דיין אפיטרופסות. דעמלט וואָלט אלץ געווען גלאַט, כשר ויושר. אָבער אזוי האָט עס דיר אויסגעזען א חוצפה, א געוואַלדיקע אומגערעכטיקייט. אזוי בין איך געוואָרן אן אויסוואורף, מאַ. האָט עס לאַנג ניט געדויערט און איך בין געוואָרן א לערערין. דאָס דאָס דיך ווידער פארדראָסן. האָט דיר ניט געפעלן די אינטעליגענטקע, דאָס גבירעשע ביינדל, וואָס לעבט אלץ איבער, וואָס פּאַסט זיך צו. איך בין דאָך באמת אין די בערג ניט געווען, ניט געוואָגלט אין די וועלדער, כאָטש כ׳בין זיכער אז דו האָסט אויך דאָרט פארבראַכט די גאַנצע צייט מיט מיר. איז מיר ווידער געקומען דריסה און דו האָסט אומכרחנותדיק אויסגעפירט דיין אייגענעם פסק־דין.

ניין מאַ, ניט ריטא האָט מיך געטריבן זוכן דעם אמאָל, נאָר דו. ריטא איז דעמלט געווען דער באַטאָגעדיקער מקלט פון דיין באַנאַכטיקן גיהנום. האָב איך געפּרואווט זיין א צייט אליין, נאָר מיטן באַנאַכטיקן שראַץ, אָן דעם באַטאָגעדיקן „קום, דער טאַטע וועט דיר דערציילן א מעשהלע“. וואָס זשע האָב איך דאָרט געפונען? די זעקס מיליאָן מאָל דערציילטע געשיכטע פון מיינע עלטערנס אומקום. ווי אזוי זיי האָבן באַגלייט די זעקס מיליאָן צום געטאָ, אין די אויסראָטונגס־לאַגערן, אין גאַז־קאַמערן, ביים אויסשיטן דאָס ביי־סעלע אש איבערן הויף, אָדער פארקערט, אפשר האָבן די זעקס מיליאָנען זיי באַגלייט צען מאָל א טאָג מיט א קדיש אויף די ליפּן. דאָרט האָבן זיי זיך דערקענט, זיך דערוואוסט אז דער קדיש האָט אַן אנדערע

ווערט ווי די וואָס זיי האָבן אים אמאָל צוגעשריבן, אז זיין ווערט איז טויזנט מאָל גרעסער, ווען מ׳גראָבט ניט קיין קבר, ווען מ׳שטעלט ניט קיין מצבה, ווען דאָס איינציקע וואָס בלייבט זענען ווערטער. ווערטער געוואָרפענע אין חלל מיט דער האָפענונג אז זיי, און נאָר זיי, קאָנען טראָגן ווייטער עפּעס פון דעם וואָס ס׳איז געווען דער און יענער, טראָגן אין אומענדלעכע ווייטקייטן, אָדער העלפן זייערע נשמות אייביק שוועבן איבער דעם פּלאַץ וואו ס׳איז געשען דאָס, וואָס ס׳איז זיך ניט פאַרצו־שטעלן, אז ס׳האָט געקאָנט געשען. און דערפאַר ווילן דאָס מענטשן אזוי לייכט פאַרגעסן. דאָס האָב איך געפונען, און נאָך עפּעס. די צאַרטע בע־אטריס, מיין געוועזענע חברטע פון גימנאזיע, בעאטריס גאָלדענפעלד.

ניט אמת, מאַ. די צאַרטע בעאטריס איז פאַרשוואונדן מיט מיינע עלטערן. געפונען האָב איך אן אנדערע, ווייל אויך בעאטריס האָט זיך אין גאנצן געענדערט. באַגעגנט האָב איךביילקען. זי האָט גאָט ניט געלעסטערט, די מענטשן האָט זי ניט פאַרשאָלטן און נאָך איר אמאָלע־דיקן נאָמען האָט זי ניט געבענקט. זי האָט געלעבט פון קייען א סע־כערעל מיט נאַקעטע יאסלעס, זויגנדיק אן אויסגעדאַרט שטיקל ברויט. מער דאַרף מען ניט, האָט זי געזאָגט. וויל מען מער, ווערט מען, גאָט באַ־היט, א מסור, ווערט מען א חיה. מער דאַרף מען ניט. אויף צו לעבן, אויף צו דערהאַלטן די נשמה איז עס גענוג.

„געדענקסט פינאַן?״ האָט זי פּלוצים, מיר ניט דיר ניט, געפרעגט נאָך א לאַנג שווייגן.

״יאָ, אוודאי געדענק איך זי. מיט צוויי קלאסן קלענער פון אונדז, בעאטריס״.

„ביילקע״, האָט זי מיך דערמאָנט, מיט דעם זעלבן ערנסט, מיט וועלכן זי האָט דערציילט וועגן גאַז־קאַמערן.

„אומגעקומען?״

„נאָך פון אָנהויב. אין געטאָ. א געבענטשטע״.

איר פרישע סאַמעטענע הויט איז אצינד א טרוקענע, א פאַרמע־טענע. ביילקע קנייטשט דעם שטערן אין דריבנע רינצלען, פירט דאָס גע־דאַנקען־זעגעלע איבער דינע דורכזיכטיקע פינגער, באַוועגנדיק לאַנגזאַם דעם קאָפּ אַראָפּ און אַרויף, זעט עס אויס א קינדער־שפּיל. אָדער גלייך זי וואָלט עמעצן באַוויינען. די ערשטע צייט נאָך מיין אומקערן זיך אין שטאָט, דערציילט זי, פלעג איך וואַנדערן איבער די גאַסן, קוקן אויף די דורכגייער. זוכן. וועמען? קיינעם ניט. גלאַט אזוי פּנימער, מענטש־

לעבע געזיכטער. ס׳איז טשיקאווע צו קוקן אויף מענטשן אָן מורא און אָן רחמנות. אין א טאָג, אויף איינעם פון די געסלעך, דאָרט וואו מ׳-איילט זיך ניט, דאָרט וואו מענטשן גייען פּאמעלעך, גלייך ווי פאַר־טראכט, פאַרט א בויד. דער אַנטרייבער א דארינקער, א יאָדעשלעוואַ־טער. כ׳האָב אים דערקענט, ער האָט זיך קוים געביטן אין די דריי יאָר. אין מיין זכרון איז ער געווען ניט מער ווי א פּראָפיל. באוועגט זיך א וועגעלע, א פערדל און אן איינגעבויגן מענטשעלע. איצט האָב איך געזען אז ער גלעט אָן אויפהער דאָס פערדל מיט א פּריטשקעלע. די בויד האָט א מאָדנעם צודעק, א באשריבענעם מיט גלייכע שור־רות געקינצלטע אותיות. כ׳קוק מיך איין, עס זענען יריעות פון א ספר תורה. פון זעקס יריעות איז דער צודעק. דער אַנטרייבער וואוינט ניט ווייט פון קליינעם שילעכל. א פארגעסנס, איז עס געבליבן שטיין. אין אָרעם שילעכל. אין גאנצן צוויי ספרים אין א געבייצ־טן ארון קודשל. ראבעווען איז קיינער ניט געגאנגען. וואָס קאָן מען שוין געפינען אין אן אָרעם בית המדרשל? איז עס געשטא־נען א פארלאָזטס, אָפּגעהיט פון דער אייגענער אָרעמקייט. נאָך א צייט האָבן די איינוואוינער פון ארום אָנגעהויבן טראָגן ניט געהיבליוועטע בענק, ניט געפארבטע שטענדערס. ווען ס׳האָט אויסגעפעלט א ברעטל אין דער באלעבאטעשקייט, האָט מען גענומען. דעם ארון־קודש האָט מען ניט אָנגערירט. די וואָס האָבן געוואוינט בשכנות, האָבן געוואוסט אז ביי די וואָס מ׳האָט פארשלעפט, איז ער געווען הייליק. זיי זענען דאָך צוזאמען געוואקסן אויף אָט די געסלעך. דער צאָרן האָט זיך זיי אויסגעדראכט גרויס, האָבן זיי מורא געהאט אז באַרירנ־דיק דאָס הייליקטום קאָנען זיי אים שטאָרקן. אין א טאָג איז דער פון וועגעלע ארייגגעגאנגען זוכן א ברעטל וועגן א קאָזלע. קיין בענק אין שטענדערס זענען מער ניט געווען, קיין פענצטער און טירן אויך ניט. אָן אייביק ווינטעלע, און דאָס ארון-קודשל. פאלט אים איין אפשר דאָך א טירל פון ארון, ס׳זעט אויס ווי אָנגעמאָסטן פאַר זיין וועגעלע. באקליידטע מיט אָרעמען, עטוואָס אָפּגעבליאקעוועטן סאמעט, האָבן די צוויי ספרים אויסגעזען, ווי צוויי אין פאריתומטקייט פארשטיינערטע קינ־דערלעך. האָט ער זיך דריי מאָל געצלמט, זיך אָנגענומען מיט מוט און א ביסעלע אויפגעהויבן א כתונתל. א טאַפּ געטאָן. „לעדער“, האָט ער געמורמלט, „פיין געגארבטע לעדער! אבי מ׳זאָגט חכמים, קלוגע זאָגט מען דאָך וועגן זיי“. קיין שיך האָט ער פון דעם ניט געקאָנט מאכן, צו

איידל געדיבעט. האָט ער מיט דעם צוגעדעקט די בויך. נאָך דעם האָט מען וועגן אים געזאָגט אז ער איז אן אויסוואורף, אן אוממענטש, נאָר אזא איינער קאָן זיך דערלויבן. איז עס אָבער ניט אמת. ז׳עענדיק ווי ער גלעט דאָס פערדל מיטן פּריטקעלע האָב איך מיך איבערצייגט אז ס׳איז ניט אמת, אז מ׳וואַרפט אים אָן אן אומזיסטיקע שולד. ער האָט ניט געשענדט, ניט פּראָפאַנירט. ניין, ניט ער איז דער שולדיקער. די וואָס זאָגן האָבן נאָך אלץ ניט פאַרשטאַנען, אז דאָס האָט דער באַזיגטער גאָט אליין געשענדט, אפשר אן אומבאַהאָלפענער, זיין שאַפונג.

ביילקע האָט דערציילט אויף יידיש. אמאָל אין שולע האָבן מיר גערעדט רומעניש, אויף דער גאַס אונגאַריש און אין דער היים דייטש. מיר זענען געווען מיטל־אייראָפּייער, מענטשן מיט א צוגאַנג צו אלע באַפעלקערונגס־שיכטן, נאָר צו איינער ניט. צו אונדזער אייגענער. גיעאָלאָגן מיט מאָדערנע אָנשויאונגען. די שפּראַך קיין מאָל ניט גערעדט, פון איר כמעט ניט געוואוסט. דו, מאַ, האָסט פון איר יאָ געוואוסט, נאָר געוואָלט אוועקוואַרפן צוזאַמען מיט די דערינערונגען וועגן שטעטל אָדער דערפל, פון וועלכן האָסט זיך אַראָפּגעיאָוועט אין אונדזערע קאַנטן. אזוי איז פאַר מיר אָט די שפּראַך ווייטער געבליבן א פרעמדע, ניט מער ווי א מטושטש נעפּל און א געפיל, אז אין איר געפינט זיך עפּעס שיינס, עפּעס דערהויבנס ווייל דו ביסט אין איר אויסגעוואַקסן אזעלכער, ווי דו ביסט געווען דעמלט. און פּלוצים די אויסטערלישע פעסטשטעלונג אז איך פאַרשטיי אלץ וואָס ביילקע דערציילט, אלץ וואָס זי זאָגט. פון וואַנען האָט זי זיך צו דיר גענומען, האָב איך געפרעגט א פּאַרכישופטע. פון דאָרט, זאָגט זי, אין אומגליק זוכט יעדער א וועג צוריק. מ׳זאָגט, אז אין די פאַרצווייפלטסטע מאָמענטן פון דער מלחמה האָבן די רוסן געלייענט טאָלסטאָיס „מלחמה און שלום", איך האָב אנטדעקט יידיש. ס׳האָט אויסגעזען עפּעס אזוינס, וואָס קאָן דערהאַלטן די נשמה, מיט וועלכן מ׳קאָן בלייבן כאָטש א ביסעלע דאָס וואָס מען איז. פון דעם ווער מ׳איז געווען אָדער דווקא געוואָלט זיין, האָט זיך אויסגעלאָזט א פּוסטער חלום, האָט מען געמוזט פּרוּוון זיין דער, ווער מ׳איז.

„וואָס הייסט אומגעקומען א געבענטשטע?" האָב איך געפרעגט אויף יידיש און זיך געוואונדערט, ניט געקאָנט פאַרשטיין פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען דער נייער קוואַל. ביילקען האָט עס ניט געוואונדערט. זי האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען אז איך געפין זיך אין גרויסער פאַרלעגנהייט, דערפאַר האָט עס זי ניט געוואונדערט.

„ווער?“

„פינא“.

„אהא, דער רב האָט זי געבענטשט. נאָך דעם וואָס דער זשאַנדאַרם האָט זי פאַרגעוואַלדיקט, האָט זי דער רב געבענטשט“.

„כ'פאַרשטיי ניט,ביילקע“.

„ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין. דיך האָבן דייניקע אוועקגעשיקט באַצייטנס, דיין מאַמעס נביאה האָט דיך געראַטעוועט, פאַרשטייסטו ניט. מיך האָט מיין מאַמע ניט געראַטעוועט, האָב איך דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גהינום, אָבער פאַרשטיין, פאַרשטיי אויך איך ניט. כ'געדענק נאָר דאָס געשעענע. דאָס יאָ. די האָר זענען אויסגעפאַלן, קיין ברעמען און קיין וויעס האָב איך ניט, נאָר דער זכרון איז געבליבן. כאָטש עפּעס, האָט זי געזאָגט און באַוויזן באַקעטע יאַסלעס אויפן אָרט פון א שמייכל. געדענקסט דאָך דאָס שטעקעלע קוועקזילבער. ביי פינפצן יאָר איז עס געוואָרן א בוימעלע. הויך, שלאַנק, א געדיכטער, גראָבער, בלאָנדער צאָפּ האָר און צוויי בלויע לויטערע אויגן. אויסגעזען כמעט ווי א שיקסעלע, ווי א קריסטלעך מיידעלע. פאַר־געוואַלדיקט האָט זי דער זשאַנדאַרם, אַלס יידישקע. געריסן פון איר דאָס קליידעלע, דאָס העמדל און צעקאַליטשעט. אַהיים איז זי געקומען א קליינינקע, מיט א מאָל איינגעשרימפּענע, אין דרייען געבויגענע, אָן אויס־געבלייכט פּנימל און קרענקלעך שוואַרצע אויגעלעך. שוואַרצע כמאַרעס האָט ער געצויגן איבער אירע בלויע ליכטיקע הימלען. אויף דער גאַס האָט זי זיך מער ניט געוואַגט, קיין ברויט ניט געגעסן. איז מען דורכ־געגאַנגען לעבן איר, האָט מען געקרעכצט בלחש, שטיל, אָן טרערן באַוויינט א גורל. וועמענס?

מ'האָט ווידער געקליבן, א מין גורל־וואַרפן. א יענצייטיק גורל־וואַרפן. מ'האָט געדאַרפט שיקן א נייע פּאַרטיע. וואוהין האָט מען ניט געוואוסט. לויטער השערות. די נעמען אָשווענצים, טרעבלינקא און טויזנט אַנדערע זענען נאָך צו אונדז ניט דערגאַנגען. שיקן האָט מען געדאַרפט אויך דעם אכציקיאָריקן רב, רבי שניאור. דער דיין האָט געזאָגט, אַז ס'איז א חילול השם, אַז מ'מוז אים ראַטעווען, אַז זיין תורה וועט דעם וועג ניט איבער־שטיין. א גאַנצע נאַכט, האָט מען דערציילט, האָט דער דיין זיך געצעהט מיטן הימל, געפּרעגט די שטערן, זיך געדראַפּעט אפילו נאָך העכער, נאָך אן ענטפער. האָט אָבער דער הימל געשוויגן, ווייזט אויס אַז גאָט אַליין איז געבליבן אָן לשון. האָט דער דיין געפרעגט טאַקע אים, רבי שניאורן. דער זקן האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף ניט, אַז דער רבונו של עולם ווייסט

וואָס ער טוט. דער דיין האָט פון דעם אַלטנס רייד פאַרשטאַנען אַז ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט, אַז טאַקע דאַרף ער אַזוי ווי ער האָט פריער באַשטימט, אַז דעם צדיקס ענטפער באַשטעטיקט זיין ערשטן געדאַנק און ער האָט זי געשיקט רופן. האָט מען זי געבראַכט א צעבראָכענע. דער דיין האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף דעם אָפּגעזונדן קעפל און געבענטשט. „גיי, האָט ער געזאָגט, גיי קינד מיינס, צום זשאַנדאַרם און בעט פאַר דעם אַלטן צדיק רבי שניאור. די הייליקע תורה, האָט ער געשעפּטשעט, דערציילט וועגן רחבן. איר נאָמען איז ניט אויסגעמעקט געוואָרן פון דעם אמתן ספר־החיים, ווייל איר זנות האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א טוגנט. געבענטשט ביסטו פון גאָט, וואָס האָסט דעם זכות צו ראַטעווען די תורת חיים". דעם זקן האָט זי ניט געראַטעוועט, און אַליין איז זי אומגעקומען. דער דיין האָט אפשר באמת געמיינט אַז ער בענטשט זי, פאַרשעלטן האָט ער זי דאָך זיכער ניט געוואָלט, און אַז א ברכה קאָן זיין א קללה האָט ער ווייזט אויס, ניט געוואוסט. אָדער"...

„פאַר וואָס א קללה, ביילקע"?

"פון וואַנען זאָל איך וויסן, קריסטין?"

זי האָט מיך ווידער גערופן ביי מיין אַמאָליקן נאָמען, כ'בין ווייזט אויס, פאַר איר פלוצים געוואָרן א פרעמדע. מיין גליק האָט מיך פון איר פאַרפרעמדט. וועגן מיין אומגליק האָב איך איר ניט דערציילט. דערציילן וועגן מיין פאַרפינצטערטער נשמה האָב איך ניט געקאָנט, ווייל ווער ס'האָט ניט פאַרזוכט פון אונדזער ערשטן גליק מאָ, קאָן ניט פאַרשטיין מיין פאַרוויסטקייט. אפשר האָט זי געזאָגט קריסטין, ווייל זי האָט דער־קענט אין אַמאָליקע תנועה, אָדער גאָר דאָס גלעקל פון מיסט־טרעגער וועלכער איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי דערמאָנט אין די גימנאַזיע קאָרידאָרן, און צווישן אַלע בין איך ווידער געוואָרן קריסטין. פון וואַנען זאָל איך וויסן, מאָ?

האָסט געשיקט איין בריוו נאָך דעם צווייטן, גערופן, געהייסן קומען אַהיים. זענען מיר געקומען. וועגן מיין שטאָט און מיינע עלטערן האָב איך דיר ניט דערציילט. ווען דו זאָלסט געוועהן פרעגן, וואָלט איך אפשר ניט געוועהן געהאַט וואָס צו דערציילן. פאַר דיר זענען מיינע עלטערן געווען ניט מער ווי א בלייכער אָדער גאָר טונקעלער פלעק אין דער מאַסע, וואָס האָט זיך גערופן: „פיינטלעכער קלאַס". שפּעטער בין איך געוואָרן א ביינדל פון אָט דעם שרעקלעכן אומגעהויער. מעגלעך אַז דעמלט, ווען האָסט מיך דורס געוועהן, האָט דער פלעק באַקומען אָפּשטויסנדיקע פאַרבן. און

זיי, מאַ, מײַנע עלטערן, האָבן אפילו קיין פאַרב ניט געהאַט. ביידע אָפּגעבליאַקעוועטע, בלאַס־גרויע, כמעט אָנפּאַרביקע. ניט מער ווי מענטשן. און די שטאָט? דו ווייסט, אַז זי איז כמעט אין גאַנצן אומגעקומען, אָבער, זיך אַריינטראַכטן אין פּאַרוואָס און וויאַזוי איז דיר אויסגעקומען אַן איבעריק גריבלען זיך. פאַר דיר איז געווען גענוג: אַזוי האָט ער אויסגעזען דער פּאַ־שיזם. ביז כ׳האָב באַגעגנט ביילקען, מיין טאַטן, מײַנע עלטערן, איז עס אויך פאַר מיר אַזוי געווען. אַלץ אַזעלכע אמתן אין וועלכע ס׳זענען ניטאָ קיין יחידים. האָב איך אָבער באַגעגנט די שטאָט, מיין טאַטן און מאַמען, זיך דערמאָנט אַז ווי אַזוי ס׳זאָל ניט זיין, בין איך זיי מחויב מיין לעבן, מיין אַנדערש פאַרשטיין און אפילו מיין באַגעגעניש מיט דיר. ניין ניט מיט דעם היינטיקן, מיט דעם אַמאָליקן, מיט דעם פריערדיקן מאַ, מיט דעם וואָס האָט געהאַלטן אין כבוד די ווירדע, וואָס זיי, די אָנפּאַרביקע האָבן אין מיר געפלאַנצט. צוריקגעקומען בין איך מיט דעם פעסטן באַש־לוס אַז דורס זיין אפילו פון ליבע, וועל איך זיך מער ניט לאָזן. אַז אהבה, מחמת יראה, איז אַ מיאוס אויסטראַכטעניש. און כ׳האָב ניט גע־לאָזט. אויף מיין אופן. האָסטו דאָס באַמערקט, מאַ? אפשר יאָ. אפשר האָסטו דערפאַר באַשטימט איינפּרירן מיין בלוט מיט דיין שווערן בליק. כ׳ווייס מאַ, אַז דיין ליבע צו מיר איז גרויס. וואָס פאַר אַ נעבעכדיקע ווערטער. זאָג אַליין, בין איך נאָך אימשטאַנד צו געפינען ווערטער? וואָר דאַרף ווערטער? ניין, ניין. קיינער דאַרף מיך אין דעם ניט איבער־צייגן. איך דאַרף קיינעמס טרייסט ניט. ס׳איז אַ ביטערער אמת און ביטער איז ער נאָר דערפאַר ווייל זי איז ווייטיקלעך ווילד, דערנידערנדיק אין איר ווילדקייט, די ליבע דיינע. דו ביסט אפשר ניט שולדיק, אָבער וואָס קאָן איך טאָן אַז כ׳קאָן דאָס מער ניט איבערטראָגן.

ווי דאָס גערויש פון ים־כוואַליעס פליסט אין צימער דעם זונסן רעגן מעסיקער אָטעם. אויף יענער זייט בלאַק־הייזער געלבעלט זיך דער פרימאָרגן. דער העפט ליגט אין קיראַס שויס, דער גערוך פון מאַיאָווע טרערלעך, אָדער גאָר פון בעז־בלומען האָט זיך אויסגעוועפּט. ער דער־מאָנט מער אין גאָרניט. געבליבן איז די קאַליגראַפישע שריפט פון פלאַקסהאָריקן מיידעלע. דער בליק פון שפיגל איז אַ רעזיגנירטער, אפשר אַ גלייכגילטיקער, צי גאָר אַן אַנדערוועלטיקער.

„אָט דאָס איז דער שמועס, זונעניו. איצט קאָנסטו שוין אויסקומען אָן מיר. דיין מזבח דאַרף מיך מער ניט, מוז איך שוין מיינעם ניט פאַרשווייגן"...

# 23

קאָזשוך איז געשטאַנען אין א זייט. ער האָט ניט אין גאַנצן גע-הערט צו דעם עולם, צו דער סביבה, וואָס איז געקומען באַגלייטן קי-ראַן. ער האָט אָבער געהאַלטן אַז איר אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד און זיין אָנוועזנקייט אין אָט דעם שווערן מאָמענט פאַר מאָטל וואָרגאַפט — וועלכן ער האָט אַנדערש ניט גערופן ווי נאָר מאָ איז זיין אינטימער חוב. גע-רופן האָט ער אים מאָ, ווייל אַלס אַזעלכן האָט ער אים געשאַצט: א באַזונדערער מענטש מיט א באַזונדערן גורל. ער האָט ניט געזוכט קיין פאַרגלייכענישן אין דער גריכישער טראַגעדיע, דאָס איז ניט געווען זיין געביט. פון דעם אָרט, וואו ס'זענען געשטאַנען עטלעכע לערערס און לערערקעס — קיראָס קאָלעגן האָבן געבראַכט א גרויסן קראַנץ בלומען, מיט א ברייטן באַנד שוואַרצער זייד, אויף וועלכן זיי האָבן אויסגעדריקט זייער אָנטייל אין טרויער מיט גילדענע אותיות — האָט זיך צו אים יאָ דערטראָגן א שעפּטשען וואָס מ'האָט געקאָנט פאַרשטיין ווי אזא אָנדייטונג.

ווי א געניטן באַאָבאַכטער פון אַלץ וואָס קומט פאָר, איז אים די לאַגע פון מאָען געווען נאָענט. ער האָט זי פאַרשטאַנען מער פון אַנדערע. אינטואירט די געשעענישן און אפשר זיך געפילט באַליידיקט וואָס קיי-נער רופט אים ניט א פרעג טאָן. אליין גיין האָט ער ניט געוואָלט, אפשר מחמת דעם, וואָס אין זיין קאַריערע איז ער צוגעוואוינט געוואָרן צו אזא סאָרט דיסציפּלין, אין וועלכער זיך אליין מעלדן אין פרעמדע עני-נים ווערט ניט באַטראַכט אַלס מוט, גיכער אַלס חוצפה. צי ס'האָט פון דעם אָפּגערעדט דער געדאַנק, אַז די מענטשן צו וועלכע ער וואָלט זיך געדאַרפט ווענדן, זענען באַהערשט פון פאַרדעכטיקייט לגבי אַלץ און אַלעמען, און דערצו זענען זיי דאָרט וואו זיי זענען — אין פאַרגלייך מיט אים גופא — א קורצע צייט און פאַרמאָגן נאָך ניט די פעיקייט זיך צו דעטאַשירן, פּרוּוון א רגע א קוק טאָן פון דרויסן. זיך דערמאָנענדיק די ליסטע אויף וועלכער ס'האָט זיך געפונען מאָטלס נאָמען פלעגט ער ווייטער ניט אונטערציען א גרין פּאַסיקל, וואָס איז געווען א פּסק-דין וועלכן עס טראָגן אַרויס מענטשן, נאָר א רויטס, קעגנ-איבער וועלכן ער האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן, ווייל ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'טראָגט דעם נאָמען גורל, איצט האָט ער געקוקט אויף מאָטלען, ווי ער שטייט פאַר דעם אָפענעם קבר און דריקט צו זיך דעם זעכצניעריקן זון. שווער געווען צו וויסן ווער ס'שפּאַרט זיך אָן אויף

װעמען. מאָ'ס פאַרפינצטערטקייט איז געװען שװער צוצושרייבן נאָר זיין װייטיק. אים האָט זיך געדאַכט אַז מאָטל פילט זיך מיט עפּעס שולדיק, און קאָזשוך האָט געװאוסט אַז אַ שולד פאַר װעלכער מ'משפּט ניט, מוטשעט. ס'איז אַ ראַק, װאָס פרעסט ניט נאָר דעם גוף, נאָר נאָך מער די נשמה. ער איז געשטאַנען באַצװיבערט פון דעם פאַרלוירענעם בליק װאָס װיינט ניט, קלאָגט ניט, זעט אויס װי אַ תפילה. ער בעט, װי אים האָט זיך געדאַכט, מחילה פאַר אַ שװערער באַליידיקונג, פאַר פּוסט פּייניקן. מיט באַזונדערן יראת־הכבוד האָט ער באַטראַכט מאָ'ס װערדע, דעם שטאָלץ מיט װעלכן ער לעבט דאָס אַלץ איבער. װי אַ „טאַבערנאַקע", איז אים איינגעפאַלן און ער האָט זיך געװאונדערט פון אייגענעם פאַרגלייך. שוין אַ לאַנגע צייט אַז ער האָט ניט געטראַכט צו די טאַבערנאַקעס. דאָס לעצטע מאָל האָט ער זיך אין זיי דערמאָנט בשעת דעם באַגעגעניש מיט עאוזשענען, און פון דעמלט זענען פאַרביי איבער זעקס יאָר, כמעט גאַנצע זיבן.

קאָזשוך האָט נאָר טיילװייז תופס געװען מאָטלס צושטאַנד, זיינע געדאַנקען.

מאָ האָט ניט געטראַכט צו מחילה, און אװדאי ניט צו תפילות. שטייענדיק ביים אָפענעם קבר האָט ער אַנטדעקט אַז נאָך פינפאונצװאַנציק יאָר קאַמף װעגן מענטשנס גליק, װייסט ער אייגנטלעך כמעט גאָרניט װעגן מענטש, װעגן הױפּט־סוביעקט פון זיינע שלאַכטן. ער שטייט פאַר אַ פאַרריגלטן טויער. (אַזוי װי יאָזשעף, עד היום, פאַר דעם אַרבעטער קלאַס, כאָטש ער רעדט װייטער אין נאָמען פון גרויסן אומבאַקאַנטן).

מאָ האָט געטראַכט, אַז אפשר האָט ער אים דאָך פאַרשטאַנען דעם מענטשן, אַלס טייל פון דעם גאַנצן װאָס רופט זיך געזעלשאַפט, אָדער אַלס טייל פון דעם װאָס ער איז, זיך באַשרענקט ניט מער װי אויף דעם װאָס ער איז װערט זיך בעסער צו נערן, אפשר אויך אַ ביסעלע מער כבוד און מיט דעם אים אויף אַ געװיסן אופן באַליידיקט, „אָבער אַלס גאַנצן, אין זיין אינדיװידועלער אומבאַגרענעצטער עקזיסטענץ? ניין, צו דעם האָב איך ניט געטראַכט. געגאַנגען מיין אייגענעם איינרעלסיקן װעג און ניט אינטואירט, אָדער זיך ניט פאַרטראַכט װעגן דעם אַז איינרעלסיק זענען װעגן אין מדבריות. אויף פרוכטבאַרער ערד זענען זיי פּופּצן, צװאַנציק צי גאָר אַנצאָלפאַכיק. מיין זינד, קירא, איז גרעסער װי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט".

און ווייל ער האָט ניט געקאָנט תופס זיין מאָטלס געדאנקען, האָט קאָזשוך אויך ניט געקאָנט באמערקן ווי א טייל פון מאָטלען נידערט צוזאמען מיט קיראן אין קבר.

ווען קאָזשוך איז ארויס פון בית עולם, האָט אים אויפגענומען, אויף דער ברייטער אלייע מיט אלטע קופערנע דעמבעס, א מילדע זון און ער האָט פעסטגעשטעלט — ווי מיט צוויי טעג פריער קירא, ווען פון דער טונקל האָט זיך געיאָוועט דאָס משיח־פערדל מיט זעקס שווארצע פינטעלעך אויפן רוקן — אז דער הארבסט וועט זיין א לאנגער. ס'האָט זיך אים פארגלוסט וואנדערן מיט זיך אליין האָט ער אויסגעמיטן באפעלקערטע גאסן, דאָרט וואו צו פיל באגריסן דעם פאָליציישעף, און אָנקומענדיק אהיים דערפילט א לייכטע מידקייט.

— א קאווע?

ניין, ער וויל ניט. ס'האָט זיך אים געוואָלט בלייבן מיט דער מידקייט.

...דער פרוזדור איז אן אומגעהויערער, שווערער און פוסטער. א גרויסער זאל פון העל רויטן מארמער מיט גראָבע גרינע אָדערן, וואָס שלענגלען זיך אויף דער פאָדלאָגע און אויף די ווענט. ער שטייט א צום טויט פארמשפטער און האָט מורא א שפאן צו טאָן. כל זמן די שטילקייט שלינגט אים איין, לייזט אים אויף אין זיך, בלייבט דער הענ־קער אן אומבאהאָלפענער. ער ווייסט ניט, וואוהין צו צילן מיט דער האק.

שטייט ער צוגעקאָוועט צו דער העל-רויטער פאָדלאָגע א טאָג, און צוויי, ביז דער הוסט גייז אים גובר. כאפט אים אָן א טויט-שרעק, הילכט אָבער דאָס ווידערקול פון שוואכן הוסט פון אלע עקן און דער דונערדי־קער עכאָ נארט דעם הענקער, פונקט אזוי ווי די אבסאָלוטע שטילקייט. וואגט ער א שפאן, און א צווייטן, הילכן די טריט נאָך שטארקער פון הוסט. אזוי שפאן נאָך שפאן ביז ער גייט אריין אין אָלימפּ. אן אָנצאָל ווייסע מארמערנע דאָרישע ריזן־קאָלאָנען אויסגעשטעלט אזוי, אז פון וואנען מ'זאָל ניט קומען און וואוהין מ'זאָל ניט גיין, עפענען זיך אָפּגע־זונדערטע קארידאָרן. גייט ער, ביחידות, א יאָר און צוויי, באגעגנט קיי־נעם ניט. א פוסטער הימל. אפשר געפינען זיך אנדערע אין ענלעכע קאָ־רידאָרן? עס מוזן זיין אויך אנדערע, טראכט ער מיט טיפער איבער־צייגונג.

אין יענעם מאָמענט האָבן די קלאָונען אָנגעהויבן צו גליטשן, אָפּטרעטן וועג בכּבֿודיקע באָרוועסע פּאַטריציער אין ווייסע טאָגעס, מיט בלומען־קרוינען אויף פּליכעוואַטע קעפּ. זיי רעדן וועגן עפּעס, וואָס ער קאָזשוד, הערט ניט און פאַרשטייט ניט, ער פילט נאָר ווי פון איבעראַל גיסט זיך חכמה, א קלוגשאַפט וואָס פרישט, אָבער צו אָט דער חכמה האָט ער קיין צוטריט ניט.

די געטער פון שלאָף, טויט און נאַכט שוועבן לאַנגזאַם איבער דעם ניט געדעקטן זאַל, הינטער זיי לויפט מיט דריבנע טריט מאָרפּעאוס. מיט א טשיפּיקל אויפן קאָפּ זעט דער אייביקער חלום אויס ווי א קלאָון. די געטער שאָקלען צו, מיט טיפער פאַרשטענדעניש, צום אַנוועדעטערדיקן וויכוח וואָס די פּאַטריציער פירן מיט קילער זעלבזיכערקייט. זיי דערווייטערן זיך יעדער אויף זיין אופן: דער טויט א לאַנגווייליקער, די נאַכט אָן איבערגעטריבן פריילעכע, דער שלאָף וויקלט מאָרפּעאוסן אויף א פינגער, מאַכט פון אים א קיילעכל און שפּילט דערמיט yo, yo. ווען זיי קערן זיך אום, שאָקלען זיי ווידער מיט די קעפּ פאַרשטייעריש. קאָזשוד קען זיי. ער וואָלט זיי אַפילו געקאָנט אָנרופן ביי זייערע אמתע נעמען. ער קוקט זיך איין נענטער, וואונדערט אים די ענלעכקייט פון טויט און שלאָף. ניט צום פאַרשטיין, אַזאַ כמעט שטריכלאָזע ענלעכקייט. נאָך א מאָמענט, און ער וועט זיי מער ניט קאָנ'ען אונטערשיידן און דאָס וואָלט געווען א גרויס אומגליק. מ'וואָלט געקאָנט פרעגן די פּאַטריציער, זענען זיי אָבער אַלע פרעמדע אומבאַקאַנטע, נאָך פרעמדערע ווי די געטער. ניין, איינער פון זיי איז אים יאָ באַקאַנט, יענער וואָס טראָגט א רויטע טאָגע און א קרוין פון לאָרבער־בלעטער. ס'איז דאַנבאָג, דער סענאַטאָר. ער דרייט זיך, ניט ווייט פון ברייטן פענצטער, רעדט מיט קיינעם ניט און קיינער רעדט ניט מיט אים. ווייל ער זיך דאָך ווענדן צו די וואָס אין ווייסן, ווייל ס'איז פאַר אים א לעבנס־פראַגע, זענען עס די טאַבערנאַקעס. זיי זענ'ען פאַרטיפט אין יענעם שמועס, וועלכן די געטער שאָקלען צו פאַרשטייעריש. ניין, איבערשלאָגן זיי דעם וויכוח טאָר מען ניט. זייער ענטפער וועט ער סיי ווי סיי ניט פאַרשטיין. ווי ער שטייט אַזוי אין פאַרלעגנהייט, ווייסט ניט צי זאָל ער דאָך פרעגן דאַנבאָגן — א סענאַטאָר דאַרף וויסן, און האָט אויך די פליכט אויפצוקלערן — זעצן זיך לעבן אים, פון ערגעץ וואו אָנגעפלויגענע, עאוזשען מיט קיראַן. ער אין א טאָגע ווי די איבעריקע טאַבערנאַקעס נאָר מיט א מאָדערנערן שניט, און זי אין א קלייד פון וואַ־אַל. עאוזשען

שענקט אים א שמייכל. קאָזשוך טראַכט: גוט געטאָן וואָס כ'האָב זיך ניט געמישט צו יענער מעשה. ער וויל אים עפּעס זאָגן לייגט עאוזשען א פינגער אויף די ליפּן, הייסט אים שווייגן און רוימט אים איין אָן ווערטער: „איצט ווייסן מיר אַלץ. דאַנבאָגן פרעג ניט ער ווייסט ניט. ער גיט זיך דערמיט ניט אָפּ. ער איז א פּאָליטיקער. ער שטייט ביים פענצטער און האָפט, אז דערזעענדיק זיין טאָגע וועלן אויסברעכן אפּלאָדיסמענטן. אין דעם איז באַשטאַנען דער ציל פון זיין לעבן. ער נעמט אָן די שטראָף פאַר א ברכה. זיי וויסן, אז די ענגלעכקייט פון טויט און שלאָף איז דערפאַר, ווייל איינער איז א טייל פון צווייטן. מיר ווערן געבוירן וועגן האַדעס, נאָר דער וועג צו אים פירט איבער היפּנאָסן. ס'ע טו, מאָן שער קאָמיסער“.*

„ניין, ניין, נארסט זיך אָפּ, עאוזשען. אצינד איז ער מאיאָר. דע טעלז ערער אָן נע פארדאָן זשאמע“** — זאָגט קירא און ביידע פאַרשווינדן.

---

* דאָס איז אַלץ ליבער קאָמיסאַר

** אַזעלכע טעותים איז מען קיין מאָל ניט מוחל.

מיין מאמעס חלום:
איך זאָל דערציילן מעשהלעך.

# נפשל פארלירט דעם נאָמען

— אורי, אוריאל, אואורי.

נפשל שטייט א צוגעקאָוועטער און ענטפערט ניט אויף דער מו־סערס רוף. ער דארף צייט כדי איבערצייגן זיך אז דאָס מיינט מען אים.

מיט יאָרן שפּעטער וועט געשען, ווייט פון דער געגנט, כמעט דאָס זעלבע נאָר עס וועט אָננעמען אן אנדער געמעסט, אנדערע פּראָ־פאַרציעס. אָבער דאָס וועט זיין שפעטער אויף דעם דרום־ווערסאנט פון די אטלאס־בערג, ערגעץ וואו זיין מאסיוו אולעד־נאַאיל אין א הייסן זומערטאָג. שטופנדיק די טאטשקע מיט ליים וועט ער פלוצלינג דערפילן אז די זון ברענט, שטיין בלייבן, אויפהייבן די אויגן צום הימל און דערזעענדיק די בלויע מידבר וועט ער זיך דערמאָנען אָן א פארוואָס אז ס׳איז תמוז און אז אין יענעם טאָג פון חודש תמוז ווערט ער דריי־סיק יאָר. געפלעפטע וועלן די מויערער צוקוקן ווי ער לאָזט די טאטש־קע אין מיטן וועג און פארשווינדט מיט לבנה־גייערישע טריט אין זיין צעלט. אויף דער פראַגע פון די מויערער, וואָס ס׳איז אייגנטלעך גע־שען? וועט ער ענטפערן, אז ער ווייסט ניט, ווייל וואָס קאָן זיי אינטע־רעסירן א פאקט ווי דער, אז ער, אורי, איז אלט געוואָרן דרייסיק יאָר? זיי וועלן אים ניט גלויבן אז ער האָט זיך אין דעם דערמאָנט, פלוצלינג אָן א שום פארוואָס, אז א כוח וואָס האָט קיין נאָמען ניט, וועלכן מ־קען ניט דעפינירן, האָט אים א שלעפּ געטאָן אָדער גאָר א וואָרף גע־טאָן צום צעלט, אז אן אויסערלעך צי גאָר אינערלעך קול האָט אים באפוילן: „וואַרף אראָפּ פון דיר די מיט ליים געפלעקטע הויזן“, און ער האָט זיי אראָפּגעוואָרפן די צוויי בלעכענע רייערן, זיי געלאָזט ליגן אין מיטן צעלט, גענומען די ווייסע קורצע הייזלעך, וועלכע ער דאָט

געשלעפט מיט זיך איבער ימים און בערג נאָך פון יענער צייט ווען ער איז געווען א פשוטער ציוויליסט, אוועק צום ריטשקעלע, זיך גע-וואשן מיט פאַרעיפּושטן וואסער, ארויפגעצויגן די הייזלעך און פראָקלא-מירט איבער דער גאנצער וועלט מיט א קנופּ אין האלדז, אז ביי אים איז יום-טוב. צוריק קומענדיק אין לאגער און א קוק טוענדיק ווי זיי טעסען די שטיינער, באלייגן זיי מיט בלאָטע אָדער מיט ליים און בויען די מויער, גלייך ווי דאָס שטעכלדראָט וואָלט ניט געווען גענוג, איז ער געבליבן שטיין א געפּלעפּטער אזוי ווי זיי נאָר פאַרקערט, און האָט גע־פרעגט: „צוליב וואָס?" און די פראגע האָט געקלונגען ווי א רעוואָלט־געשריי קעגן דעם פּלויט פון שטעכלדראָט, קעגן דער טיפוס-עפּידעמיע, קעגן דעם וואָלף־הונט וועלכער זאָגט אָן אז עס קומט דער קאָמענדאנט מיט א בייטשל, און זיין קרומער געהילף מיט א שטעקן; קעגן דעם בלויען הימל און דער פאַרבלאָזער זון; קעגן די קינדער וועלכע בלייבן אין די געדערעם פון קערפּערלאָזע אין חלום באַפּרוכפּערטע פּרויען; קעגן דעם מאָרגנדיקן טאָג ווען ער וועט מער ניט קאָנען זאָגן צוואנציק. און ווער ווייסט ניט אז צוואנציק איז אן אנהויב, ער אָבער וועט מוזן זאָגן נאָך דרייסיק, איין און דרייסיק, צוויי און דרייסיק און קיין מאָל מער זיבן, אכט און ניין און צוואנציק, יאָרן וועלכע ער האָט ניט גע-לעבט, ווייל דאָס לעבן דאָ איז קיין לעבן ניט, און וועט זיך ניט דער־מאָנען אז דאָס זעלבע געפיל אָדער בערך דאָס זעלבע איז אים באפאלן מיט יאָרן צוריק.

— אורי! אוואוריאל! אורי!

— יאָ, — ענטפערט נפשל שטיל און בלייבט א צוגעקאָוועטער צו דער ערד, ער דאַרף צייט כדי איבערצוצייגן זיך אז דאָס מיינט מען אים, אז דאָס איז זיין נאָמען. ניט ווייל נפשל געפעלט אים מער. אדרבה. צו מאָל קומט אים דאָס צונעמעניש פאַר פריקרע: אפילו קינ־דער לאַכן פון אים. ער קאָן נאָר ניט פאַרשטיין, תופס זיין קאָן ער ניט, ווען און ווי אזוי ער האָט דאָס פאַרלוירן. איך ניט מער ווי עטלע-כע טעג איז דאָס פאַרשוואונדן. פון וועלדל וואָס אויף דעם בארג קוקן אראָפּ צווישן דיביימער ווייסע שטיינער, און נפשל פרעגט זיך: צי די וועלכע געפינען זיך אונטער זיי, ווייסן אז דאָס מיינט מען אים? אז זיי הערן די שטימען, אז די געשרייען און אפילו דאָס שעפּטשען פון דאָ

קומט אָן צו זיי איז קיין ספק ניט. נאָר פון דאָרט קומט ניט דער קרעכץ, אָבער פון דאָ...

— אורי! אואוריאל! אורי!

— יאָ! — ענטפערט נפשל און רירט זיך ניט פון פּלאַץ. עס קלינגט פרעמד, עס שיינט א שפרונג אין א נייער וועלט, אין אן אנ-דערער וועלט. שרעקט דאָס אים, עס וויל זיך וויסן: ווען האָט ער אָנ-געהויבן דעם שפרונג און וואו קאָן ער זיך ענדיקן. די מעזיניק־רעכטן זענען די זעלבע: א לעבערל, א ברויט־שישקע, א פּלעצעלע, א לאַקעטקע-לע. ביי דער מאמען איז ער נאָך אלץ דער הענגער פון אלע האָפענונ-גען. נאָך פערד-קויט (אָדער פשוט געזאָגט באלעגע) צו גיצע דעם פּאַסטטרעגער (ער האָט נאָך די צוויי קליינע רירעוודיקע פערדלעך) שיקט זי אים מער ניט, אויך דאָס ליים, אויף צו שמירן די פּאָדלאָגע אדער אויסגלייכן דאָס אויוון-בעט, קנעט ער ניט מער. זאָל דאָס זיין דער אָנהויב פון שפרונג? אָדער גאָר דאָס וואָס די לויפערייען צום באַ-קאַלייניק אין געשעפט האָבן זיך אזוי פארמערט?

לעצטנס, זייט מרים האָט זיך איבערגעפּעקלט אויף דעם גרוב-געסל און די מאמע גייט ארום מיט א פארבונדענעם קאָפּ, האָבן זיך די איינקויפעכצן צעדרויבלט. זי שיקט אים נאָך א ליטער קעראָסין, נאָך דעם דערמאָנט זי זיך, אז אין שטוב זענען נישטאָ קיין שוועבעלעך, אז ס'פעלט פעפער, פּלוצלינג דאַרף מען גאָר נעגעלעך און דאָס אלץ, ווייל זי ווייסט אז אין וועג וועט ער זיך יעדעס מאָל ארייַנכאַפּן צו דער שוועסטער. גיין וויל זיך אים, א וויזיט ביי דער עלטערער שוועסטער איז ניט קיין פשוטע זאַך, נישט יעדער האָט א שוועסטער מיט אן אטעליער, זאָל זיין אפילו מיט אן אלטער האַנט-מאַשין, אן אָפּגעבליאַ-קעוועטן „זינגער", און קעסטלעך אויפן אָרט פון בענקלעך, אנדערע זע-נען אים מקנא, אָבער די שוועל איבערצוטרעטן האָבן זיי קיין כּוח ניט, ווייל זיין שוועסטער איז אן אחת-במינהדיקע, אן אויסנאַם. כאָטש אזוי איז ווען ס'קומט צום גיין אין געוועלב, פּראָטעסטירט ער, לאָזט ער זיך בעטן.

ווען ער קומט אהיים, נעמט די מאמע דאָס פּעקלעע ביי אים פון די הענט, טראָגט צו צוויי פינגער צום מויל און וואַרט ער זאָל דער-ציילן, ער זאָל זאָגן וואָס ער האָט געזען. זי וויל נעבעך וויסן. גיין א

קוק טאָן, קאָן זי ניט. אָדער זי וויל נישט. זי פילט זיך באַליידיקט, וואָס איר טאָכטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער מישפּחה און אויסגעקליבן א מין אלמנהשאפט, אוועק פון שטוב אָן א „זיי געזונט". פּלוצלינג, אין א העלן טאָג האָט זיך איר פאַרגלוסט צו זיין אומאָפּהענגיק. און נפשל... ער דערציילט אגב־אורחאדיק: זי גייט, זי וואשט עמעצנס א העמד, אָדער זי האָט ניט געהאט קיין צווירן בין איך א לויף געטאָן, צי גאָר מען סודעט זיך. צום ערגסטן ווירקט דער „מען סודעט זיך". די מאמע באַקומט אלע פארבן, נאָך דעם פארשווינדן זיי, די פארבן און עס כאַפּט זי אָן א בויכווייטיק.

— אוי, דאָס סודען זיך.

„דאָ זאָל זיין דער אָנהויב פון שפּרונג אין א נייער וועלט, פרעגט זיך נפשל, צי גאָר אין שעכטשטיבל?"

ווען די לויפעניש אין געוועלב דערעסן אים, כאַפּט ער זיך אריין אין שעכט־שטיבל, צום טאטן, דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים געפונען מיט אָן אָפענער גמרא, ער גרייט סיומים וועגן די דריי וואָכן. מאכט מען א סיום, טרינקט מען א גלעזעלע שנאפּס, מעג מען עסן א שטיקעלע פלייש. די סיומים גרייט ער וועגן די יידן וואָס דאווענען אין דער שניידערישער שול. „פאַר וואָס דווקא וועגן דער שניידערישער?" האָט אים אַמאָל געפרעגט נפשלס עלטערער ברודער, זלמן; „ווייל זיי ווייסן ניט", האָט געענטפערט סענדער, דער טאטע זיינער. „אויב אזוי דארף מען דאָך ניט", האָט געמיינט זלמן. „טיפּש, ווען זיי ווייסן, הייסט עס, אז זיי ווילן ניט, און בעל־כרחו דארף מען ניט, אָבער אז זיי ווייסן ניט". „אהא", האָט געזאָגט זלמן פארשטייעריש, און נפשל האָט ניט פארשטאַנען פאַר וואָס.

ווי ער האָט נאָר געעפנט די טיר, האָט אים סענדער געפרעגט:

— זאָג נאָר, וויפל מאָל איז גרעסער דער קרייז פון מקצה לקצה?

— כ'פארשטיי ניט, האָט געענטפערט נפשל.

— וואָס איז צו פארשטיין? האָט זיך געוואונדערט סענדער. לאָמיר זאָגן, אז דער קרייז איז א פאס צי גאָר בעסער א ראָד, איז די שאלה, וויפל מאָל איז לענגער די רייף פון דרענגל וואָס צעטיילט דאָס ראָד פינקטלעך אויף דער העלפט, אנדערש געזאָגט, אין צווייען?

— אהא, פון דיאמעטער!

— זאָל זיין דיאַמעטער. ביי מיר האָסטו געפּועלט.
— דריי מאָל מיט פערצן, האָט געענטפערט נפשל.
— וויפל?
— דריי מיט פערצן.
— פון וואַנען ווייסטו דאָס?
— אַזוי האָט מען געלערנט אין שול.
— וואָס זשע זענען די פערצן? פון וואַנען האָבן זיי זיך גענו-מען? — די פראַגע האָט געקלונגען ווי אַן איבערפרואוו.
— הונדערטלעך — האָט געזאָגט נפשל אַן דרך ארץ. ער האָט דערשמעקט, דער עזות פנימניק, אַז דער טאַטע ווייסט ניט און זיך דער־לויבט אָנשרייבן אויף דעם גמרא בלאַט $\Pi = 3{,}14$. דער עזות איז באַ-צאָלט געוואָרן אויפן פלאַץ מיט אַ פּאַטש איבער דער האַנט.

די דריי ציפערן, מיט אַ קוצו של יוד אין דער מיט האָבן אויפ-געוועקט ביי סענדערן אַן אַלטן ווייטיק. „חשבון דראָב“,* פלעגט ער זאָגן איז אַ גרויסער אויפטו. אין זיינע ספרים האָט ער אים נישט געפונען און זוכן אין אַנדערע איז נישט אויסגעקומען.

— וואָס איז עס פאַר אַ צייכן? — האָט ער געפרעגט, ווייזנדיק מיט אַ ניט געוואַשענעם בלוטיקן פינגער אויפן $\Pi$.
— פּי, דריי מיט פערצן.
— פּי? וואָס פאַר אַ וואָרט איז עס?
— ס׳איז ניט קיין וואָרט, ס׳איז אַ בוכשטאַב — די זיכערקייט מיט וועלכער נפשל האָט געגעבן צו פאַרשטיין דעם טאַטן די באַדייטונג פון צייכן האָט געשמעקט מיט חוצפה און סענדער האָט אים געגעבן אַ קניפּ, ער זאָל אָפּקומען אויף דער וועלט דעם לית-כיבוד-אב — אַ גריכיש אות — האָט נפשל דערגענצט זיינע אויפקלערונגען, כמעט מיט טרערן אין די אויגן.

— אַ גריכיש — האָט סענדער זיך געוואונדערט, אויסציענדיק דאָס וואָרט, האָט עס געהייסן: הער נאַר, הער. מעשה יון, אַלטע באַ-קאַנטע, מיט זיי לוינט זיך אַ שמועס. „דער רמבם האָט מיט זיי געפירט וויכוחים“, און געהייסן האָט עס אויך „זע נאַר, זע, דער קליינער איז שוין אויך אויסגעוואַקסן“, אַ וויש געטאָן מיט דער דלאָניע איבער דעם שטערן, געפּרואווט אויף אַזאַ אַין פאַרווישן די טיפע קנייטשן, און צו-

*) חשבון דראָב — דעצימאַל רעכענונג.

געגעבן: — דריי מיט פערצן איז אפילו ניט קיין פערטל, האָבן דאָס די תנאים ניט גענומען אין באטראכט. קאָן מען זאָגן אז דער חשבון שטאמט דאָך פון זיי.

„דעמלט ווען דער טאטע האָט פעסטגעשטעלט אין געדאנק, אז דער קליינער איז אויסגעוואקסן, זאָל געווען זיין דער אנהויב פון שפרונג? אפשר א מינוט שפעטער, ווען כ'האָב דערזען די ערשטע שורה פון דף."

„ווער ס'קוקט מיט באהאלטענע געדאנקען אויף דעם קלענסטן פינגערל פון אן אשה."

„פאר ווער בעמען באהאלט מען געדאנקען", האָט א טראכט געטאָן נפשל. אז מען זאָגט זיי ניט ארויס, די געדאנקען, אויף א קול ווייסט דאָך קיינער ניט וועגן זיי. פאר וואס זשע זאָל מען זיי קאָנען אָפשטעמ־פלען ווי באהאלטענע? איז דען דאָ א געזען אזא וועלכעס צווינגט אויס־צושרייען די געדאנקען אויף אלע גאסן אזוי ווי עס שרייט אויס זיין סחורה א טאלאל, אן אלטווארג-הענדלער?"

— ווער עס קוקט... — האָט זיך צעזונגען סענדער, כדי צו פאר־טרייבן זייטיקע געדאנקען.

„וואוהין און פאר וואס קוקט ער?" האָט זיך געפרעגט נפשל. אין שיר-השירים שרייבט: די בריסטן דיינע, ווי הירשעלעך א פּאָר. דעמלט האָט מען געמעגט קוקן גלייך אין די אויגן, זען די ליפּן, די היפטן, זיך ניט שעמען, די געדאנקען האָט מען ניט געדארפט באהאלטן, ס'איז ניט געווען קיין בושה און קיין עבירה איז עס אויך ניט געווען".

„דאָ זאָל זיך געפינען דער אנהויב פון שפרונג, אָדער גאָר דאָרט וואו עס האָט זיך געענדיקט יענעמס אָטעם?"

פון צימער וואס לעבן שעכט-שטיבל האָט זיך דערטראָגן א קרעכץ און תיכף נאָך דעם א שרעקלעכער געשריי. סענדער האָט פארמאכט די גמרא, ער טראָגט ניט איבער קיין געשרייען, ווי זיי הויבן נאָר אָן, דרייט ער זיך איבער דעם שטיבל אהין און צוריק ווי איינער וואס ליידט פון ציין ווייטיק. נפשלען האָט געפרייט וואס עס איז אזוי. ער האָט געוואָלט ארויס פון שטיבל, פון דער שטיקנדיקער לופט וואס שמעקט מיט וואנצן און פארטריקנט בלוט. דער גמרא-טעקסט האָט אים מער ניט פארכאַפּט, ס'האָט אים מער אינטערעסירט דער בחור וועלכער האָט גערעוועט און זיך געוואָרפן ווי א פארוואונדעטע חיה. זיין ווארפן זיך איז

געווען לעבעדיקער ווי די טעקסטן פון אין לעדער געבונדענעם ספר פון וועלכן ס'האָט געשלאָגן א שימל געררוך.

גייענדיק אין שעכט-שטיבל האָט ער דערהערט א קרעכץ, ער איז שוין אווי פיל מאָל כארבייגעגאנגען און גאָרניט באמערקט, און היינט א קרעכץ. האָט עס געצויגן ווי א מאנגעט.

האָט אים אָבער סענדער געהאלטן לעבן זיך, ניט אָפגעלאָזט קיין רגע, איצט האָט ער אויסגענוצט דעם טאטנס צעשטרייטקייט, זיין נער־וועז שפאנען הין און צוריק, איז ארויס פון שטיבל און זיך געלאָזט צו דער פארמאכטער טיר, געוואָלט א קוק טאָן דורך דעם שליסל־לאָך, זען וואס עס טוט זיך אויף דער אנדערער זייט. ער האָט ניט געוואוסט אז דאָרט שטינקט, אז אין צימער הערשט א שרעקלעכער עיפוש, א ריח פון פוילנדיק לעבן.

דאָס מאָל איז די טיר געשטאנען א צעפראלטע. „א קראנקער!“ האָט זיך בפשל געוואונדערט דערזעענדיק א הילצערן בעט, א סודותפול געזיכט, א דויכן שטערן וועלכע האָבן אין זיך געטראָגן דעם באהאלטע־נעם זין פון ליידן און צו וועלכע די געשרייען און דאָס רעוועז האָבן קוים געפאסט. ס'האָט זיך אים געוואָלט אריין אין צימער, אים מיט עפעס העלפן, האָט אָבער דער געשטאנק פון קויט און השתנה, דער שרעקלעכער געררוך פון צעפוילטקייט א שלאָג געטאָן און צוריק געשטויסן. בפשל איז געבליבן שטיין עטלעכע טריט פון דער טיר, געקאָוועט פון פחד, פון מורא. ניין, ניט די מורא האָט אים געקאָוועט, אויך ניט דער פלוצימדיקער אומרו, נאָר א געוואלדיקע נייגעריקייט... ער האָט געקוקט אויף דעם בחור מיט געקרויזטע האָר, מיט א שווארצער באָרד ארום מענלעכע, אין קאלעכשטיין געטעסעטע שטריכן. „שמשון הגיבור אָדער הערקולע“, איז אים געקומען אויפן רעיון, „מיט אומזעבארע שטריק געבונדן“. דעם בחורס אויגן־הייטלעך האָבן זיך באוועגט שווערע. צען, הונדערט צי גאָר טויזנט צייגרעדער, א ריזיקער מעכאניזם, דער גאנ־צער אוניווערס האָט געצויגן די דינע, כמעט דורכזיכטיקע אויגנהייטלעך, ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע כוחות אויף זיי צו עפענען, אויפדעקן די גרויסע שווארצע אויגן, איבערמאכן, פארוואנדלען דעם קאלעכשטיין אין מארמער און דעם שעפער אין א קינסטלער.

— וואָס טוט דיר וויי?

דער קוואל פון אויפשפרונג האָט זיך געפונען ערגעצוואו אין קאָפּ און דער פון צוריקפאל ערגעץ אונטער דעם לעפעלע, ער האָט

אראָפּגעוואָרפֿן די דעק און עס האָבן זיך באוויזן צוויי דינע ראַכיטישע פּיס, באַלייגטע מיט א דיקער שיכט שמוץ ווי פֿון טרוקעניש געשפּאָלטע-נע ערד און ער האָט ווידער אָנגעהויבן שרייען און רעווען. די אויגן האָבן זיך געדרייט ווילד אין א משונהדיקן קרייז גלייך ער וואָלט עמעצן געזוכט.

— מע ווייסט ניט.

דער שולדינער טרעט לייכט, קוים ער באַרירט דעם באָדן. עס זעט אויס גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט חס וחלילה די ערד צו דערצע־רענען. דערפֿאַר האָט נפֿשל נישט געהערט ווען ער איז געקומען. דאָס שעכט-שטיבל איז אין איין הויף מיט דער גרויסער שול און מיט דער יידיש־רומענישער שולע (ניט מיט דער תלמוד תורה, די תלמוד תורה האָט זיך אַמאָל געפֿינען אין רבינס הויף, היינט איז מער קיין תלמוד תורה אין שטעטל ניטאָ, אַצינד האָבן מיר אַן איזראַעליטישע שולע) די געשרייען האָבן זיך דערטראָגן ביז צו זיין וואוינונג, ביז דעם קעלער־שטיבל אין וועלכן ער וואוינט מיט זיין אין נפֿשות אָרעמער (און אַזוי אויך אָרעמער) משפּחה, איז ער געקומען זען וואָס ס'איז געשען.

— וואָס טוט מען מיט אים? מיט וואָס העלפֿט איר אים?

— איך, מיט גאָרנישט, — האָט געזאָגט דער שולדינער גלייך ווי ער וואָלט גערעדט מיט א דערוואַקסענעם, אָדער מיט א קינד, ווייל א קינד מיינט, אז דערוואַקסענע קאָנען שטענדיק העלפֿן, — אָט קומט דאָס מיידל.

דאָס מיידל איז זיין טאָכטער, א טויב-שטומע. אפֿשר דערפֿאַר זאָגט ער ניט מיין טאָכטער. אָנגעטאָן אין א לאַנג קלייד, עטוואָס איינ-געבויגן, ווי אַן אַלטיטשקע, דערמאָנט איר גאַנג אין א מאַלפּע. זי קומט א ניט-גערופֿענע, אָדער ער האָט איר געגעבן אַן אָנווייז, מיט א צייכן וועלכן נאָר זיי ביידע פֿאַרשטייען, זי זאָל קומען. אין די הענט האָלט זי א שיסל, אויפֿן פּנים אין אויסגעשפּרייט פֿרייד, א פֿאַרגעניגן וואָס שטראָמט כמו טיפֿעניש פֿון ערד-אינגעווייד, דרינגט דורך דעם קערפּער און שפּאַרט פֿון איר געוויינטלעך טעמפּן בליק. מיט מורא זוכט זי דעם פֿאָטערס אויגן און ווען זי באַגעגנט זיין בליק פֿאַרשווינדט איר פֿרייד ווי א מיט דער האַנט אַראָפּגענומענע, ווי אַן אָפּגעווישטע מיט א שוואָם ווי א פֿאַריאָגטע אָדער צוריק פֿון קוואַל פֿאַרשלינגענע. אויף איר פּלאַץ באַווייזט זיך שרעק, פּלאַטערט די אין טויזנטער יאָרן אָנגעוואָרפֿענע

שרעק פון ליקוי-חמה׳ס, ערד-ציטערנישן, שטורעמס און וואלד-שרפות זי פלאטערט נאָר א רגע, ביז זי טרעט אריבער די שוועל. דאָ אין צימער לעבן דעם בחור, הויבט זי אויך אָן רעווען, איר רעווע איז ווי א קינדער-מורמל. און דער בחור, ער שרייט ניט מער, ער רעוועט ניט מער ווי א פארוואונדעטע חיה, ס׳איז דאָס קול פון הירש, ווען ער פילט די הירשעכע אין היצן. דאָס מיידל האָדעוועט אים און די משונה-דיקע טענער וואָס זיי ברענגען ארויס, גיסן זיך צוזאמען, באהעפטן זיך אין א נישט פארשטענדלעך אורגעזאנג, אין אן אורגענוס וואָס איגנאָ-רירט, אָדער קווענקלט פון דעם אומדערטרעגלעכן געשטאנק.

— ווי אזוי בלייבט זי אזוי פיל אין צימער? — פרעגט נפשל און ווארט ניט אויף קיין ענטפער, ווייל א טרער, ווי א מיי־גלעקעלע, שפראָצט אין לינקן אויגנווינקל ביים אלטן און מידן שולדינער, אָבער נישט אזוי מיד, אז ער זאָל נישט אָפווישן די קוים באמערקבארע טרער מיט א פינגער און א רוף טאָן אויף זיין אופן די טאָכטער, וועלכע כאָטש א טויב־שטומע, הערט זי אים, שלייכט זיך ארויס א דערשראָ-קענע, רייבט זיך אין דער טיר מיט מורא און אנטדעקנדיק אויף זיין פנים אן אָפשיין פון טרויער, דערווייטערט זי זיך בליענדיק אין א טעמ-פער באפרידיקונג.

— ווער איז ער?

— אן אומגליקלעכער.

— עלטערן האָט ער ניט?

— יעדער האָט, אָדער האָט געהאט עלטערן. — דעם אלטנס ענטפער קלינגט מאָדנע, גלייך ווי ער וואָלט עפעס נישט דערזאָגט, און נפשלען האָט זיך געדאכט אז דעם שולדינערס ליפן מורמלען ווידער די שבועה, אז דעם סוד וועט ער מיטנעמען מיט זיך אין קבר.

איצט קרעכצט ער ווידער. מיט יעדן קרעכץ וואקסט דער געשטאנק א כמארע פליגן דרייט זיך ארום אים, דערווייטערט זיך, קערט זיך אום טראָגט מיט זיך דעם שרעקלעכן געוויר.

— פאר וואָס וואשט מען אים ניט אָפּ?

— ארומוואשן? ווער?

— זי.

דער אלטער שווייגט א דערשטוינטער. דערשטוינט פון פשטות, מיט וועלכער נפשל לייזט דעם ענין.

זי האָט אים ארומגעוואשן, געריייניקט דאָס הילצערנע בעט פון וואנצן, ריין געמאכט די פּאָדלאָגע. אויף מאָרגן האָט מען דעם בחור געפונען א טויטן. ניט געקאָנט, ווייזט אויס, שטארבן אין שמוץ, ניט גע־וואָלט א פּנים זיך אומקערן צו די עלטערן ווי נאַר, אין א כאַטש פון ווייטנס, ענלעכער לאגע צו דער, אין וועלכער זיי האָבן אים פארלאזט.

— ווער איז ער געווען?

— היינט איז די לוויה, היינט איז מען אים מקבר, זאָל זיין געשיכטע אראָפּנידערן מיט אים אין קבר.

אורי! אואוייאל, אואוויי.

„איז נישט אפשר פארשווינדן דאָס צונעמעניש צוזאמען מיט דעם בח.ר, אָדער איז עס גאַר אוועק פון שטוב צוזאמען מיט מרימען?

מריב, זיין גרעסטע שוועסטער, רופט אים נאָך צו מאָל נפשל מיט א געוויסער איראָניע און גדלות, ווייל אויך זי העגט האָפענונגען, צי אפשר פשוט דערפאר, ווייל א קאַפּיטל ענדיקט זיך ניט ראפּטום.

— אואוררריי!

— יאָ, מאמע, איך קום!

נפשל רירט זיך ניט, ס'דאכט זיך אים אז פריער מוז ער זיך נאָך א מאָל איבערדערציילן א חזיון, ווייל נאָך אָט דעם שפאן וועט ער פארשווינדן אויף אייביק. יעדע נאכט קומט צו אים צו גאסט גאָט. דאָס געשעט זייט דעם ווען זיין עלטערער ברודער איז געשטאָרבן. ער קומט א שווייגנדיקער, זעצט זיך נעבן בעט אויף דער ערד, טערקיש, מיט די פיס אונטער זיך. נפשל גיט זיך א ריר צו דער וואנט, מאכט אים פּלאץ ער זאָל זיך זעצן, שמייכלט גאָט טרויעריק און זאָגט:

— מיינע באשעפענישן שטארבן, זיץ איך שבעה.

— פאר וואס האָסטו זיי ניט באשאפן אומשטערבלעכע?

— כ'האָב ווייזט אויס, ניט געקאָנט — ענטפערט גאָט מיט לייכטן חוזק און נפשלען דאכט זיך, אז ער חוזקט איבער זיין שוואכער השגה.

— אוי אלמעכטיקער.

— ס'איז א ליגן.

— און דו האָסט זיי באשאפן?

— ניין. דאָס ניט. וואָס, זשע, ב׳צווייפלט? מ׳לייקנט אפשר? — פרעגט גאָט א דערשיטערטער. נפשל ענטפערט ניט. א גאסט דארף מען שאנעווען, זאָגט ער אים ניט אז אויך ער צווייפלט. זינגט דעם ברודערס טויט צווייפלט ער.

— אז איך בין אלמעכטיק איז טאקע א ליגן, דערקלערט גאָט נפשלען, בסוד. אויף צו באשאפן דארף מען ניט זיין אלמעכטיק. אויף צו מאכן אומשטערבלעך, יאָ...

דאָס איז דער אָנהויב. גאָט פארשווינדט און עס באווייזן זיך די שווארצע קאפּאָטעס.

...שווארצע סאַמעטענע קאפּעליושן איבער שווארצע שמוציק-גלאנ-ציקע יארמעלקעס, שווארצע, זיידענע גארטלען איבער שווארצע זשיפּע-צעס. צו דריט זענען זיי א בית־דין. ווייסע בלייכע פּנימער, שווארצע ליכט, ווי אין חרם ארייננצולייגן אָדער א דיבוק ארויסצוטרייבן. בויגן זיי זיך אלע דריי, ווי צום כורעים פאלן.

מיט א טאָג פריער האָט דער טאטע א ברום געטאָן: „מאָרגן פאָרן מיר“. נפשל האָט ניט געפרעגט ווען און וואוהין. פאָרן איז תמיד א פארגעניגן. דאָס וואָס ער ברומט איז ווייל אזא איז ער. ער האָט מורא. פאר אלץ און פאר אלעמען האָט דער טאטע מורא. שרעקט אים, ווייזט אויס, אויך די מאָרגנדיקע נסיעה. כאָטש ס׳איז צו פרי אז נסיעות זאָלן אים שרעקן.

שפּעטער ווען ער וועט זיך אומקערן פון לאגער און א באהאָריק-טע חברה וועט ביי אים אוועק נעמען דעם אלטן ראָסקאָפּ, אָפּרייסן, אויספּליקן א שטיק באָרד, אראָפּווארפן פון וואגאָן, וועט די מורא זיין א בארעכטיקטע. אָבער אצינד? ווייזט אויס אז די מורא שטאמט נאָך פון יענער צייט ווען סענדער איז געווען א דאָרפס-שוחט און גייענדיק פון איין דאָרף אין צווייטן (ער דערמאָנט זיך אז דאָס איז געשען אין דער צייט פון סלאָבאָדע) האָבן אים באגעגנט א מנין פארשוויצטע פּויע-רים מיט גרויע פּעלצן. האָבן זיי אָנגעוואָרפן די פּעלצן אויף זיינע פּליי-צעס, ער זאָל זיי טראָגן ביז דעם נאָענטן וואלד, און דאָרט וועט מען זען. זיי האָבן זיך באטראכט מאכן אן אומוועג איבער א שכנותדיק דאָרף. דער דאָרפס גלח איז גראָד געשטאנען אויף דעם גאנעק, דער-קענט אונטער די פּעלצן סענדערן, א שפּרונג געטאָן און געראטעוועט·

מעגלעך אז דעמלט האָט די גרויסע מורא געשלאָגן, אין סענדערן, וואַרצלען.

...שפּעט אין דער נאַכט איז געקומען די שוועגערין א צווייט מאָל מידע. מיד פון לאַנגן ארבעטס-טאָג אין פאבריק און מיד פון פּאַרעכטס, ווייל אין דער נסיעה האָט זי פארנומען דאָס צווייטע צי אפשר גאר דאָס ערשטע פּלאַץ. איצט שטייען זיי אין שווארצע קאַפּטנס. שווארצע יאר-מעלקעס, אלע דריי געבויגענע, די גראָבע פינגער פארשטעקט אין די גארטלען און באַטראַכטן דעם באַרוועסן פוס.

אַנטקעגן ווייסלט זיך אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, א לאַנגע שמאָלע ברעט. ס'איז די טהרה-ברעט. מ'האָט זי ניט געבראַכט וועגן מטהר צו זיין א מת, געבראַכט האָט מען זי וועגן נפשלען. אזוי ווי זי שטייט אָנגעשפּאַרט אין וואַנט, זעט זי אויס ווי יעקוב־מרדכי אין שוויץ באָד, נאָך דעם וואָס דער בעדער וואַרפט אריין א פּאָר שעפלעך קאַלט וואַסער אין אָנגעהיצטן אויוון: א לאַנגער, א דארער, און א קאָפּ, ווייל דער קאָפּ איז איינגעהילט אין געדיכטן פּארע וואָלקן.

— האָ? — פרעגט דער וואָס אין מיטן.

— בע, — ענטפערט דער פון רעכטס.

קוקט מען ווייטער. וואָס מער זיי קוקן ווערט דער פוס ווייסער, זעט אויס ווי א שוואַן, וואָס ראַנגלט זיך מיטן טויט. פון זיין ווייסקייט שפּארט א קעלט, דרינגט אין די אָדערן, פליסט צום האַרץ, צום קאָפּ, צו די האָר. גיט דער פוס א צאַפּל, הייבן אלע דריי די קעפּ, גלייכן אויס די פּלייצעס, פאַראַנקערן פעסטער די גראָבע פינגער אין די גאַר־טלען, קוקן אויף דעם בחור און וואונדערן זיך איבער זיין ווייסקייט.

— ער פילט זיך דאַכט זיך נישט אמבעסטן, — זאָגט אומרואיק סענדער.

— קאָן מען אָפּלייגן, — מיינט דער מיטלסטער און דרייט דעם קאָפּ איין מאָל רעכטס און איין מאָל לינקס. ער וואַרט אויף א הסכמה מצד זיינע העלפערס. שווייגן זיי ביידע. כל זמן ער האָט ניט געזאָגט בפירוש יאָ, אָדער ניין איז דאָך נישטאָ אויף וואָס צו געבן די הסכמה. שווייגט מען.

אין דער צייט וואָס זיי קוקן ניט אויפן פוס פליסט ניט מער די קעלט דורך די אָדערן, ס'פליסט הייס בלוט און נפשלס פּנים באַקומט ווידער פארבן.

— כ'מיין אז אָפּלייגן דארף מען ניט, — זאָגט סענדער.

— אוודאי דארף מען ניט, — זאָגט די שוועגערין מיט א הייזע-ריק כמעט מענעריש קול. דעם ברודערס געזיכט וואקסט פון דער טונקל רויטער פּאָדלאָגע. זי, די שוועגערין זעט דאָס ניט. דערלויבט ער זיך א וואונק טאָן מיט איין אויג נפשלען.

„ס'איז א שפּיל אזא" הערט נפשל. ס'איז זיין ברודערס קול, און דאָך אן אנדערס, אזא וואָס געהערט צום שפּיל, אן איינטאָניקס, א שרעקלעכס. אויפן פּנים טראָגט דער ברודער א גרימאסע, א קאלטע, א פארפרוירענע.

די דריי בייגן זיך ווידער איבער דעם באָרוועסן פוס.

— דערוויטער דעם גראָבן פינגער!

נפשל ווייסט ניט צי דאָס האָט געזאָגט דער פון לינקס, צי דער פון רעכטס, ביי אים א נאטור-פעלער אזא, דאָס קול קומט פון דער פארקערטער זייט. ער דערוויטערט דעם פינגער זעט ער אויס ווי א קעפּל פון א הון. ער גיט דאָס א שאָקל אראָפּ און ארויף איז עס א לעבעדיקס.

— גענוג!

נפשל פּרואווט צוריקציען דעם פוס, אים אריינשטעקן אין שוך ווייל די קעלט איז געוואָרן ניט צום אויסהאלטן, שרייען אלע דריי אויף א מאָל: „ניטע, חס וחלילה!" בלייבט דער פוס ווייטער הענגען אין דער לופט.

— אצינד דעם מיטלסטן.

די פרוי וואָס האָט געוואשן דעם פוס, שטעלט אוועק דעם וואסער-קרוג אין א זייט, שלעפּט פון פארטעך-קעשענע א ווייסן האנטעך, פירט דורך מיט באזונדערער כוונה דעם שפּיץ צווישן די פינגער, טראָגט אים אונטער מיט פאָרכטיקייט דעם דרייפאכן בליק.

— נו? — הערט זיך קלאָר דעם מיטלסטנס קול. די אנדערע צוויי שאָקלען צו מיט די קעפּ. דרייט ער זיך אויס צו סענדערן, פּרואווט איבערקערן די אויגן צום הימל באטראכט זיך און זאָגט: — וועט איר הייסט עס קומען מאָרגן אין דער פרי.

— וואָזשע דען, — גיט סענדער א וואָרקע, — אוודאי וועלן מיר קומען.

„דאָס שפּיל האָט זיך נאָך, הייסט עס, ניט געענדיקט". טראכט נפשל און ווי אויף צו באשטעטיקן שלעפּט די פרוי פון דעם זעלבן

פאַרטעך-קעשענע א ווייס שטיקל לייוונט, וויקלט עס אַרום דעם באַר-וועסן פוס, הייסט אַרויפציִען, אָנטון דעם זאָק...

— טאַטע, צו וואָס דאַרף מען דאָס? — פרעגט נפשל אין וועג צו דער אכסניא.

— אוי, — ענטפערט סענדער מיט א האַלבן זיפץ. דער זיפץ איז ווייזט אויס א האַלבער דערפאַר ווייל די העלפט פון שפיל איז מען איבערגעקומען.

— די פרנסה זיינע, — זאָגט די שוועגערן, — און עס קלינגט מיט שנאה.

„שנאה גאָר?" פרעגט סענדער דאָס פינצטערניש. ער מיינט אַז דאָס פינצטערניש וועט אים ענטפערן, שווייגט עס פונקט ווי די שוועגע-רין וועלכע שפּאַנט ווי א שאָטן.

אויף מאָרגן האָבן זיי ווידער באַטראַכט דעם פוס, צו ערשט אַן איינגעהילטן, דערנאָך א נאַקעטן. דאָס מאָל האָט [עס באמת אויסגעזען ווי א משונהדיקער שפּיל. קיין ליכט האָבן ניט געברענט. דער מנין יידן איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון שניידערס, שיסטערס, בלעכערס פון דער גרויסער גאַס, אַלץ אַזעלכע ביי וועלכע די קונים אַנטלויפן ניט, וועלכע דער מאַרק איילט ניט, מענטשן וואָס קומען אין בית המדרש אפשר צו א קדיש, אפשר צו א יאָרצייט, היינט איז דער טרוד א גרע-סערער, חליצה איז ניט קיין אָפטע געשעעניש, וועט זיין וואָס צו דער-ציילן. דער טאָג איז א זוניקער, זענען די קאַפּאָטעס אָפּגעריבענער, די יאַרמעלקעס פאַרשמאַלצעוועטער און די יידענע וועלכע שטייט אויף דער טיר וואָס פירט צום רבס אָדער דיינס וואוינונג א געקנייטשטערע.

נפשל שטייט אויף איין פוס אָנגעלענט צו דער גרויער וואַנט, אָנגעשפּאַרט אין טהרה-ברעט, אויפן באָרוועסן פוס, דעם לינקן, טוט מען אים אָן א רוימישן סאַנדאַל, די לאַנגע רציעות וויקלט מיט גרויס כוונה איינער פון די זייטיקע; די האַנט ציטערט אים, ער איז ווייזט אויס ניט זיכער וויפל מאָל מ'דאַרף וויקלען די רציעות, דער רב העלפט אים אונטער-זאָגנדיק פון אַן אָפן ספר. „מעגלעך, פאַלט איין נפשלען, אַז דער דיין קען ניט לייענען, אַז שאלות פסקעט ער ווי עס קומט אויס: צוויי מאָל טריפה און איין מאָל כשר. דערפאַר איז זיין קאַפּטן אַזאַ אָפּגעריבענער, מ'מיידט אים א פנים אויס".

און די שוועגערין? איר טוט באַנג דער „יאָ" וועלכן זי האָט געזאָגט מיט א פּאָר טעג צוריק. וואָס האָט זי אייגנטלעך געצוואונ-

געֶן צו דעם „יאָ?" מיט דער משפּחה האָט זי אַזוי פֿיל, ווי כמעט גאָר־ניט. ער איז געשטאָרבן, ער האָט שוין מיט זיי אויך גאָרניט. ער ליגט אונטער דעם שטיין אויף וועלכן סענדער, וואָס שטייט דאָ א דערשלאָגענער האָט געהייסן קריצן, ווער ווייסט נאָר וואָס די ווערטער „מתוקה שנת העובד", גלייך ווי דאָרט אויפן בית עולם וואָלטן ניט שלאָפן אַלע דעם זעלבן שלאָף.

...איצט בעט מען זי: „שפּיי, שפּיי!" און איר מויל איז טרוקן, די צונג א פאַרדאַרטע און שפּייען קאָן זי ניט, כאָטש זי וואָלט גע־וואָלט א שפּיי טאָן אַזוי אַז אַלע זאָלן זיך צעלויפן אַהין וואו דער רוח זאָגט א גוטע נאַכט, ס'זאָל נעמען אן ענדע דאָס שפּיל פון וועלכן ס'־הענגט ניט אָפּ ניט איר גליק און ניט איר רו, נאָר גאָר זיין, סענדערס פּרנסה, ווייל די פּני פון שטעטל רעדן. דערפאַר האָט מען דאָך מער ניט געקאָנט אויסמיידן די חליצה, און דערפאַר האָט ער זי געבעטן ניט מיט זיין קול, נאָר מיטן קול פון פּרנסה וואָס האָט געקלונגען אַזוי יידישלעך, אַז ס'האָט געדאַכט צו זיין דאָס קול פון זון וואָס אין קבר און זי האָט געזאָגט „יאָ", ניט פאַרשטעלנדיק זיך אַז צווישן ווילד־פרעמדע וועט דאָס מויל טריקענען און די צונג דאַרן נאָך מער ווי צווישן באַקאַנטע און איצט טוט איר באַנג, און ס'איז צו שפּעט, און ס'איז איר א בושה, און פון זיך איז ניטאָ וואוהין צו לויפן, און ער דאָס פּערצניעריקע נפשל שטייט א צעחושטער, און די איינעכטיקע געפילן צום קליינעם ברידערל זענען נאָך ניט אויסגעלאָשן...

...אפשר האָט ער דעמלט א שפּאַן געטאָן אין דער נייער וועלט מיט קלאָרע פינצטערע נעמען?

— אירי, אוואוררריי...

— יאָ מאַמע, כ'קום.

דאָס מאָל האָט ער זיך געריוט פון פלאַץ גלייך ווי צום אַנטלויפן פון א קאַשמאַר, צו זיין נאָמען טראַכט ער ניט מער, פון נפשלען מוז מען זיך צעטיילן. א נישט געוויינטלעך ברייטער איז געווען דער ער־שטער שפּאַן מיט וועלכן ער האָט זיך א לאָז געטאָן צום גאַנעק פון וואַנען די מוטער האָט גערופן, א שפּאַן גלייך ווי ער וואָלט אַריבער־געטראָטן א גרענעץ, א באַריער וואָס האָט זיך אויפגעהויבן צווישן דעם וואָס איז געווען אין דעם וואָס וועט זיין. ער האָט א לעצט מאָל א זוך געטאָן די שכינה, האָט זי פאַרהויכט מיט א לייכט דורכזיכטיק נעפּל

דאָס וואָס ס'איז געווען, עס געלאָזט אַראָפּנידערן אין טאָל און אים אויף דעם ברעג, אַ נאַקעטן. אין נעפּל האָבן געפינקלט שטערנדלעך — פון אַ ניט געניטער האַנט פארשפרייטע זאָמען.

...„פון דאָרט קאָן קומען נישט מער ווי אַ שמייכל". דער געדאַנק האָט אויפגעטויכט אַ סך שפּעטער.

איצט ווען די צייטן האָבן זיך איבערגעשיכטעט, דאַכט זיך אים אַז דאָס איז געשען דעמלט, ווייל אויך דער ממשותדיקער טאָל, דער וואָס ליגט ביי די פיס פון יענער געגנטס העכסטן באַרגשפּיץ, זעט אויס ווי אַ חלום. געוואַכט האָט ער איבער דער באַוואָפנט שלאָפנדיקער חברה, אליין שוועבנדיק איבער דעם טאָל וואָס ליגט צו כוסנס פונעם טשאַכלעאו*. געווען איז עס אין דעם זיבנטן טאָג...

דעם זעכצנטן טאָג אונטערוועגס, אָנגעזאָטלטע מיט שווער געפּעק — געווער און מוניציע, צוקער און שפּרענגשטאָף, מידקייט פון אָרום און שווייס פון אינעווייניק — באַרג אַרויף באַרג אַראָפּ, אויסמיידנדיק דערפער און שליאַכן, קריכנדיק טיף אין וועלדער. ניט אַרויסרייסן זיך פון קעסל דאַרפן זיי נאָר אַריינדרינגען טיפער און טיפער, פירן מלחמה אויף אייגענער האַנט. ווייט אַרונטער זענען געבליבן דייטשע, אונגאַרישע און רומענישע אַרמייען מיט קוילנוואַרפערס און קאַנאָנען, און פאַר זיי וואַקסט דער באַרג, אַ ריזיקער, אויף זיין שפּיץ אַ פאַרלאָזט טוריסטןשטיבל. דער באַרג האָט זיך דערפרייט, באַגעגנט אויף זיין אופן יום־טובדיק. שוואַרצע כמאַרעס שלעפּן זיך צווישן סקאַלעס, אַ שרעקלעכער ווינט וואָיעט און רייסט די פּאַלעס פון שינעלן, רייסט די ווערטער פון ליפּן. הילט איעדן באַזונדער אין פינצטערניש. אין ליכט פון בליץ ווערט די אַליינקייט נאָך אָנגעהויערער, עס דונערט אָן אויפהער און דער רעגן שמייסט אָן אייזיקער, וואַשט די סטעזשקעס, בייגט די בוימער, ברויזט און שאַלט, קאַטשעט זיך פון שפּיצבאַרג ביז ער אַנטפּלעקט אַ טיפן בלויען הימל איבער דעם קאָכנדיקן טאָל. נעמען זיי ביי די פּאַסטוכער אַ שאָף, זענען זי מקריב ביים אַריינגאַנג פון הייזל, צעטיילן אויף שטיקער, וואַרפן זיי אויף דעם טליענדיקן פליטע־אייזן. רייסן מיט די ציין ניט געזאַלצן האַלב רוי פלייש און שלאָפן איין געזעטיקטע ווי אַמאָל די מרגלים.

---

* אַ באַרגשפּיץ אין די רומענישע קאַרפּאַטן.

נאָר אורי וואַכט.

וואכט ביז זון אונטערגאנג און שפעטער אין דער נאכט צווישן צוויי הימלען, איינער א בלויער מיט ליכטיקע שטערן צו פוסנס פון בארג און איינער א גראָער איבער דעם בארג, פינקלען דורך דעם נעפל פון א ניט געניטער האנט צעוואָרפענע ליכטלעך, ווינקען זיך איבער מיט די אנדערע ווי קינדער טרערן גרויסע — פויערישע כאטעס שמועסן אין דער נאכט מיט בלאַנדזשענדיקע שטערן וועגן אומענדלעכקייט און אייביקייט, צי גאָר וועגן די שליחים וו ס האָבן זיך באוויזן אין שטורעם. זיי ווילן וויסן אין וואָס באשטייט זייער שליחות.

אורי וואכט ווייל ער מיינט אז אין מלחמה־צייטן טראָגט די נאכט אין זיך נישט נאָר ראט, נאָר אויך געפאר, צי אפשר גאָר דערפאר, ווייל דעמלט ווען אים האָט זיך געדאכט אז ער שטייט אויפן אָפגרונט פון בארג א נאקעטער, אָן אויסגעטועטער פון אלץ, וואָס ער איז געווען ביז יענעם טאָג ווען די מאמע האָט געשריגן: „אואורי“ האָט ער זיך טועה געווען. נישט באמערקט אז אין זיין קערפער איז געבליבן שטעקן א דאָרן, וואָס שפרייט אָן אויפהער דעם גיפט פון אומרו. זאָל אויך דער טאטע זיך געווען ראנגלען דאָס גאנצע לעבן זיינס מיט אָט דעם גיפט כדי צו דערווייזן זיך אליין אז ער האָט אים באוועלטיקט? צי אפשר האָט גאָר אָן אומרו־זאָמען, א געטראָגענער פון א פאפאדיע־(טעראקסאקום אָפיטשינאלע)־קנויל זיך פארגנבעט פארביי מזוזות און צעהאָנגענע קבלה-שפרוכן ביז צום קימפעט־בעט און ארייגעדרונגען אין רויען קערפערל? דערפאר האָט אפשר אויסגעזען דער וועג צום ברונעם וואָס ניט ווייט פון שטיבל, ווי א בלאָנדזשעניש אין וואַלד וואו פון הינטער יעדן בוים לויערט א וואָלף, יעדער שאַרך איז טריט פון שד, און יעדע צווייג אויסגעשטרעקטע ביינערדיקע פינגער און דאָס נאָר ווען מ׳איז איינער אליין, ווייל ווי נאָר עס באווייזן זיך די איבע־ריקע ווערט דער וועג ווי דורך כישוף אָן אלייע מיט שמעקנדיקע בלו־מען א ן בלייבט אין זכרון א טאָפלטיקער?

דערפאר איז דער רויטער אָפשיין אויף א שויב, שייטערהויפנס פון ברענענדיקע צלמים און לוחות אויף א טייך-איבערפלאך פון וועלכן עס גיסט זיך צעשמאָלצענער בליי איבער לעבעדיקע בר־מינגס? דערפאר זאָלן די לויערער פון יענער זייט ביַנצטערן הויף געווען שיסן מיט

וואסער-קוילן ווען ער פלעגט אהיים קומען מיט באגלייטער — און מיט שטאָלענע קוילן ווען ער פלעגט זיין אליין, ביז די שוועגערין האָט פארשטאנען דעם זין פון ציטערדיקע טריט אויף דער טונקעלער זייט פון גאנעק און אים געטריבן אומרחמנותדיק א וויינענדיקן און פארשעמטן אין דער פינצטערניש, העט, דעט אין טיפעניש פון אין דער נאכט מיילן לאנגן הויף.

...יאָ מאמע, כ׳קום!

געמאכט אן אומגעוויינלעכן ברייטן שפאן, גלייך ווי ער וואָלט געוועז אריבערגעטראָטן א גרענעץ, אָבער דעם אומרו האָט ער מיטגענומען מיט זיך, אים טראָגן איבער קאָנטינענטן, דורך פראָנט-טראנשייען, אין וועלדער, אויף רוישיקע און שטילע געסלעך אין אָרטאָדאָקסישן גלויבן און אפיקורסישער ליכטיקייט.

*1971*

# זומערשפּרענקעלעך און בלוטסטראָפּן

## פאָר געזונט

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דריטער שוועל פון טרעפּ, וואָס פירט אין גרויסן צוויי-הונדערט-דריי-פּערזאָניגן-אוויאָן. פון ווייטנסשן זעט עס אויס אַן אומגעהויערער, קורץ באַפּליגלטער בויך, אָן אָנגעצייכנ-טער מיט דריי אותיות און פיר ציפערן, פון וועלכע צוויי נולן, וואָס שלינגט איין די לאַנגע שורה אין איין רייע שטייענדיקע מענטשן. אָט באַלד וועט מען פאַרקלאַפּן די טיר, און ס'וועט בלייבן ניט מער ווי א מיט קליינינקע פענצטערלעך באַפּינטלטער ריז, וואָס וויל אויסזען ווי א פויגל, און זעט אויס ווי א פיש. יונה'ס לויתן. אין אָט דעם בויך וועט אויך זי אָפּפליען פון דער היים אויף א לענגער צייט, אָדער גאָר אויף אייביק, ווארפט עס אַן א מורא, אָדער נאָר א פריקרעקייט. עפּעס רייסט זיך אָפּ, און ס'בלייבט א שרעקלעכע ליידיקייט.

אָט איז זי שוין נאָענט צו דער לייטער, זי האָט זי באַטרעטן און ביים דריטן שטאַפּל שטיין געבליבן, זיך פאַמעלעך אויסגעדרייט און קוקט צוריק

וואוהין קוקט זי די קליינינקע? וועמען זוכט זי? ווייזט אויס, אַז די הינטער זיך געלאָזטע איין-און-דרייסיק יאָר. זעט זי דורך א טומאַן דעם מאַן, מיט וועלכן זי האָט זיך אָפּגעגט מיט פיר יאָר צוריק? „אפילו קיין קוש בין איך ביי אים מער ניט ווערט געווען? אזוי פיל יאָרן פאַר-בראַכט צוזאַמען!“

באַדלט זיך אין טומאַן א מיידעלע מיט א קאַטשקעלע, לויפט מיט לאַנגע צעפּעלעך און א פאַרריסן נעזל. רינט א טרער פון אויג און שטעלט זיך אָפּ אין ווינקל אויגן-לעפּלעך, דאָרט וואו זיי באַגעגענען זיך מיטן נעזל, וואָס איז געבליבן א קליינס און פאַרריסנס. פינקלט די טרער אין אויגן-ווינקל, שפּיגלען זיך אין איר צוויי יאָר פאַרבראַכטע אין ווילדן משוגעת, אין ליבע וואָס ווייסט ניט פון אָנהויב און סוף, פון

נעכטן און מאָרגן, נאָר פון אײנציקן הײנט, וואָס לעבט זיך אויס אין א רגע.

טוט זי א זוך.

ווער ווייסט צי זי האָט דערזען דאָס וואָס זי זוכט, אָדער נאָר דעם שאָטן פון יענע צוויי יאָר? באווייזט זיך א שמייכל, און אין דער גרויסער מוטנער טרער א שטראלעכל. אין איין־און־פערציק אָדער אכט און־דרייסיק יאָר איין און איינציק קיין שטראלעכל.

פינקלט עס זילבערן.

א טראָפּן זיס אין א ביטערן זאָרג.

א דאנק דיר פאר דעם טראָפּן.

א דאנק פארן שטראלעכל... פאר געזונט.

(ט׳ מרחשון תשל״ו).

## משהלע

הייסט עס אזוי גאָר! לעסטי, הייסט עס, לעגענדע מיינע, אזש העט ווייט, צווישן פרעסט און שנייען. געדענקסטו, ווי אזוי דו ביזט געוואָרן גיין לעגענדע? פרעסט זאָן געקילט אין שנייען פארשיט. אפשר וועט זי קומענדיק צו דיר, דיך ווידער דערוואַרעמען.

גערופן האָט מען דיך משהלע, ווייל א קליינינקער און דארינקער. קלענער און שמאָלער פון דער ביקס, וואָס האָסט געפרואווט טראָגן אויפן אקסל און זיך בײ יעדן טריט אין איר פארטשעפּעט. געלאָפן נאָך דער ביקס ביסטו איבער זיבן גרענעצן, זיבן בערג־קייטן און זיבן ימים. אזוי ביז זיבן מאָל זיבן, ביז פון ליגן איז געוואָרן אן אמת. (צי שטאמט ניט פון ליגן לעגענדע?).

— פון וואנען קומסטו, משהלע?

— כ׳ווייס ניט. אפשר בין איך ניט געקומען. אפשר בין איך א דאָ געבוירענער.

— שוין איבער פיר הונדערט יאָר, אז דאָ זענען קיין יידן מער ניט געבוירן געוואָרן. זינט דער אינקוויזיציע, משהלע.

דו האָסט געענטפערט מיט א סודותפולן, צי מיט א חוזק־שמייכל, ווי איינער רעדט: וואָס ווייסטו? וואָס קאָן מען אין אלגעמיין וויסן?

— וויפל ביסטו אלט, משהלע?

— איינציקע זאָגן יאָרטויזנטער, איך ווייס, אז בערך פינף־און־צוואנציק.

— פאר וואָס בערד?
— פינקטלעך האָט מיר ניט געהאט ווער צו זאָגן.
— אויב אזוי ווייס איך, פון וואנען דו ביסט. דאָס האָט מען דיך ארויסגעצויגן פון ברונעם, א קוים אָטעמענדיקן, צוריק מיט צוויי און צוואנציק יאָר.
— אפשר.
אזוי האָב איך דיר אָנגעוואָרפן די אמתע געשיכטע פון ייִנגעלע, וואָס איז געלאָפן צוזאמען מיט די עלטערן פון פעטליורעס, אָדער פון די היידאמאקעס. די קאָנטראבאנדיסטן האָבן צוגענומען פון די בעבעכעס די פּאָר געלע לייכטער — געמיינט זיי זענען גילדענע, ווייל יידן מוזן האָבן גאָלד — לעפל און גאָפּלען און דאָס פסחדיקע כוס, ביי דער מאמען און טאטן דאָס לעבן און דאָס ייִנגעלע האָבן זיי געוואָרפן אין פעלד-ברונעם. האָט מען די עלטערן געבראכט צו קבר ישראל — צוויי בר-מנגס אין מיטן פעלד קאָנען זיין נאָר יידישע, נאָר יידן לויפן פון פעטליו-רעס — און דאָס קינד אָפּגעגעבן צו א יידישער משפּחה מ׳זאָל דאָס אויפכאָוען.
— דאָס ביסטו, משהלע.
האָסטו געענטפערט מיט דעם זעלבן סודותפולן, אָדער חוזק-שמייכל, און דערמיט געמאכט פון אן אמתער געשיכטע א לעבעדיקע לעגענדע. היינט האָב איך זיך דערוואוסט אז דו לעבסט דאָרט וואו די פּרעסט האַלטן אויף דעם שניי ניין חדשים אין יאָר און האָסט ווייזט אויס, פארגעסן, אז ביסט א לעבעדיקע לעגענדע.
ווען דיך מיינע אותיות אין דעם דערמאָנען? וועלן זיי צו דיר דערגיין?
טיאָכקעט דאָס הארץ א רגע...
און נאָך א רגע.

## אויף צוויי חתונות

רבי אלטערל איז אוועק, רבי משה-מרדכי איז אוועק, דער רבי ר׳ מענדעלע איז אוועק, דער רבי ר׳ דודל איז אוועק... אויך ריווא איז אוועק.
וואָס זשע איז געבליבן?

געבליבן איז דאָס מעשהלע. געבליבן איז די מינוט, ווען...

שמחת תורה גייען אלע יידן אין שיל אריין. קינד און קייט. אזוי איבעראל אזוי אויך ביי אונדז. אזוי אמאָל... ניט מער אזוי היינט.

איז דאָס אָבער געשען אמאָל מיט אן אָפּקלאנג אין היינט.

רבי אלטערל, רבי משה־מרדכי, דער רבי ר׳ דודל און דער רבי ר׳ מענדעלע זענען געווען דאָס וואָס זיי זענען געווען. ווער ווייסט ניט? כמעט אלע ווייסן. דער וואָס ווייסט פון א בית-המדרש און פון א רבניש שטעטל, ווייסט אויך דאָס. אָבער וועגן ריוואן מוז מען זאָגן שלשה דברים. ניט צו שלש סעודות, נאר טאקע דאָ און טאקע שוין.

געווען א שטעטל קעשענעוו, וואָס אין כרך קעשענעוו, דאָס הייסט אויף דער אלטער בריק וואָס האָט געפירט זיין אייגן לעבן מיט האָרעפּאָש-ניקעס וועלכע מ׳האָט אויך גערופן בכלל נחית־דרגהס, און וואָס זענען צו יענער צייט באשטאנען פון העקערס, שניידער, בלעכער, טרעגער, בינדיזשניקעס אדער קאָטיוגארעס, קעשענע-גנבים און אמתע גנבים וואוי-לעיינגען. האָבן האָרעפּאָשניקעס און נחית-דרגהס געארבעט, און באלעבאָ-טים האָבן געהאָט פּרנסה. טרעפט זיך א שטרייק, זוכט מען ווי געוויינטלעך שטרייק־ברעכער. ווער זאָל ברעכן דעם שטרייק? געפינט מען א פּאָר גבי-רישע זינדעלעך — פון יענע וואָס האָבן פּרעטענזיעס אז זיי גיבן זיך אָפּ מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט — וועלכע זענען גרייט זיך מאכן א פּאָר טעג, אז זיי ארבעטן. האָבן זיי דאָך מורא פאר האָרעפּאשנע שווערע פויס-טן, וועט זיי שיצן א באנדע גנבים. מ׳וועט שוין אויסגעפינען. האָט מען אויסגעפונען. וואָס בלייבט צו טאָן? שיקט מען ריוואן רעדן מיט חיים גנב דעם הויפּט פון דער באנדע.

„איר זענט שכנים".

האָט זי גערעדט. ווי עס רעדן צווישן זיך שכנים. די באנדע האָט די גבירישע זינדלעך ניט געהיט, און חיים האָט נאָך אזא מאיש-לרעהודיקן שמועס פארשטאנען, אז ריווא וואלט אים געקענט ליב באקומען. ריווא האָט געזוכט א מקום-מקלט, א וועלט ווינקעלע, און דאָס געפינען ביי אונדז אין שטעטל וואו א חוץ רבי אלטערן, רבי משה מרדכין, דעם רבי רבי מענדעלען, און דעם רבי ר׳ דודלען איז געווען א פאבריק.

שמחת תורה, ווען קינד און קייט גייט אין שיל אריין איז אויך ריווא געגאנגען. געזען ווי קינד און קייט טאנצט ארום, און מיט דער תורה, און גאָרניט געזען. אזוי פירט זיך, איז זאָל זיך דאָס פירן. פלוצים האָט זי אויך מיך דערזען און מער דעם בליק ניט אראָפּגענומען פון יינגעלע

וואָס קומט אזוי אָכט אין די קולטור קרייזן פון דער פאַרגעטריטענער וועלט. האָט איר בליק געצויגן ווי די ציין פון ראָד וואָס כאַפּן אָן ביי דער פּאָלע, לאָזן ניט אָפּ, שלעפּן מיט דעם גוף און צעדרויבלען אָן רחמנות.

— ריווא, וואָס איז געשען?

— מיט איין דאָס אויף צוויי חתונות טאנצט מען ניט.

האָב איך זיך געדרויטלט, געשוויצט ערגער ווי אויף דער דריטער באַנק אין שוויץ־באָד, שווער געאָטעמט און פאַר בושה געוואָלט די ערד זאָל איינשלינגען. די ערד האָט ניט איינגעשלונגען. (א דאַנק דיר ערד, וואָס שלינגסט ניט איין שטענדיק). זי האָט ניט מער ווי מיך אוועקגעזעצט אויף אָן איינרעלסיקן וועג. און איך האָב א זייער לאַנגע צייט געבענקט, געוואָלט איבערצייגט, אז כי טוב, אז ס׳איז גוט אזוי.

וואָס מיינט איר? ס׳איז טאַקע גוט אזוי? איר האָט אויך ניט באַמערקט אז רעלסן צווייען, דרייען און פירן זיך?

## די זינד פון יענער נאַכט

ס׳ליאַפּעט א רעגן, דער הימל גיסט שמוציקע שטראָמען אין דער מוטנער הארבסט־נאַכט. בלאָזט זיך די נאַכט ווי א דערטראָנקן פערד, די צעשטאַרצטע קאַפּעטעס שפּאַרן אָן ביז די רעדער פון גרויסן וואָגן. אויף יענער זייט כמארעס, גלאַנצן זיי ווי שטערן. פיר יינגלעך און איין מיידל — דריי האלטן אז זי איז א שיינע, איינער אז זי איז קלוג — זיצן אין א ליכטיק צימערל, שפּילן ניט אין קאָרטן, זינגען ניט קיין לידלעך, טרינקען ניט קיין בראָנפן, הערן ניט קיין מוזיק אזוי ווי ס׳איז דער שטייגער, ווען פיר יינגלעך געפינען זיך אין צימערל פון א שיין און קלוג מיידל. ניין, זיי האָבן — מיינען זיי — עפּעס בעסערס צו טאָן. זיי קערן איבער די וועלט.

ווילן זיי וויסן, וואָס ס׳איז וואָר און וואָס ס׳איז ליגן? פאַרוואָנדלען זיך ניט צו מאָל, דער אמת און דער שקר, אין זייער אייגענעם היפּוך?

אזוי קערן זיי וועלטן, בעת דער שמוציקער רעגן פאַרפלייצט די נאַכט, און זי, די נאַכט, שלעפּט נאָך זיך די צייט און די צייט, זעט אויס, איז קיינעמס ניט.

ליאַפּעט דער רעגן, דער הימל גיסט מיט עמערס, ווייקט די ערד און אויף דער מאַמעס וועג ווערט די בלאָטע טיפער און טיפער, דאָס שאלעכל נאַסער און נאַסער. א צייט, ניט א הונט ארויסצולאָזן...

זי האָט דערפילט די קיל פון האַרבסטיקער נאַכט, זיך דערמאָנט אין ווינטער און אַנגעוואָרפן, צום צער׳עווען און מאַרעזשען, א הויפן זאָקן. געצערעוועט דעם אייניקלס — מיר זאָל זיין פאַר אים — לינק־פיסלדיקע פּיאַטע מיט א גליקלעכן שמייכל. מאַרעזשעט דעם מעזיניקס — ווי איז מיר — זאָק, מיט א קרעכץ. דער פאָדעם ציט די שעהן. שונאים לויערן שטענדיק אויף דעם מעזיניק און ער וויל פון גאָרניט וויסן. פליסט א שעה נאָך א שעה, דער הויפן געצערעוועטע זאָקן וואַקסט, און דאָס האַרץ שוועלט פאַר מורא און פאַר זאָרג, שוועלט ביז עס טונקלט די ראיה. זעט אויס דעם מעזיניקס ליידיק געלעגער — א מטה. כאַפּט זי דאָס שאַלעכל, וואַרפט עס אויף דער שמאָלער פּלייצע, הילט אין דעם איר נעבעכדיקייט און לאָזט זיך שמשון־הגבורדיק אין דער נאַכט. דער רעגן ליאַפּעט בייז, דער הימל גיסט מיט ניט פאַרוכטבאַרן, געטלעכן כעס און די גרויסע אַלטע שקראַבעס טראָגן די מאַמע ווי צויבער־שיף. זי קלאַפּט אין טיר און ווען דאָס וואָרעמע ליכט באַליכט איר פּנים, פרעגט זי: ביסט דאָ?

— נאָך וואָס ביסטו געקומען? ענטפערט ער אָן דרך־ארץ, און לאָזט זי זיך אומקערן אַהיים אַליין אין רעגן און בלאָטע.

זיין ערשטער נצחון אין איבערקערן א וועלט.

און זי? די מאַמע? זי איילט צוריק דערצערעווען די זאָקן.

...היינט, נאָך איין, צוויי, אָדער דריי און פופציק יאָר, ווען ער טוט א טיפן קרעכץ, ווייס איך, אַז מיין חבר האָט זיך דערמאָנט די זינד פון יענער נאַכט, און אַז נאָך אַזא קרעכץ, ווערט ער א טראָפּעלע בעסער.

## טשיקאָווע

ווען כיריק איז אַלט געוואָרן ניין יאָר האָט אים דער טאַטע זיינער אָפּגעפירט צו יאָסל־ברוך, דעם רימער, לערנען א מלאכה. לאַנג איז ער ביי יאָסל־ברוכן ניט געבליבן. דער רימער האָט כיריקן אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעוואָרפן, געזאָגט, אַז ער איז א שייגעץ, א חוזק־מאַכער, אַן עזותניק, ער לאַכט אָפּ פון אים, און פאַר וועמען? פאַר אַלע שאַלטיקעס פון גאַס, פאַר אַלע ליידיק־גייערס און פוסטע־פּאַסניקעס, און געהייסן מער אויף דער טיר זיך ניט באַווייזן.

— וואָס הייסט, ער לאַכט אַפּ? — האָט געפרעגט כיריקס טאַטע.
— אָט דאָס וואָס איר הערט! ער זינגט, דער שייגעץ אייערער.
— וואָס זינגט ער?
— וואָס זאָל ער זינגען? א לידל אויף מיינע שונאים געזאָגט גע־וואָרן, האָט זיך געבייזערט דער רימער.
— וואָס איז עס פאַר א לידל?
— וואָס פרעגט איר מיך? פרעגט אייער כל-בוניק.
האָט ער געפרעגט.
— טאַטע, איך זינג ניט, — האָט כיריק געלייקנט.
— וואָס דען טוסטו?
— גאָרניט.
— שייך גאָרניט?
— כ'האָב ניט מער ווי געזאָגט.
— וואָס זשע האָסטו אזוינס געזאָגט?
— אז ביי מיין באַלעבאָס, איז דאָ כ'ווייס ניט וואָס, מיט א גראָבן בויך, מיט א לאַנגער נאָז, און מיט א טשירימעטשיקל, אז מ'גיט א דריי, איז עס א גלאָז טיי.
— מאַכט זשע מיך קלאָר, — האָט כיריקס פאָטער געפרעגט גע-לאַסן דעם רימער — אין וואָס באַשטייט דער חוזק?
— וואָס הייסט „אין וואָס" — האָט אויסגעשריגן יאָסל־ברוך אויסער זיך — ביי מיר איז דער סאַמאָוואַר א טולער, אראָפּגעבראַכט הייסט עס אזש פון טולע און ער מאַכט גאָר פון אים א טשירימעטשיקל.
— א שאָד, רבי יאָסל־ברוך, וואָס איר זענט ניט קיין שוסטער.
פּלעקלעך קלאַפּן איז ווייזט אויס, שכלדיקער.
און אָפּגעפירט כיריקן צו א שוסטער.

*

אמאָל — ווען ער האָט נאָך געהאַט לערניינגלעך — פלעגט זיך יאָסל-ברוך איבערגעמען מיט זיין שטוב. כ'וואָלט, פלעגט ער זאָגן, דאָרט פון וואַנען ס'איז נאָענט דער טייך און ווייט די שטאָט. וויל מען קאָן עס אויך זיין פּאַרקערט. אָפּהענגיק מיט וואָס פאַר א שפּאַן מ'מעסט די שטרעקע, פלעגט ער צוגעבן און אליין לאַכן פון זיין חכמה. דאָס האָט ער זיך אזוי באַרימט מיט זיין גרויסן שפּאַן.

שוין יאָרן אז יאָסל־ברוך האָט מער קיין לערנייינגלעך ניט. אפשר ווייל ער האָט זיך געעלטערט, אפשר ווייל אנדערע צייטן — אנדערע כאַמוטעס. נישטאָ קיין לערנייינגלעך, מוז מען אליין גיין נאָך דעם און נאָך יענעם. ווען יאָסל־ברוך גייט, טראַכט ער. ביי דער אַרבעט האָט ער קיין מאָל ניט געטראַכט צו עפּעס אַנדערש ווי נאָר צו דער אַרבעט. טאַקע ער אליין האָט דערציילט. טשיקאַווע, האָט ער געזאָגט, ווען איך גיי מיך איך צום גיין ניט טראַכטן, ס'גייט זיך און שוין. ווייזט אויס, אַז אין אַ מאָמענט פון גיין אין גאַס אָדער פון דער גאַס איז געבוירן געוואָרן די נייגעריקייט צו וויסן, ווי אַזוי עס וועט אויסזען נאָך זיין טויט. וואָס וועלן זאָגן די קינדער, די שכנים?

וואַוינט ער דאָך נאָענט פון טייך. כווילט ער זיך ניט, טראָגט צום ברעג אַ זעמד, אַ פּאָר הויזן, שיך, אונטערוועש, לאָזט אַלץ ליגן און אליין באַהאַלט ער זיך אין מאַגאַזינדל הינטערן אָנגעהאַקטן האָלץ אויף ווינטער. ס'איז זומער וועט קיינעם ניט איינפאַלן אים דאָרט צו זוכן. אַנטדעקט זיינע זיבעצן גליקן אויפן ברעג טייך, ווערט אַ געטומל: אַן אומגליק, ראַטעוועט, זוכט, יאָסל־ברוך האָט זיך רחמנא־לצלן דערטראָנ־קען. יאָסל ברוך קוקט דורך אַ שפּאַרינע און ווען ס'דאַכט זיך אים, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז דאָ קומט ער אַרויס פון באַהעלטעניש.

— רעב יאָסל־ברוך וואָס זענען דאָס פאַר אַ מעשים?

— ס'הייסט, אויב שוין יאָ אַזאַ בכבודיקע לוויה, ווי אַזוי זאָל איך ניט זיין דערביי?

*

נאָך דעם געשעעניש איז יאָסל-ברוך געבליבן אין אַ גרויסער דילע-מאַ. ווי אַזוי זאָגט דער לערער פון דער איזראַעליטישער שולע: דער סוף פון אַ ספק איז אַ דילעמאַ. די לוויה ווי די לוויה, וואָס דער עולם וועט טאָן, ווי אַזוי ס'וועט בערך אויסזען ווייסט ער שוין, וויל זיך דאָך וויסן ווי אַזוי וועט ער אליין אויסזען ווי אַ מת. געפונען אַ מאָמענט ווען אַלע זענען אַוועק פון שטוב, נעמט יאָסל-ברוך אַרויס די תכריכים פון קאַסטן, הילט זיך אין זיי ווי דער שטייגער איז איינצואוויקלען דעם בר-מינן, שלעפּט זיך קוים צווישן בענקלעך און קעסטלעך מיט כאַרמאַכטע אויגן ביז ער קומט צום שפּיגל, דערטאַפּט אים אויף בלענדזעניש, גייט אָפּ דריי טריט אויף צוריק ווי ביים אויסגיין שמונה-עשרה, בלייבט

שטיין א מינוט און צווי, האלט זיך אין איין וואונדערן: זע נאָר זע, מ'זעט באמת גאָרניט...

דערציילט האָט עס כיריקל זוכנדיק א שטערנדל, מ'זאָל מעגן אָנ-צינדן ליכט און ענדיקן צופּלעקלען א פּאָדעשווע...

## געפּסלטע מיתת נשיקה

אין פופצנטן יאָרהונדערט האָט אין דער שטאָט גראנאדא געלעבט דער ייד כאָזע קאמפּאניליא, אן אָנגעזעענער סוחר און פאבריקאנט פון בראָנדזענע כלים. זיין אמתער נאָמען איז געווען יוסף בר נחש פעמון. צוליב פארשידענע סבות איז פון יוסף געוואָרן כאָזע און פון פעמון, קאמפּאניליא. דעם נאָמען פון טאטן האָט מען געמוזט לאָזן וואנדערן איבער דער גרויסער וועלט.

כאָזע קאמפּאניליא האָט פארמאָגט איינע פון די שענסטע הייזער מיט א פּרעכטיקן גאָרטן אין דער גאָרטן-שטאָט גראנאדא.

...אין א דאָנערשטיק וואָס איז אויסגעפאלן דעם פינפטן מאַי, האָט מען צווײ א זייגער ביי טאָג געפונען כאָזע קאמפּאניליא א טויטן, לעבן א בייט נעלקען וואָס האָבן געשמט אין גראנאדא מיט זייער שיינ-קייט. געפונען האָט מען אים א זיצנדיקן און אויפן פּנים א ליכטיקער שמייכל. דער גערנטער האָט דערציילט, ווי ער האָט געזען פון וויטן דאָן כאָזע שפּאצירן — זיין געוויינטלעכער פארמיטאָגדיקער שפּאצירגאנג אין גאָרטן — שטיין בלייבן א פּאָר מינוט לעבן דער נעלקן-בייט, זיך אָנבויגן, ווייזט אויס, א ברכה מאכן איבער די בלומען-בשמים, און זיך לאנגזאם אראָפּזעצן אויף א שטיין פון די וואָס באַזוימען די בייט, געמיינט אז ער וויל זיך אָפּרוען. ס'איז אים אויסגעקומען משונהדיק, ביז דער באנק איז ניט מער ווי א שפּאן, אָבער שטערן זיין פארגעניגן האָט ער ניט געוואָגט, אזוי אז ער האָט זיך ווייטער אָפּגעגעבן מיט זיין טועכץ.

יוסף בר נחש פעמונען איז באמת געווען אָנגעשריבן א מיתת נשיקה. דאָס האָט געפּועלט נחש נאָר זיין זון מיט צדקה ומעשים טו-בים אויף דער וועלט, און מיט דער השתדלות פון זיידעס און עלטער זיידעס אויף יענער וועלט. ס'איז געווען דער שכר פאר זיין שטארבן

אין גרויסע יסורים (אַ שפּיל צווישן מלאך און שטן בעת זיין גסיסה). האָט אָבער יוסף דאָס פאַרשפּילט צוויי מאָל. איין מאָל, מיט דעם וואָס דער שמעק איז ניט געווען לשמה, ניט אויף צו באַוואונדערן גאָטס גרויסקייט נאָר גאָר נאָכצוגעבן און באַפרידיקן די תאווה פון גוף, און צווייטנס, ווייל נחש האָט ניט טיילגענומען אין טויט, זיין נאָמען, אַ פאַרשטויסענער און פאַרוואָגלטער, איז ניט דערמאָנט געוואָרן ווען מ׳האָט כאָזע קאַמפּאַניליא מקבר געווען.

דער בית דין של מעלה האָט געפּסקנט, אַז אוא אומרעכט קאָן מען נחשן ניט אָנטאָן און באַשטימט אַז איינער פון זיינע אייניקלעך אָדער אוראייניקלעך ביז דעם זעקס און אכציקסטן דור, זאָל זוכה זיין צו אַן אמתער מיתת נשיקה.

פאַרשנדיק געשיכטע און שטאַמען, איז כאָזע קאַמפּאַניליאַס אַן אוראייניקל דער־גאַנגען ביז יוסף בר נחש פּעמון און נאָך ווייטער, געוואָרן אַ בעל־תשובה און אָנגענומען נחש אַלס פאַמיליע נאָמען. מיט דער צייט איז פון נחש געוואָרן נאַש, און די משפּחה האָט זיך געפּרופּעפּערט, געמערט און פאַרשפּרייט איבער דער עוד, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן.

*

זינט זעקס יאָר פּירט זיך אַז דעם פינפטן מאַי זאָל מען ניין אַ זיינער ניט זעקס און צוואַנציק מינוט אין דער פרי ברענגען יוסף נאַש אַ קויבער מיט בעלקען און האַלב צוויי זאָלן אים קומען באַגריסן די...

שווער צו זאָגן פריינד, נאָך שווערער קאָלעגן, צי פאַרקערט. דער דירעקטאָר איז, בדרך כלל, ניט קיין פריינד און אוודאי ניט קיין קאָלעגע. אַ ין פּונקט אַזוי ווי יוסף קאָן זיך ניט רעכענען אַלס פריינד און קאָלעגע פון דירעקטאָר, קאָן ער אויך ניט געבן איינעם פון אָט די אַטריבוטן יענע, וואָס געפינען זיך מיט אַ טרעפּ נידעריקער פון אים, אויף דער היעראַרכיע-לייטער פון דער אונטערנעמונג וואו ער אַרבעט, נעמענדיק און אַכט דעם פאַ נעם און דעם שם וואָס די אונטערנעמונג האָט אויף אַ האַלבער וועלט. יוסף געהערט צו די געציילטע מיטגלידער פון אַדמיניסטראַטיוון ראַט, און כאָטש דער ראַט איז אַן אויסגעווײלטער — ווייל אין לאַנד הערשט זינט אַ לענגערער צייט אַ נייע אָרדענונג, אין וועלכער די אונטערנעמונגען געהערן דעם גאַנצן פאָלק — וועלט שטרענג אָפּגעהיט דער פּרינציפּ פון רעספּעקטירן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכ־

קייט אָרדענונג און היעראַרכיע. עס לעבן נאָך זיידעס און עלטער זיידעס וועלכע האָבן געקעמפט, זיך אָנגעליטן און טיילגענומען אין אומרחמנות-דיקע שלאַכטן, כדי איינצופירן די נייע אָרדענונג, זענען געזעסן אין די תפיסות פון דער אַלטער אָרדענונג, דערציילן זיי מיט שטאָלץ אַז דער פרינציפּ שטאַמט נאָך פון דאָרט, טאַקע כּון אַט די תפיסות, און זענען ביז גאָר צופרידן, וואָס מ'היט אַזוי הייליק די טראַדיציע.

דער קאָרב בלומען און די באַגריסונגען זענען לכּבוד יוסף נאַשס געבורטסטאָג, ס'איז איינגעפירט, אַז די מיטגלידער פון ראַט זאָלן דעם טאָג פאַרברענגען אין דער היים מיט דער פאַמיליע, יומטובן ווי עס געהערט צו זיין. ניין אַ זייגער מיט זעקס-און-צוואַנציק מינוט האָבן זיך יוסף נאַשׁ מיט דער פאַמיליע געפונען אין סאַלאָן. זיי האָבן געוואַרט, מ'זאָל אַריינברענגען דעם קויבער בלומען, זיך אַמוזירן ווען דער מעזיניק וועט ציילן די בלומען, זען צי האָט מען זיך ניט טועה געווען אין טאַטנס יאָרן. גע-ווייגטלעך זענען אין קויבער אַזוי פיל בלומען וויפל יאָרן דער געפיי-ערטער האָט אָנגעציילט.

דאָס מאָל האָט מען דעם קויש ניין אַ זייגער מיט זעקס און צוואַנ-ציק מינוט ניט געבראַכט. צען אַזייגער אויך ניט, אַזוי צוועלף, און אַזוי איינס אַ זייגער. אין שטוב האָט געהערשט אַ לוויה — שטימונג. יוסף האָט געבראָכן דעם קאָפּ, געזוכט, די סיבה. מ'זאָל געווען פאַרגעסן איז ניט מעגלעך. אַלע זעען דאָך אַז ער איז געבליבן אין דער היים. ניט געפּי-נענדיק קיין קאָנקרעטע סיבה האָט ער פאַרשטאַנען אַז די זאַך איז פיל ערנסטער, אַז דאָס קאָן שמעקן מיט אָפּגעזעצט און קיין וואָרט ניט גע-זאָגט. אָן אַ סיבה איז חשוב כּמת. אויס מיט אַלץ, אויס פריינד, אויס כּבוד, מיט איין וואָרט, אויס מענטש. און פאַר וואָס קומט עס אים? נאַש האָט געוואויגן מע-לות און חסרונות, גערעכנט פאַרדינסטן, זיך דערמאַנט אַז ער האָט צוגעטראַכט דעם קאַמא נול נול, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע ביים פּראָפּאָרציאָנירן די ציפער-קאָלאָנעס אין יאָר־באַריכט; ער איז געווען דער, וועלכער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַז די אויטאָס וואָס ס'באַנוצט די אָנפירונג פון דער אונטערנעמונג זאָלן ניט זיין אין דער זעלבער פאַרב ווי די איבעריקע, אַפילו די ניואַנסן פון טונקל-אַשיק ביז העל-שוואַרץ האָט ער אָפּגעקליבן; ער האָט פאָרגעשלאָגן און מנצח געווען אַלע קעגנער, אַז ווען דער דירעקטאָר באַווייזט זיך זאָלן אַלע אויפשפּרינגען פון די בענקלעך, און דער עיקר, דער דרך-ארץ זאָל זיין אַן עכטער, און גאָר פּלוצים...

מ'האָט געמוזט רופן אַ דאָקטער. זאָגן פינקטלעך, וואָס און ווען, האָט מען ניט געקאָנט: חלילה ניט פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג וואָס וואָלט אַרויסגערופן

ווער ווייסט וואָס פאַר א ניט אָנגענעמענע עפעקטן. דער דאָקטער האָט באַסטגע־שטעלט אז מיטן האַרץ איז ניט פונקטלעך, זיך געוואונדערט הלמאַי ביז איצט גאָרניט באמערקט, געוואָלט מיט א טאָג פריער און געפונען אלץ אין בעסטער אָרדענונג. אין דער צייט וואָס דער דאָקטער האָט זיך ארום זיך געפּאָ־רעט האָט מען אריינגעטראָגן דעם קויש מיט נעלקן, תיכף נאָך דעם האָבן זיך באוויזן פריילעכע די געסט, געלאכט מיטן פולן מויל: דאָס ערשטע מאָל אז ס׳געשעט מ׳זאָל פארגעסן שיקן די בלומען. דערפאַר אָבער זע־נען עס דאָס מאָל בלומען, איינס אין דער וועלט א ספּעציעלע באַשטע־לונג. אזוי האָט עס טאקע אויסגעזען. א קויבער זעלטן גרויסע נעלקן, איינע גרעסער און פרישער פון דער צווייטער.

יוסף איז געקומען צו זיך ווי דורך א נס, אויך דער דאָקטער איז פארשוואונדן ווי דורך א נס. קיינער פון די געסט האָט גאָרניט באמערקט. דאָס האַרץ קלאַפּט נאָרמאַל, דאָס קבלת-פּנים איז יום-טובדיק, דער שמייכל אויף זיין פּלאַץ, דער מעזיניק האָט איבערגעציילט. יאָ, ס׳שטימט. ס׳איז די ריכטיקע צאָל, און וואָס פאַר א בלומען! דאָס ווייב מיט די העלפערס (ווי מיט כישוף געבראַכטע) טראָגן צו טיש, יוסף נאַש איז אין זיבעטן הימל, טרינקט לחיים מיטן דירעקטאָר, דער בליק לויפט נאָך דעם קלאַנג פון קרישטאָלענע בעכערס, איבער די נעלקן שוועבט א דורכזיכטיק כמארעלע, ס׳וויל זיך נעגטער באוואונדערן די בלומען, נעמט ער מיט געהעריקן כבוד דעם דירעקטאָר אונטערן אָרעם, קוים ער בארירט אים, כאַפּט אים שבתדיק, בפסיעות קטנות, צום קויבער אָן אויסערגעוויינטלעך גרויסע נעלקע ציט א שמעק טאָן, נאַש קאָן ניט ביישטיין דעם נסיון, בויגט זיך צו איר, בארירט זי כמעט מיט די ליפּן...

דער בית דין של מעלה האָט געוואַרט מיטן אויספירן דעם פּסק, פינף-הונדערט-צוויי-און-פופציק יאָר, אכצן דורות, ביז דער פּינקטער מאַי איז צוים פיר־און צוואַנציקסטן מאָל אויסגעפאַלן אין א דאָנערשטיק.

„וימת יוסף“ און יוסף נאַש האָט געטון טאָן שטאַרבן...

ניין. קיין מיתת-נשיקה איז עס ווידער ניט געווען. דער פּסק איז ווידער געבליבן א ניט אויסגעפולטער. דער שמעק איז א יך דאָס מאָל ניט געווען לשמה, נאָר גאָר צוליב עולם-הזהדיקן שכר...

ווייזט אויס, זיך געאיילט.

ס׳מאַכט ניט אויס. ביז דעם זעקס־און-אכציקסטן דור איז גאָט א פּאַטער.

## ווי אזוי ווער

דריי פּראָטאַגאָניסטן און זיין צושויער.

שמואל. ער שטייט מיטן לאָפּעטקעלע דאָרט, וואו צוויי ווענט וועלן זיך באגעגענען. ער מויערט דאָס ווינקל. קלויבט אָפּ מיטן אויג א שטיין, טוט אים א גלעט מיט דער האנט, הערט זיך איין צום דורות-דיקן געפּליסטער, און באשטימט מיט געוואלדיקן פּאמעלעך: „היתה לראש-פּנה", ער איז מסוגל צו ווערן א ווינקל-שטיין. ביי שמואלן האָט א ווינקל-שטיין א באזונדערע שליחות. האלטן די צוויי ווענט וואָס וואקסן פון ווינקל, אונטערשפּארן דעם דאך און, אחרון-אחרון חביב, דער עיקר, ער וועט דערמעגלעכן דעם שמועס צווישן די ווענט. א שמועס צווישן דרום און צפון, א שמועס, וואָס וועט דויערן יאָרן און דורות. שטייט ער מיטן לאָפּעטקעלע אין דער האנט און קוקט אויף דער קופּע שטיי-נער, וואָס מ'האָט געבראכט צו פירן אויף א צוויי רעדער-וואָגן (אן אייניקל פון רוימישן שלאכטוואָגן, באשטימט פאר פרידלעכע ארבעטן, אזוי דאָ אין אל-זשיר, אזוי דאָרט אין שפּאניע, וואו ער האָט אים צום ערשטן מאָל געזען אויף עסטראמאדורער געשטיינערטע וועגן, ווען ער האָט מארשירט מיט דער יידישער באָטווין-קאָמפּאניע פון פּוילישן באטאליאָן פּאָלאפאָקס). צען אינטערנירטע — דריי אין געשפּאן און זיבן אונטערשטופּנדיק פון ביידע זייטן — האָבן דאָ אָפּגעלאָדן די שטיינער און אוועק ברענגען אנדערע. שמואל איילט זיך ניט. א גוט אויסגעקליבענעם שטיין דארף מען לאנג ניט טעסען. ער טאפּט ביז ער דערפילט דעם לויף פון די אָדערן, גיט א לייכטן קלאפּ מיטן המערל, א תפילה אזא ביי דער טיר פון היכל, און די גלאטע אויבערפלאך באווייזט זיך פרעכטיק. אזוי פּאמעלעך, באטראכט, פון אלע פיר זייטן.

— ברענגען טינק? דאָס טינק-קעסטל איז כמעט ליידיק, ניט מער ווי א ביסעלע אויפן דנאָ.

— ניין, מ'דארף ניט. ס'וועט קלעקן ביז מיטאָג. מיט א ליידיקן מאָגן איז שווער צו שטופּן א פולע טאטשקע וואפנע. רו דיך אויס — זאָגט ער און שמייכלט — דערצייל בעסער עפּעס וועגן דיין אלטער היים.

דאָ, אין אלזשירער לאגער זענגט א ברענענדיקער זון, גלוסט זיך אים הערן וועגן וועלדער און טייכן.

— טינק — זאָגט ער — טויג ניט. די שטיינער דארפן זיך בארירן, זיך כמעט צוזאמענגיסן. לייגט מען א סך טינק, פארפרעמדט מען זיי.

אזוי האָט שמואל, דער בחור פון הינטער ב׳אליסטאָק, איינגעמויערט — ניט ווייט פון דער סאַהארא־מידבר, ערגעץ אין די אטלאס־בערג — אין ווינקלען, צוזאמען מיט שטיינער, א טייל פון זיין נשמה.

שטייען נאָך דאָרט די מויערן צו וועלכע ער וואָלט — ווען ער זאָל לעבן — קיין צוגאנג ניט געהאט? זיין נאָמען האָט מען פון דאָרט פארטריבן, אויסגעמעקט, און קיינער וויל ניט זאָגן, וואָס האָט מען געטאָן מיטן טיילעכל פון זיין נשמה?

*

אפרים. אן אפרים וואָס האָט זייער ווייניק פון „הבן־יקיר־לי“. כאָטש...

א רעשיק פויליש יידל, וואָס טוט אלץ גיך, גיך און אלץ לשמה. אזוי האָט ער אויך ארויסגעגעבן — צום דריטן אָדער פירטן געבורטסטאָג פון דער יידישער קאָמפאניע באָטווין פון פוילישן באטאליאָן פאָלאפאָקס — א העפט דערינערונגען. א מין מיט דער האנט געשריבענע פלאקעטע פון וועלכער ס׳האָט ניט געפעלט דער לאנגער וועג פון א יאסער פרייוויליקן, אונטערן טיטל: „פון דער רויטער בריק ביז עסטראמאדורא“. דעם פרייוויליקן רופט מען שייע (אָט דאָס איז ער דער דריטער פון די פראָטאגאָניסטן). אצינד, שטייען זיי ביידע אונטער דער ברענענדיקער זון. שייע א פארסאפעטער פון ברענגען טאטשקעס וואפנע און אפרים א פארשוויצטער פון טעסען שטיינער.

קלויבט אפרים א שטיין, טוט שמואל א קרעכץ און זאָגט, נעבעך. דאָס רחמנות איז אויפן שטיין. ווייל קלויבן קלויבט אפרים דווקא גרויסע שטיינער, פון וועלכע מ׳וואָלט געקאָנט אויסשיילן א ווינקל־שטיין אָדער לכל הפחות א שפיגל שטיין פאר א בכבודיקן פאסאד. שמואל ווייסט אז אפרים וועט מיט איילעניש קלאפן רעכטס און לינקס, ביז פון שטיין וועט בלייבן א נעבעכדיק שפיצעכיק ניט-אהין-ניט-אהער-שטיינדל, וואָס וועט ניט וועלן ליגן און ניט שטיין און ער, אפרים, וועט דאָס באוואַרפן מיט א בארג טינק, אונטערשפארן מיט טויזנט שטיינשפליטער. ווען אפרים הויבט אָן אָט די לעצטע אָפעראציע, טוט שמואל ווידער א קרעכץ. ער זאָגט ניט נעבעך, ער מורמלט פאר זיך: א מויערער, רבונו של עולם, א גאָטס-רחמנות אויף דער וואנט. ס׳טוט אים וויי וואָס דער שמועס וועט איבערגעריסן ווערן. א צו דיקער

עיכט טויטע וואפנע צווישן לעבעדיקע שטיינער. אפגעזונדערטע איינער פון צווייטן וועלן בלייבן אויף אייביק די פון אפרימען איינגעמויערטע שטיינער.

— טינק — שרייט אפרים — שייע, לויף ברענג א טאטשקע טינק. ווייסט ניט אז דאָס קעסטל איז ליידיק?

— א ר״ח אין דיין טאטנס קעסטל אריין — ענטפערט שייע ניט א פון כעס פארשפיציכיקט קול. — ווער קאָן פירן אזוי פיל בלאָטע, קאַ-ליקע איינער, לאטוטניק, קרומע הענט, פארקרומט זאָלסטו ווערן, אזוי ווי די שטיינער דיינע, אומגליק! א מויערער ביסטו? ביי דיין טאטן, אין דיין פארעיפושט שטעטל, האָסטו אמאָל געזען א גלייכע וואַנט מיט דיינע קרומע אויגן? — פאר מידקייט, הונגער און כעס הויבט ער אויף איינעם פון די צען טויזנט שפליטערן וועלכע אפרים האָט אָנגעהאקט.

— שייע, וואָס טוסטו?

— שייע! — וואַנדערט זיך אפרים גלייך ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל הערן דעם נאָמען, — דאָס איז ער דער שייע?

— וועלכער שייע?

— דער, וועגן וועלכן האָסט געשריבן.

— יאָ, ווייזט אויס אז דאָס איז ער דער שייע.

— היתכן, ער לעבט דאָך, — שרייט אפרים אויסער זיך.

— נו, און אז ער לעבט, איז וואָס? פאר וואָס דארפסטו אים דווקא א טויטן?

— אויף תשעה און ניינציק כפרות דארף איך אים, סיי א טויטן סיי א לעבעדיקן. אָבער וועגן לעבעדיקע שרייבט מען ניט.

— פאַר וואָס, אפרים?

— מאלע וואָס א לעבעדיקער קאָן נאָך אָפטאָן.

— טאָר מען הייסט עס אין פנקס החיים ניט אריינטראָגן ביז נאָך טויט?

אפרים, זייער ווייניק פון הבן יקיר לי...

*

אז אפרים בלאָנדזשעט איבער דער וועלט אָן א היים ווייס איך, אז שייע טרינקט א גלעזל רויטן ווייַן און ווען ער דערמאָנט זיך אין

דער געשיכטע לאָזט ער שפּיצעדיק, ווייס איך אויך, אָבער שמואל? וווּ איז אַהינגעקומען שמואל?

טראַכט איך צו אים פּינטלט א בלוטסטראָפּן.

## ווײַן טראָפּן

זער פריינדשאַפט
מיט איזאַ שאַפּירא

ביז ענדע יאָר זענען געבליבן ניט מער ווי געציילטע שעהן.

— דערמאָנסט זיך? פרעגט זי.

דעראינערונגען פון יענע יאָרן, ווען זי איז געווען איינע פון די דריי שענסטע מיידלעך אין אונדזער שטעטל, טויכן אויף און שוועבן ווי מיט ראָזשענקעס און מאַנדלען געפּולטע הינדלעך, געבראָטענע און גע־ברוינטע אין א מיט סאָסנע-האָלץ געהייצטן אויוון. די דערינערונג האָט, ווייזט אויס, אָנגענומען אזא געשטאַלט ווייל דער שענסטערס, פון אלע דריי, ליפּעלעך זענען זויס פאַרשנירעוועטע, ווי א געברוינט הינדלע־הינטערל.

— וויפל יאָרן זענען...? די פראַגע בלייבט א ניט דערפרעגטע. זיבן מאָל זיבן טאָן שווער איז איר מידער בליק, און נאָך שווערער דער פאָר־וואורף, הלואי איך האָב פאַרגעסן זין אלטע עצה: אל תאמר דבר...

ניט מער ווי א גרוי.

*

הילל היה אומר. ניט מער ווי הילל, אָן בן זון אָן זינדערע סמיכות. מ׳דאַרף זיי ניט, מ׳ווייסט אָן זיי.

הילל היה אומר אל תאמר דבר שאי אפשר לשמוע שסופו להשמע. זאָג ניט אז מ׳מעג, ווייל מ׳וועט זיך סיי ווי סיי דערוויסן. נעם ניט, הייסט עס, אויף דיר אזא אחריות, כאָטש אויסריידן פעלן ניט און תירוצים אוודאי און אוודאי ניט. באַהערש דיך. איז אָבער דער נסיון גרויס, און דער כוח זיך אנטקעגנצושטעלן שוואך, שרעקלעך שוואך.

ניט מער, ווי א מענטש.

*

באַקענט האָבן מיר זיך, דעמלט אפשר נאָר איך מיט אים, נאָך אין חיפה. ווייזט אויס, אז טאַקע נאָר איך מיט אים, ווייל אין חיפה

האָט ער קיין מאָל ניט געוואוינט. איינער האָט דערמאָנט זיין נאָמען און געראָטן אים זוכן. א צייט האָב איך אים געזוכט, ניט אזוי כדי צו געפינען אים ווי דעם אנדערן, דעם וואָס האָט געראָטן, און אפשר אויף אזא אופן פארשטיין א גורל וועלכער האָט זיך מיר אויסגעדאכט אויסטערליש, אויסערגעוויינטלעך, צי גאָר שרעקלעך פשוט. אָט יענער איינער איז געווען ווי אים און אנדערע האָט זיך אויסגעוויזן, אויפן פאסיקסטן פלאץ, אלץ אָנגעמאָסטן, ווי ביי אהרון שוסטער באשטעלטע קאמאשן. סיי דאָס פלאץ, סיי דער נאָמען. גערופן האָט מען אים ליליענבלום. א קליין מענטשעלע מיט גרויסע, גרויסע אויגן האָט עס אויסגעזען ווי א פאָן פון א מחנה אויסדערוויילטע, פון א לעגיאָן שטרעבנדע צו א ווערן וואָס זאָל זיך מאטעריאליזירן אין קליינינקע ביינדעלעך, אָרעמפליישיקייט, גרויסאויגיקייט א בליק וואָס ווייסט ניט פון קיין גרענעץ.

צופעליק, צי גאָר מיט א כוונה, וועגן וועלכער מיר ווייסן זייער ווייניק, אָדער כמעט גאָרניט (געשען איז עס אין יענעם יאר 33' וואָס איז ביי זייער פיל געבליבן עד היום א סוד און א בעיה), צופעליק האָט א קראַן־האָקן א פאַק געטאָן אונדזער מענטשעלע הינטן־ארום, ביי דעם הויזן־גארטל, אים א הויב געטאָן אין דער הויך, זיך געוואונדערט, וואָס ליליענבלום באנעמט זיך מיט אזוי ווייניק ווירדע, וואָס ער צאפלט מיט אלע רמ"ח אברים פאר שרעק און פארצווייפלונג, און טאקע דערפאר ניט אויפגעהערט אים טראָגן אין ניט געדאכטע הויכן, ביז ער האָט אים אראָפּגעלאָזט רעכטס פון פּלאץ פון וועלכן ער האָט אים אויפגעהויבן, אראָפּגעלאָזט דאָרט וואו אים, דעם קראַן, האָט זיך געדאכט, אז ס'איז בעסער אין אָנגעמאָסטענער פאר אזא יידעלע. אין וואָס ס'איז באשטאנען דער איינפאל, איז שווער צו זאָגן, פונקט אזוי ווי ס'איז שווער צו באשטימען, צי האָט ער אים איבערגעפירט ווייט רעכטס, אָדער גאָר נאָענט לינקס, ווייל דער קראַן האָט זיך באוועגט אין א קרייז. אראָפּגעזעצט האָט ער אים לעבן א חברה־מאַן, ביי וועלכן די באגריפן רעכטס און לינקס האָבן געהאט ניט מער ווי א פּראַקטישן און זייער באגרענעצטן זין. דער יינגערמאַן פלעגט זיך באוועגן מער אָדער ווייניקער גראָדליניק מיט באזונדערן אינטערעס פאר דער באוועגונג אויף דער ווערטיקאַלע, אזוי ווי ס'איז דער שטייגער פון נאָרמאלע מענטשן. ס'האָט זיך אים געוואָלט ניט מער ווי גרייכן וואָס העכער אויף דער מאָלער־לייטער. דער שפּיץ האָט אים ניט געלאָקט, ווייל ס'האָט זיך אים כארגלוסט צו בלייבן אין מענטשלעכן זכרון אלס „הצבע" דער מאָלער, אזוי ווי ס'איז רבי יוחנן הסנדלר — דער שוסטער. ניין. אזעלכע שטרעבונגען זענען

איז געווען פרעמד. ער האָט פשוט געוואָלט גרייכן וואָס העכער אויף די טרעפּ פון לוין, טרעפּ וועלכע מ׳האָט צו יענער צייט גערופן, אין חיפה, סוגים, א מלער, סוג „א״ האָט געהייסן עמעצער, כמעט א מענטש (ניט אזוי פיל וויפל א טיח, א שטשוקאטורשטשיק, סוג „ג״, אָבער דאָך כמעט א שידוך. דערפאר איז דעם דראָהאָביטשער חברה-מאן געפעלן צו זען לעבן זיך ליליענבלומען. קליין און אויסגעמאָגערט לעבן דער הויכער לייטער, קאָנצענטרירט, ער זאָל חלילה ניט פארשפּעטיקן אונטערצוטראָגן א שעפל וואסער, א ציגל אויף צו שלייגן די וואנט, אָדער אן עמער פרישן קאלך, איז ליליענבלום אויסגעקומען פאר דעם יינגן מאן א באשטעטיקונג פון זיין אייגן וואקסן אויף די טרעפּ פון דער מאָלער-היעראַרכיע. און ליליענבלום — וועלכער האָט נאָך אין א געוויסער מאָס געלעבט אונטער דעם איינדרוק פון יענעם מאָמענט, ווען ס׳האָט אים עמעצער ארויסגעריסן פון פלאץ, געלאָזט אן ווארצלען, א הויב געטאָן און אוועקגעטראָגן, שרעקלעך באלאנסירנדיק, איבער תהומען — האָט אין יאשאס באציאונג ניט געזען קיין שום שלעכטס. פארקערט, דער יונגער יאשא — אזוי האָט מען גערופן דעם דראָהאָביטשער חלוץ — איז פאר ליליענבלומען געווען דער סימבאָל פון מענטשן, וואס שטרעבן צו אן אנדערער וועלט, צו א וועלט וועמענס אָנהויב עס שאריעט פון דער דויך פון לייטער, פון יענער טרעפּ אויף וועלכער ער יאשא געפינט זיך. יאשאס עטוואָס באלכסון לויפנדיקן קוק האָט ליליענבלום געטייטשט אויף זיין אופן: א געפייניקטער, א ליידנדיקער, א פארבלענדעטער פון דער עיין, וואס שפּארט פון יענער וועלט וועגן וועלכער ער דער שוואכער, קליינער, מאָגערער, קנאפּכוחותדיקער קאָן ניט מער ווי חלומען. דערפאר האָט ער, ווייזט אויס, אזוי פארגעטערט יאשאס שמשון הגיבורדיקע שטריכן, לויט זיין מיינונג, שטריכן פון א קאטעגאָריע מענטשן, וואס האָבן אויסצופילן א שליחות, א היסטאָרישע מיסיע.

ליליענבלומס תמימות האָט דערמאָנט אין יהודה בן תימא, מיט זיינע זאָגעכצן. כאָטש א בן, א לעגיטימירטער הייסט עס, כדי אויסצומיידן יעדן חשד, און כלערליי רכילות, אָדער כדי צו באשיינען דעם טאטן, צי גאָר ווייל זיין נאָמען אליין האָט א צו גרויסן פארנעם — יהודה איז געוואָרן א באשטימטער און אומבאשטימטער באגריף, א סובסטאנץ, וועמענס איכות עס לאָזט זיך ניט פעסטשטעלן מיט א טאפּ טאָן מיטן פינגער — איז דווקא אים, דעם בן תימא איינגעפאלן איינטיילן דאס קורצע לעבן אין תקופות, אין פעריאָדן.

— בן ארבעים לבינה, האָב איך איינגערוימט לילינבלומען ניט פאַרוואורף. זעסט ניט אז דער בחור איז ניט דער וואָס דו מיינסט? טו א קוק, פליען קאָן ער ניט און טראַכט אפילו ניט דערצו.

ליליענבלום האָט אָנגעשפּארט זיין בליק אין מיינעם. אין דער טיף פון זיינע אויגן זענען געזעסן פארוואונדערונג, ספקות, ווייטיק, און נאָך טיפער א צו יענער צייט אָנרפואהדיקע קרענק.

— ביסט אפשר גערעכט. יאָ, יאָ, ביסט אוודאי גערעכט. דאָס פייערל פון בליק האָט זיך לאנגזאם אויסגעלאָשן, ער האָט עס געפּרואווט ווידער אָנצינדן, האָבן אים אויסגעפעלט כוחות פאר אזא אָנשטרענג. איך האָב ווייזט אויס, קיין כוח ניט... מערקווירדיק, ווי כ'האָב זיי פאר-לוירן, די כוחות. נאָך א לאנגער פויזע, אין וועלכער מ'האָט געזען אז ער מוטשעט זיך אין עפעס דערמאָנען, עפּעס זייער וויכטיקס, האָט ער א זאָג געטאָן זייער שטיל, קוים געשעפּטשעט: אנדערע האָבן נאָך... אָט איינער פון מיינע חברים... זוך אים אויף...

די לעצטע ווערטער האָבן געקלינגען ווי פון גסיסה, אָדער ווי א צוואה.

— וואו זאָל איך אים געפינען? — די פראגע אין געווען לפנימדיק ניט פארלאָזן א כארלאָזטן.

— דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געזען אין בערלין, איצט דארף ער זיין אין פאריז, זיכערער אין מאדריד.

— און מיר אין חיפה.

— נו, איז וואָס? ס'וועט קומען א טאָג ווען דו וועסט אים באַ-געגענען. די איבערצייגונג, אז ס'מוז געשען, האָט געשפּארט ניט נאָר פון אים; זי האָט זיך געקייקלט בארג-אראָפּ פון כרמל, געדרונגען דורך די פענצטער פון דריטן שטאָק, צוזאמען מיט דער גלויער אומרו פון די יב-כוואליעס.

א לאנגע צייט האָב איך אים געזוכט, טראַכטנדיק, אז אויף אזא אופן וועל איך זיך נענטער באקענען מיט דעם שוואכן באשעפעניש, מיט גרויסע אויגן, מיטן מענטשעלע וואָס האָט געדארפט זיין די פאָן פון א מחנה אויסדערוויילטע אא"וו.

*

איצט זענען מיר זיינע געסט, טאקע דעמס, וועגן וועלכן ליליענבלום האָט געזאָגט, אז ער איז א בכוחדיקער. גיסט ער ווין, לויפט א קייטעלע

טראָפּנס פון פלאש אין גלאָז, זעט מען, ווי עס פליִען די מינוטן ביז סוף יאָר. באגעגענען זיך אונזערע בליקן, פרעגן זיי: וועלכער האָט געקאָנט זיין ליליענבלומס גורל אין אזוי פיל מלחמות און ווילדע געשעענישן? וועגן יאשאן פרעגן זיי ניט דערפאר ווייל אונדזער מכניס-אורח האָט אים קיין מאָל ניט באגעגנט. ניין. גיכער ווייל ער האָט אים צו אָפט געזען. יאשאס גורל איז א קלאָרער, באהערשט פון דער לויטערסטער געוויסהייט, פון פארפונדעוועטער אוודאיקייט: חתונה געהאט, געבויט א שטוב, א פליגל אויף דירה-געלט, אייניקלעך ווארטן דער זיידע זאָל באַרייען די וואוינונג, ס׳איז צייט. א מצבה וועט מען שטעלן פון שווארצן גראניט. ליליענבלום איז אן אנדערע געשיכטע, איינע פון יענע, וואָס הויבן אָן אין דער ערשטער וועלט מלחמה, וואָס שפּארן זיך אָן אויף צוויי וועלט-מלחמות...

ווייזט אויס, אז אויך דעמלט איז מיין פארשטאנד געוועז צו שוואך, ניט געקאָנט תופס זיין, אז אויך די מעגלעכקייטן פון א מעטראָפּאָלע זענען באגרענעצט. ניט געוואוסט, אז אויך איר קלעקט ניט ליכט, צו באלויכטן די טונקעלע ווינקעלעך פון יחידותדיקע איינזאמקייטן. הימלען האָב איך ניט געריסן, „שפוך חמתך" ניט געשריגן. פארלאָשענע שטראלן פון פארלאָזטע שטעטלעך און דערפער האָבן זיך געזונדן פון אנדערן עק, האָט דער וועג אויסגעזען א באלויכטענער, און כ׳האָב אים באטראָטן. פּלוצים האָט אויפגעפלאמט א בלייכער שטראל געפירט צו א צימער מיט צעפראלטע פענצטער, מיט א גלויבן, וואָס שפּארט פון איבעראל. פון שפּיץ מאָנמארטר האָב איך געפרעגט, טרעפּ אראָפּ: וואו איז ער?

גרויס פאריז האָט געאָטעמט מיט זיין שטענדיקער גלייכגילטיקייט פאר דעם גורל פון יחידים, אָבער ניט פארגעסנדיק אז העפלעכקייט איז זיין דורות-לאנגער חוב (צוגעגעסן ווי איעדער חוב) האָט ער א וואָרטשע געטאָן: ווער?

א שטראל האָט צעריסן דאָס נעפּל, וואָס דאָט זיך געשפּרייט ביז סענט-אנטאָאן, די שטאָט האָט זיך עקשנותדיק געהילט אין באַשיידנקייט, אָדער אין איר אייגענער שרעק. זי האָט זיך, ווייזט אויס, דערמאָנט אין מחנות, וועלכע האָבן מארשירט אויף דעם זעלבן וועג, אויף וועלכן זיי זענען געלאָפן מיט יאָרהונדערטער צוריק אין דער פארקערטער ריכטונג. אין קלאנג פון זייערע טריט האָט די שטאָט געהערט דאָס ווידערקול פון שפּעטערדיקע, האָרסט-וועסעלדיקע, און לאנגאם געפאַלן חלשות.

— שוין לאנג אז איר חברט זיך? — פרעגט די שענסטע פון אונד־זער שטעטל, אויסנוצנדיק א מאָמענט, אין וועלכן מיין פריינד איז גע־גאנגען עפּעס ברענגען פון קיך.

ס'איז אויסגעקומען משונהדיק, ניט אזוי דאָס אויסלייגן גרינע אייל־בערטן ארום דעם רויג פון פרישן העכט, ווי מיין זיך איינקוקן צו יעדער באוועגונג זיינער. ס'וויל זיך מיר, כ'ווייס ניט פאר וואָס, ענטפערן מיט א פּסוק, קומט מיר אויפן רעיון „הם פשעו בי״, דאַכט זיך אז ס'שפּינט זיך אן אומגעלומפּערטע געשיכטע, פאר וועלכער דעם נביאס שפּראך איז א צו הארטע, צו שארף דער דימענט פאר אָט דעם ״הם״, כאָר אזא פּראָסטן גלאָז.

דער לוח איז צוזאמענגעשטעלט פון שמיטות. זיבן מאָל זיבן שמי־טות זענען פארביי, זינט מיין פריינד האָט באטראָטן אָדער גאָר געבויט די בינע פון א יידיש טעאטער אין בערלין. דעמלט האָבן קאנעצלעך אויס־געזען קאנדעלאברען, קאטאקאָמבן — אומגעהייערע זאלן, באוועגונג האָט געמיינט ריטעם, און יעדעס וואָרט א הימן. דער יונגער עולם ווייסט ניט, ווייל ער איז יונג, און דער אלטער דור, ווייל ער איז אלט.

קומט אויס, אז יונג זיין, ווי אלט זיין, איז די זעלבע זינד.

*

— ווען האָט איר זיך באגעגנט? — פרעגט זי.

— א סך שפּעטער.

— שפּעטער! וואונדערט זי זיך און איז ווידער אזוי שיין ווי אמאָל, אפשר נאָך שענער. צעמישט איר שיינקייט די געדאנקען.

— נאָך דעם, וואָס ליליענבלום...

— ליליענבלום האָסטו געזאָגט? — דערטראַגט זיך פון קיך, און דער קלאנג פון גלעזער פאררואט א ציטער. צוריק מיט צען שמיטות איז געלונגען דער אומרו זיך פארגנבענען צווישן אויף טירן און פענצטער צע־האַנגענע קימפּעטאָרן-בריוולעך. נאָך דעם האָבן זיך באוויזן בדחנים, פּו־רים-שפּילער, מיט איבערגעדרייטע קאפּאָטעס צעפליקטע שטריימלען, אויפ־געריסענע אייגן, געשטאלטן אין ווילדע טענץ, סודותפולע שאָטנס, פון וועלכע עס שפּארט מיט שרעק און געוואלדיקער צוציאונגסקראַפט. די אין שאָך איינגעזאפּטע שרעק ווערט טויזנט מאָל גרעסער אין דער פינצ־טערניש פון טעאטער-זאל. ס'איז כמעט אומדערטרעגלעך, צו זיין א צושויער, על אחת כמה וכמה א מיטשפּילער.

— ער האָט א טעות געהאַט, זיך אָפּגענאַרט, — זאָג איך איר, און זי, די צוּיבערשיינע, שענקט מיר א קיילעכדיקן, קינדערישן בליק, וואַרט אויף א פירוש — ער האָט נאָך דעמלט ניט געוואוּסט, ניט פאַרשטאַנען דעם כוח פון שרעק, כאַטש פון די בערג, וואָס באַזוימען די שטאָט שאַץ, האָבן געניידערט קלאַנגען פון קאָזאַקן שווערדן, אין קאַמף מיט „קא אונד קא" הוסאַרן.

וואָס ווייסטו וועגן אים — פרעגט מיין פריינד.

— כמעט גאָרניט.

— וועמען האָסטו געפרעגט?

— דעם און יענעם, אויך יאַשאַן.

— נו?

— נו. ער געדענקט, זאָגט ער, עפּעס א משונהדיקער. ניט קיין הויז, ניט קיין מויז. שוין זייער לאַנג ניט געזען. מן הסתם ניטאָ מער...

*

געציילטע מינוטן זענען געבליבן ביז סוף יאָר.

— האָסט ניט געענטפערט אויף מיין פראַגע, — זאָגט זי.

— אויף וועלכער?

— ווען האָט אָנגעהויבן אייער חברשאַפט?

— דאַכט זיך כ'האָב דיר געזאָגט.

— האָסט געזאָגט שפּעטער.

— אַזוי האָב איך געזאָגט? — איר רוגז צעמישט מיך ניט מער. פאַרקערט. ס'איז אן אַמוזירנדיקער רוגז. — זיי מיר מוחל דעם טעות. אייגנטלעך האָט זי אָנגעהויבן א סך פריער — זאָג איך איר, און ווייס אליין ניט צו צוריק מיט צען שמיטות ווען דורך מיט קימפּעטאָרן קוויטלעך, געפּאַנצערטע טירן און פענצטער האָט זיך אריינגעגנבעט די אומרו און געפלאַנצט אירע זאָמען אין פריש צאַפּלדיקן הערצעלע, צי גאָר צוריק מיט זיבן שמיטות ווען אויף דער בערלינער נאַלעוואָרף פלאַץ האָבן בחורים געזונגען און געשפּילט, זוכנדיק א תיקון אין שטומפּיקער עברי פון א מזרח־רעדנדער וועלכער דונערט, אַראָפּגייענדיק פון באַן: שלום עליכם אלעקסאַנדער־פּלאַץ", צי גאָר אויף שפּאַנישע בערג, וואו ער האָט זיך געראַנגלט מיט גוג ומגוג, געוואָלט ראַטעווען די וועלט, און ס'איז ניט געלונגען צו ראַטעווען אפילו די אייגענע פּאָר יידעלעך פון די בוקאָווינער שטעט און שטעטלעך, אָדער אויף פּריטשן פון פראַנצויזישע לאַגערן,

וואָס האָבן געוואָלט, מ'זאָל זיי רופן, ווי אווי מ'וויל, זאָל זיין אפילו „סאנטער ד'העבערזשעמאן“, אבי ניט ביי זייער אמתן נאָמען...

אונדזער מכניס-אורח גיסט וויין אין די גלעזער. צוזאמען מיטן קייטאלע טראָפּנס פליסן די מינוטן וואָס זענען געבליבן ביז סוף יאָר. שווייג איך. כ'מיין, אז דער פירוש צום ענטפער מעג פארשפעטיקן נאָך א יאָר, זי וועט, סיי ווי סיי, בלייבן אויף אייביק די שענסטע פון די דריי שענסטע פון אונדזער שטעטל, און דאָס יאָר וועט פארביי ווי א רגע.

*

מיין חבר, אונדזער מכניס-אורח, דער באשיידענער, דער אייביק־גלויביקער אין כוח פון מענטשן, צו זיין א מענטש, גיסט וויין אין די בעכערס, אויפן פנים בליט א שמייכל, ער שמייכלט דעם העלן וויין־קאָלר, וואָס שמעקט מיט ראָזשענקעס מיט מאנדלען און דעם גלויבן אז די וועלט איז א שיינע, וועט זי שוין ממילא זיין א בעסערע.

## זומער־שפרענקעלעך

„דער הימל איז היינט א וויינענדיקער. און ווען ער זאָל זיין א העלער, לויטערער, וואָלט איך זיך דען ניט געפילט א „פּאָימאלע“? כ'ווייס ניט וויפל לעבנס ס'זענען מיר באשערט, אָדער געשענקט, כ'ווייס נאָר, אז די גרעסטע טייל האָב איך פארבראכט ווי א פּאָימאלע“.

אזוי האָט ער אָנגעהויבן, זיך אוועקזעצנדיק אומגעבעטן ביי מיין טישל אין א דריט-קלאסיקן רעסטאָראן, איך האָב געבעטן ברענגען א צווייט גלאָז.

„וואָס הייסט א פּאָימאלע?“

„אמאָל האָט דאָס געהייסן געכאפּט, פארשיקט, געצוואונגען פארגעסן ווער מ'איז, און דינען געטריי פינף און צוואָנציק יאָר דעם „ווסעראָסיסקי באטיושקא“. היינט הייסט עס שפּינען געוועב. אפשר האָט עס שטענדיק געהייסן שפּינען געוועב. מענטשן האָבן דאָך געלעבט אויף דעם גאנצן ערד-קיילעך...“

ער האָט צוגעדעקט מיט פיר פינגער דעם אָנצייניקן לאָך, גע-זאָגט: זייט מוחל. דאָס דריבנע געלעכטערל איז געווען טייוולאָניש כאָטש ער האָט דאָס ניט געוואָלט.

„צוויי בוכשטאבן האבן געשראָקן א וועלט. ניין, נט צוויי נאר איינער, א געכפלטער. א געכפלטע סאמעך. פון סאָמעך מעם האָט מען געלאכט, צו סטרא-אחרא האָט מען זיך צוגעוואוינט, א ער ס. ס. האָט נאך געשראָקן, אָדער שוין געשראָקן. זיי האָבן געקנפט און געשליסלט א געוועב, פון וועלכן מ'האט זיך ניט געקאָנט אַרויסדרייען. דער הימל איז דווקא געווען א לו טערער, זיין לויטערקייט האָט אויסגעזען להכעיס-דיק, חוזקדיק. נאָר מיר האָט ער אויסגעזען להכעיסדיק, די ס.ס. לייט ניט. זיין האָבן אַפשר ניט געקוקט צום הימל.

פארנומענע ניט מארשירן אין קאָמפּאַקטע קערפּערשאַפטן, מיט געזאַנג און געשריי, איבער קרישטאָל און ביינער שפּליטערס, האָבן זיי קיין צייט ניט געהאַט צו באַטראַכטן דעם הימל.

כ'דערמאַן זיך איינעם א טאָג.

זיי מאַרשירן און אויף א בערגל זיצט דער מופּטי און ציילט זייערע טריט. כ'קען שווערן, אַז דאָס איז געווען טאַקע ער, דער ירושלימער מופּטי אָנגעטאָן אין גלחישע קליידער, זיצנדיק קינדעריש מיט די פיס אונטער זיך, ציילנדיק רייען און טריט, וועונדיק א משונה ווי דן חלום: מיך אַריינציען איינגעוויקלען און פאַרגלעכטן אין שפּינגעוועב.

דאָס האָט ער זיכער געוואָלט. זויגן דאָס בלוט פון די אָדערן, גלויב איך קוים. ניין. צו עולם-הזהדיק האָט ער אויסגעזען, אַז מ'זאָל אים חושד זיין אין אַזא טייוולאַנישן פאַרמעסט. דער ירושלימער מופּטי און באָבע-מעשיות וועגן וואַמפּירן?! ווער וועט דאָס גלייבן? ניין, ניין. ס'איז געווען גלאַט אַזוי א שפּיל. כאָטש...“

„שיינט מיר, אַז דאָס געוועב האָט אים דערשטיקט?“ כ'האָב אונ-טערגעגאָסן וויין. זיין אויסזען איז געווען משונהדיק. שטיין געבלבן ערגעץ ביי די פּופּציק אָדער צו פרי געגרייכט צו די פּופּציק.

„אַן אַנדערן געוועב. צי אַפּער זענט איר גערעכט, זיין אייגן גע-וועב...“ ער האָט לאַנגזאַם געטראָגן דאָס גלאָז צום מויל, מיט די גע-דאַנקען ווער ווייסט וואו, א זופּ געטאָן, אָנגעהויבן שמייכלען, צוגעדעקט דאָס מויל מיט פיר פינגער און ווידער א זאָג געטאָן: זייט מוחל.

„פאר וואָס זאָל ער געוועזן וועלן פארכאפן אין שפינוועבס דווקא אייך?"

„וועגן כיינע זומערשפרענקעלעך. אוי, ווי ווערט מען זיי פטור!"

„כ'זע ניט קיין זומערשפרענקעלעך".

„איר האָט ניט די געהעריקע ראיה. טאקע דערפאר האָב איך זיך צו־געזעצט צו אייער טישל... דאָס מיטן מופטי איז, נאָך אלעמען, געווען ניט מער ווי א חלום, אָדער גלאַט א שפּיל. מער איז אים דעמלט ניט געלונגען. ערגער איז געווען פריער ווען מ'האָט געברענט לעבעדיקערהייט, און שפּעטער, ווען מ'האָט קודם דערשטיקט און נאָך דעם געברענט, אָדער נאָך שפּעטער... לאָמיר זאָגן זעקס יאָר פאר, אָדער נאָך דעם ברענען, דעמלט ווען דער צוועק איז נאָך ניט געווען, אָדער שוין ניט געווען דאָס אש. אש וואָלט נאָך געווען, ווי ניט איז, אָבער די שפּורן, די ווייסע ביינשפּליטערלעך, מיט געלע פלעקן ווי זומערשפּרענקעלעך וואָס דרינגען טיף אין דער בלאַטע, ביז ס'ווערט פון זיי א מאָזאאיק. איר האָט מן־הסתּם געזען אָט די מאָזאאיקן אין דער צייט אָדער נאָך דער מלחמה, האַ? ניט געזען? א שאָד, ניט אזוי צוליב דעם מאָזאאיק, ווי צוליב וויסן ווי עס זעט אויס מיט די זומערשפּרענקעלעך".

„צוליב וואָס?"

„צוליב וואָס, פרעגט איר. ווייל ברענען אין אויוונס איז געווען איינפאך, איבערהויפּט איידער מ'האָט זיך דערוואוסט. כל זמן מ'האָט ניט געוואוסט, האָט מען געהאַט א האָפענונג, אז מ'וועט זיך ראַטעווען, מ'וועט איבערלעבן, און ווען מ'האָט שוין יאָ געוואוסט, איז געוואָרן קלאָר, אז קיין רעטונג איז ניטאָ. דעמלט האָט מען געהאַט דאָס זעלבע געפיל ווי א פאַרמשפּטער צו טויט, אָן א פאַרוואָס. וועלכער פאַרמשפּ־טער צום טויט אָנערקענט דען דעם פאַרוואָס? פאר אים איז דאָך שטענדיק דער אורטייל אן אָן־פאַרוואָסיקער, אן אומגערעכטער, א ניט־גילטיקער.

„איר איבערטרייבט. דאָס איז געווען אמאָל".

„אין דעם באַשטייט דאָך די זאך. פאר מיר איז ניטאָ קיין אמאָל. אלץ שמעלצט זיך צוזאמען אין איין ווילדן קנויל. סיי דאָס ברענען לעבעדיקערהייט, סיי די געשיכטע מיטן מופטי, און סיי דאָס שפּעטערדיקע. ביי מיר איז דאָס, וואָס געווען און דאָס, וואָס וועט זיין, איין שוואַרצער אָדער בלויער הימל. פאר מיר איז ניטאָ קיין צייט און עלטער. צייט איז פיסיק, א וואַסער אָן אָנהויב און אָן סוף... זאָגט מען א טייל פון טייך, מיינט מען דאָך דאָס בעט פון טייך, דאָס וואַסער האָט ניט קיין חלקים, עס פליסט, האַ?"

פון הינטער די פיר פינגער האָט זיך דערהערט דאָס דריבנע געלעכטערל. זיין בליק האָט אָנגעוואָרפן א פחד, א כינצטערניש זאָט געשפּאָרט פון דער טיפעניש פון זיינע אויגן. ער האָט גענומען א ביסעלע וויין, און פאַרגעזעצט זיינע משונהדיקע געדאַנקען, געמישט קאַפּיטלעך פון א געשיכטע, וואָס מוז זיין יעדן א באַקאַנטע.

„אז ס'איז האַלב צוועלף, האָב איך זיך דערוואוסט אָנקומענדיק פון לאַגער וואו מיר האָבן פאַרבראַכט צוויי יאָר, ניט א טאָג מער, און ניט איינעם ווייניקער, אין א נייעם לאַגער, וועגן וועלכן מיר האָבן ביז דעמלט ניט געהערט. דער וועג פון וואָקזאַל ביז דעם לאַגער איז געווען לאַנג און שווער. אַבער זעענדיק, ווי שווער מיר שלעפּן די פיס, האָבן זיי אים פאַרלענגערט. פון וואַנען האָט כ'ון ים-פינצטערניש אויפגעטויכט א באַ-לויכטענער טויער. ביז היינט ווייס איך ניט, צי האָבן זיי אין יענעם מאָמענט אָנגעצינדן דאָס ליכט, צי ס'האָט געברענט די גאַנצע צייט קינ-ציק קאַנטרולירט. ווען כ'האָב א שפּאַן געטאָן אונטער דעם טויער-בויגן, האָט די וואַך געפּרעגט, וויפל ס'איז דער זייגער, און עמעצער האָט געענטפערט: האַלב צוועלף. כ'האָב פאַרשטאַנען אז סיי די פראַגע, סיי דער ענטפער זענען סימנים, דאָס איז בלי ספק. ס'קאָן דאָך ניט זיין אז איינער וואָס שטייט א יף דער וואַך, זאָל ניט וויסן, אז עפּעס געשעט אַז מ'וואַרט אויף עמעצן, אז מ'גרייט צו עפּעס אַזעלעכס, אָן וועלכן דאָס וואָס ס'איז געשען ווייטער, וואָלט ניט געקאָנט געשען. אַזוי אז זיין פראַגע, זיין נייגעריקייט איז זיכער געווען א פּלוצימדיקע, א ניט פון זיין ווילן באַשטימטע. דער מיין, ווי כ'האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, איז געווען אז כאָטש איינער פון די אָנגעקומענע זאָל וויסן, אז ס'איז האַלב צוועלף ביי נאַכט נאָענט צו חצות, פּונקט אַזוי ווי ער וועט זיך כוזן דערוויסן שפּעטער, אז ס'איז האַלב איינס, ער זאָל פאַרגע-דענקען, אז דאָס וואָס געשעט קאָן ניט אָפּגעטאָן ווערן אין איין טאָג, ווייל נאָר איין טאָג קאָן ניט נעמען אויף זיך די אחריות, קאָן ניט איבערטראָגן אַזא געשעעניש".

„העפלעך, מיט גרויס העפלעכקייט, האָט מען אונדז אויפגענומען זיך געהייסן אויסרוען אין א ריינעם באַראַק. די וואַך האָט געראָטן: שטיל שטילער, שטערט ניט די מענטשן וואָס שלאָפן, וואָס רוען נאָך א טאָג אַרבעט. אין דעם בין-השמשותדיק באַלויכטענעם באַראַק האָט די זויבער-קייט געשמעקט. פון אויבערשטן פּריטש האָט מען געהערט א רעגלמעסיק אָטעמען פון געזונטע, מידע מענטשן. אונדז האָט מען באַלייגט אויף

דער פּאָדלאָגע, מיט די קעפּ צו די פּריטשן, אין א גלייכער שורה לענג־אויס א ווייסן צייכן. מיר זענען תיכף איינגעשלאָפן. א שווערער, זיסער שלאָף נאָך א וועג, וואָס האָט אויסגעזען אן אויסזיכטלאָזער, און זיך ארויסגעוויזן א גליקלעכער. קיין עסן האָט מען ניט געגעבן. מ׳האָט געזאָגט שפּעטער.

געשלאָפן זענען מיר א שעה, אָדער כמעט א שעה. נאָך יאָרן פון כוטשעניש און דערנידערונג וועלכע מ׳האָט געקאָנט אויסמיידן, נאָר פחדניש און כיטרע אָדער מיט א מזינקן, צי גאָר באזיניגטן טויטן-מוט, איז געקומען אָט דער מאָמענט פון רו פאַר אלע רמח אברים. די שעה האָט זיך געצויגן פון האַלב צוועלף ביז האַלב איינס ביי נאַכט, האָט פאַרטשעפּעט צוויי טעג, ווייל איין טאָג איז געווען צו קורץ פאַר אזוי פיל גוטקייט און אכזריות...“

„הויבסט זיך אָן דערמאָנען?“ האָט ער א פרעג געטאָן, אָפּגערוקט דאָס גלאָז וויין, געפּרואווט זיך איינקוקן אין מיינע אויגן, און זעענדיק אז מיין בליק בלאָנדזשעט איבער די נאַקעטע ווענט, זיך ווידער דריבנע צעלאַכט, מיט א געלעכטערל, וואָס איז געקראָכן איבערן לייב ווי ווילדע מוראשקעס. „זעסט, דערפאַר האָב איך זיך דאָ צוגעזעצט... פּונקט האַלב איינס האָט, ווייזט אויס, עמעצער א פייף געטאָן, אָדער געגעבן אן אנדערן צייכן, ווייל אָן א רוף, אָן א קאָמאַנדע איז אוממעגלעך, אז אלע פון אויבערשטן פּריטש זאָלן געווען א שפּרינג טאָן, אין דער זעלבער סעקונדע, אָדער אין א טיילעכל פון א סעקונדע — זיי האָבן זיך דערצו געגרייט א לאַנגע צייט אין שולן און אוניווערסיטעטן פון מערב ביז מזרח, פון בראשית ביז סוף — מיט אזא פּינקטלעכקייט, גלייך אויף אונדזערע פּנימער, און אויסזעצן צעברעכן, צעדרויבלען כאָטש די העלפט ציין מיט זייערע געקאָוועטע אָפּצאַסן, און נאָך איידער מ׳האָט זיך ארומגעקוקט זענען שוין געפלויגן, האָבן שוין געסווישטשעט און געקנאַקט די בייטשן, האָט מען שוין געשטויסן די קעפּ אין בלעכענע נאַרבלוטיקע שיסלען און געצוואונגען לעקן דאָס אייגענע בלוט, אין ריטעם פון א זייער אומבאַקאַנטן און אונדז אזוי היימישן: ב-ד-מ־יך ח-יי, ב-ד-מ־יך ח-יי, טויט די זו-מער-שפּרענ־קעל-דיקע...“

כ׳ווייס ניט צי ער האָט געענדיקט מיטן דערציילן, אפשר איז דאָס געווען נאָר דער אָנהויב פון א נייער תוכחה כ׳ווייס נאָר אז כ׳בין אנטלאָפן פון טיש, ארויס אויף דער גאַס, דערזען געשווירענע קעפּ, קיילעכדיקע און אלכסונדיקע בליקן, געפּוצטע שיך, קראָכמאַלעטע העמדער, צעכראַס-

טעטע, באהאָרטע ברוסטן, קראוואטן, נאקעטע ברעמען, בעלמעס און פרישטשעס, אלץ האָט געטאנצט און געבלאָנדזשעט, אלץ האט זיך געדרייט אין אווילדן קרייז, געפּראוווט צוזאמענשטעלן דעם ראָבאָט פון פּאָטענציעלן מערדער; בין איך אריין אין ערשטן אווטאָבוס, דערזען די זעלבע סמנים פון מערדער און אין שפּיגל מיין פּנים באשיט מיט זומערשפּרענקעלעך...

*

דער דאָקטער הייסט מיר גיין אהיים. ער ווייסט, ווייזט אויס, ניט אז תשעה באב קאָן פאלן אויך אין חודש כסלו.

(ו׳ כסלו תשל״ו)

## סכך אויפן דאך

פיר אותיות כמעט א שם המפורש. א בילדל, פיר העל-שווארצע ווירעס אין דער לענג פון טונקל-געלן דעלפאנדביין-עילדל אויף אן אתרוג-קעסטעלע? כ׳ווייס ניט. א קאָשמאר, אן אמתע געשיכטע? איינס ווייס איך יאָ. דאָס אתרוג־קעסטעלע דערמאָנט אין סכך, און דאך.

סכך. אז ס׳קומען אָן די סוכות־טעג קומט מיר אויפן רעיון ווי ס׳האָט געפּסלט אונדזער סוכהלע רבי שלמהלע דער דיין...

שמואל, מיין עלטערער ברודער, מאכט א גריבל, ווישט אָפּ דעם שווייס פון שטערן, נעמט דאָס דרענגל, שטעלט עס אריין אין גריבל, מעסט מיטן בליק פון אונטן ארויף און פון אויבן אראָפּ, זאָגט: חברה, האלט אזוי אז ס׳זאָל זיך קיין ריר ניט טאָן. שטופּן מיר איינער דעם אנדערן. אלע ווילן האלטן דאָס דרענגל. פאלט עס אום א.יף איינעמס א פוס, ווערט א געוואלד. דער געטראָפּענער שרייט, וויינט, און מיר פרייען זיך, פּטור געוואָרן א קאָנקורענט. מיין עלטערער ברודער שמואל פארטיילט רעכטס און לינקס א פּאָר פּעטשלעך איבערן הינטערן, מ׳זאָל וויסן אז זיין טועכץ איז ערנסט, אז ס׳איז ערב יום־טוב, אז ס׳איז ניט קיין צייט אויף שפּילערייען, דערמאָנט אין צער בעלי חיים: „וואָס הירזשעט איר ווי די לאָשעקעס, ! יענעם טוט וויי ?“ אָבער אונדז פארטרייבן פאלט אים ניט איין. דער יום-טוב איז אונדזערער, די פרייד טיילצונעמען אין בויען די סוכה

ווייל ער אונדז ניט פארשטערן. צי אפשר דערפאר ווייל ער נויטיקט זיך אין אונזער הילף. רייניקט ער דעם גרוב פון אריינגעפאלענע ערד און שטיינדלעך בשעתן איבערקערן דעם דראָנג, פארטיפט אין איין וועגס א ביסעלע דאָס לאָך. שוין דעמלט ווען ער האָט געזאָגט „האלט" האָט ער געטראכט אז מ'וואָלט געדארפט דאָס גריבל מאכן טיפער, אז דער דראָנג איז צו הויך, נאָר זיך געפוילט ארויסצושלעפן דאָס דרענגל, גראָבן, ארויס־ווארפן די ערד. איצט, אז ס'איז שוין יאָ געשען, מוז מען שוין טאקע א ביסעלע פארטיפן דאָס לאָך. ער הויבט ווידער אויף דעם דראָנג, שטעלט אים פאמעלעך אריין פונקט אין מיטן גרוב, און קלויבט דאָס מאָל אליין אויס די, וועלכע זאָלן עס האלטן, פארזאָגט די איבעריקע זיך ניט צורירן ביז ער וועט ניט רייסן פארשיטן מיט דער אויסגעגראָבענער ערד, פארפעסטיקן מיט שטיינדלעך, צוקלאפן די ערד טאנצנדיק ארום זייל, וואָס דארף אונטערהאלטן צוויי ווענטלעך און טראָגן די גאנצע משא פון סכך. ווען דער סטאָלב בלייבט שטיין א גלייכער, מאיעסטעטיש ווי א זייל פון א פאלאץ, קוקן אויף אונדז, דיע וועלכע האָבן אים געהאלטן, מיט עדיפות, ניט איבער עגנהייט, ווי איינער רעדט: וואָס זאָגט איר אויף אונדזער שטיקל ארבעט?

די סוכה דארף נאָר צוויי ווענטלעך, די אנדערע צוויי זענען גע־מויערטע, ווייל די סוכה שטעלן מיר אויף אין ווינקל לעבן דער וועראנ־דע, אזוי וועט זי זיין א ליטיקע און דאָס עסן וועט מען אריינגעבן גלייך דורכן פענצטער.

דאָס אמתע קאָמאנדעווען מיט אונדז הייבט אָן ביים איבערקלייבן די ברעטלעך, ארויסציען און אויסגלייכן — ווער מיט א העמערל, ווער צווישן צוויי שטיינדלעך — פארזשאווערטע טשוועקעס. חברה לויפט, רעשט, פרעגט, טראָגט אונטער דעם קאָמאנדיר אָנשפּיציקע טשוועקעס, צו קורצע ברעטלעך און דער בנין וואקסט קרומקיילעכדיק, יאדעשלעוואטע. ס'דאכט זיך אז אָט, אָט וועט ער צוזאמענפאלן. ער פאלט ניט צוזאמען. די ווענטלעך וואקסן פאמעלעך, געבונדענע מיט שטריקלעך. געקאָוועטע מיט דראָטן, און די סוכה שטייט און ווארט אויפן עיקר, אויף דעם סכך.

דער שענסטער סכך איז פון „סטרוזשענעס", פון קוקורודזע־שטאנגען. כאָטש טרוקענע זענען די שלאנקע מיט געל־גרינע בלעטער באוואקסענע קוקורודזע שטאנגען אויס לעבעדיקע. די לופט שטראָמט צווישן זיי א פרישערע, א לויטערערע און זינגט צוזאמען מיט די מסובין די שיר־המעלות. דורך סכך פון קוקורודזע־שטאנגען ווינקען די שטערן,

רוימען איין יעדן איינעם א באזונדערן סוד. אונטער אזא סכך איז די סוכה א סוכה, און דער יום-טוב א יום-טוב. איין מאָל בין איך געווען מיטן טאטן צו קידוש ביים רבין. א שווערע סוכה, אָן סכך. צוגעדעקט גאָר מיט געפארבטע ברעטלעך. ס'איז געווען א גאַנץ רחמנות אויפן רבין, זיין בלייך פנים, די זעיפיצע, דאָן זיך געוואָרפן גלייך ס'וואָלט אויס-געפעלט לופט. אין א מיט קוקורודזע-שטאנגען געדעקטער סוכה, אונ-טער געל-גרינבלען סכך, קאָן אזעלעכס קיין מאָל ניט געשען.

ווען מיין עלטערער ברודער שמואל טוט א געשריי „סכך“, קלינגט עס פונקט אזוי דערהויבן ווי דעמלט ווען דער חזן שרייט אויס: „כהנים!“ מיר גייען זיך א לאָז ווי די בינען, און טראָגן אים אונטער קליינע בינ-טעלעך מיט דריי פיר קוקורודזע שטאנגען, וועלכע ער לייגט אויס מיט גוואלדיק חריצות אויף דער סוכה. פון אינעווייניק זעט עס אויס ווי אויסגעפלאָכטן, ווי א זיידן שאַך־ברעט.

דער באַפעל: „גענוג!“ געפינט יעדן פון אונדז מיט א בינטעלע שטאנגע , וואָס מיר וואַרפן אוועק מיט חרטה. ס'איז א רחמנות אויף די „סטרוזשענעס“ וואָס האָבן ניט זוכה געווען צו ווערן סכך. זיי וואלגערן זיך אָבער תיכף פארגעסענע, ווייל שמואל הייסט ברענגען די קאָבריצלעך וועלכע די מאמע האָט אָנגעגרייט אויף צו באהענגען די ווענטלעך, און אין סוכה זיפט זיך דורכן סכך יום-טובדיקע ליכט, זיפט זיך פאמעלעך, מיט יראת-הכבוד, כמעט פארשעמט ווי א בתולה, ווארט מיט הארצקלאפּעניש דער טאטע זאָל זיך באווייזן אויף דער שוועל און זאָגן: יאָ...

מיט דעם הויבט אָן דער יום טוב.

*

...א דאך איז ניט קיין סכך. אצינד, קאָן איך א צייט אונ-טערשפּרינגען אויפן פלאץ צי אפילו כאפן א פאָר טריט רעכטס און לינקס, צעריירן די ביינער, העט פון דעם בלוט רינען אין די פארפרוירענע אָדערן, א שר נשפארן ביז צו די פינגער. אצינד, איז אויף דער וואך דער לייטישער. די וועכטער זענען דריי, צוויי רשעים און איינער א לייטישער. פאר מיר וואָלט געווען א סך בעסער ווען נאָר איינער זאָל זיין א רשע און צוויי זאָלן זיין לייטישע, איז מוז איך זיך באגנוגן נאָר מיט איינעם. דאָס איז אויך א געשאנק פון גורל. וואָס וואָלט איך געטאָן ווען אלע

דריי זענען רשעים? שטיין אכט-און-נערציק שעה א נאקעטער, גלייך ווי א חירע, ווי א סטאָלב, זיך די גאנצע צייט ניט א ריר טאָן, איז שרעקלעך שווער. אין דעם באשטייט די שטראָף. איין גליק וואָס ס׳איז ניט ווינטער. ווינטער קומט מען פון דאָ קיין לעבעדיקער ניט ארויס. אזוי האָט מען מיר דערציילט. אצינד גלייב איך אז ס׳איז א.ת. אצינד איז אָבער הארבסט, מיין איך אז ס׳איז מעגלעך איך זאָל דאָך אויסהאלטן און זיך ארויסדרייען.

ווי לאנג איך שטיי שוין אזוי, ווייס איך ניט, כ׳וואָלט געקאָנט שווערן אז ס׳איז שוין די צווייטע נאכט, אפשר האָב איך דאָך א טעות. כ׳קאָן זיך בשום אופן ניט דערמאָנען ווען כ׳האָב אָנגעהויבן שטיין אין דעם קאָרידאָר. דער קורצער פאר די נאקעט־שטייענדיקע זעט אוים ווי א קאָרידאָר, אָדער ווי א ליק. צוויי הויכע ווענט און א שטיקעלע הימל. ביי טאָג דרייט זיך די זון ערגעץ איבער די ווענט. אריינקוקן אין דער ליק קאָן זי ניט. און טאָר ניט. ליכט איז דאָ געפערלעך. אזוי שטעל איך מיר פאָר. דעם ארכיטעקט, אָדער דעם אינזשיניער וואָס האָט פראָיעקטירט די ליק איז ניט לייכט אָנגעקומען צו קאלקולירן די ווייך פון די ווענט, אזוי אז אפילו מיטאָג-צייט זאָלן זיך די שאָטנס נאָך די ווענט אויך באגעגענען. ניט נאָר הארבסט, אויך אין מיטן זומער. דאָס האָט דערציילט איינער וואָס איז דאָ געשטאנען צוויי און זיבציק שעה, גאנצע דריי מעת-לעת, אין א זומער חודש. זומער איז די שטראָף א לענגערע, זי קאָן אָנהאלטן אפילו א וואָך.

מיטאָג צייט. ניט ווייל מ׳ברענגט עפעס צום עסן. אין דער צייט וואָס מ׳איז באשטראָפט קריגט מען ניט צום עסן. דאָס איז כדי מ׳זאָל זיך ניט נוזן באוועגן. ווייל כל זמן מ׳שטייט דאָ טאָר מען מיט גאָר־ניט רירן, ניט די הענט, די ציין, די ליפן. אלץ מוז זיין פארשטיינערט. גיט מען זיך א ריר, קומט אריין די וואך מיט א שטעקן און דערלאנגט צען קלעפ. ניט איין קלאפ מער ניט איינעם ווייניקער. די וואך שטייט ערגעץ אויף יענער זייט מויער און זעט אלץ וואָס ס׳געשעט מיטן באשטראָפטן אויף דער זייט. אזוי האָב איך זיך דערוואוסט וועגן דעם לייטישן פון זיי. פלוצים האָב איך דערהערט א קול קוים וואָס ס׳האָט געשעפטשעט: ביסט בלוי פון קעלט. באוועג זיך א ביסל. טאָמער קומט עמעצער טו איך א הוסט. קודם האָב איך געמיינט ס׳איז א פראָוואָקאַציע אז ס׳גלוסט זיך אים א שפיל טאָן מיטן שטעקן איבער א פלייצע און מיינע זעט אויס אפעטיטלעך. געווען איז עס ביי נאכט ווען דער עלעק-

טרישער לאָמפּ וואַרפט עפיזן קאַלטע ליכט. כ'בין ווייטער געשטאַנען שטראָם, כאָטש די קעלט האָט געדרונגען דורך אַלע הויט-פּאָרן. אָן איינגעשרומפּענע האָט די הויט ניט אין גאַנצן צוזאַמענגעצויגן די לעכעלעך, די שאַרפע נאַכט לופט האָט געשפּאַרט דורך זיי, גלייך עמעצער וואָלט געשטאָכן די אָדערן מיט דינענקע אייז-שפּילקעלעך. נאָך דעם, ווען איך האָב מער ניט געפילט די שפּילקעלעך און אַלץ איז געוואָרן איין שטיין האָב איך אַ טראַכט געטאָן — און זיך געוואונדערט וואָס די געדאַנקען באַוועגן זיך נאָך — אַז אפשר איז שוין די העלפט פון שטראָף אַדורך, אפשר שטיי איך שוין פיר-און-צוואַנציק שעה, אפשר איז דאָך גלייכער אים צוליב טאָן און באַקומען אַ פּאָר שטעקענעס איבער די פאַרשטייינערטע מוסקלען און ביינער, דאָס וואָלט געקאָנט צערירן די געבלוטן. ביי דעם געדאַנק האָב איך אָנגעהויבן אונטערטאַנצן. די וואַך האָט אַ צייט געשוויגן דערנאָך האָב איך געהערט אַ הוסט און בין אין דעם זעלבן מאָמענט שטיין געבליבן שטראָם ווי אַ זעלנער. פון יענער זייט נויער האָט זיך געהערט אַ צופרידן געלעכטערל און תּיכּף אַ שעפּטשע: כ'האָב נאָר געוואָלט וויסן צי דו הערסט מיך. שפּרינג ווייטער, צייט זיך אויסצורוען וועסטו האָבן שפּעטער".

ווידער געקומען איז ער נאָך אַ יובל. צו ערשט האָט געטאָגט, נאָך דעם האָט אַ שטראַל אַ לעק געטאָן דעם שפּיץ מויער און אים געפאַרבט געל. שפּעטער איז געקומען דער לייטישער. כ'וואָלט זייער געוואָלט וויסן, ווי אַזוי ער זעט אויס. כ'גלויב ניט אַז אין תּפיסה — אויב כ'וועל פון דאָ אַרויס אַ לעבעדיקער — וועל איך אים דערקענען, אפשר, ווען ס'זאָל מעגלעך זיין אַז אונדזערע בליקן זאָלן זיך באַגעגענען. קוקן אין די אויגן פון אַ וואַכמאַן טאָר מען אָבער ניט. זיי קאָנען דאָס ניט פאַרליידן. קוקסטו זיי אין די אויגן הויבן זיי תּיכּף אָן שלאָגן, כ'בין זיכער אַז ער וואָלט זיך ניט אַזוי באַנומען, איז גיי טרעף וועלכער ער איז עס, אַז אַלע טראָגן זיי איין סאָרט שטיוול און איינפאַרביקע הויזן. אַצינד ווען כ'האָב מיר אַ ביסעלע צעפירט די געבליטן קומט מיר אַלץ אויפן געדאַנק אַ פראַגע: פאַר וואָס איז ער אַ לייטישער? ווי אַזוי איז געשען אַז כּון דריי זאָל איינער זיין אַ לייטישער? צווישן צוויי רשעים שטייט איינער א... ס'קומט אויס יעזוס צווישן די אַנדערע צוויי. ביי דעם געדאַנק קאָן איך איצט אַ שמייכל טאָן, ווייל דאָס בלוט צירקולירט שנעלער, ביז די פינגער, ביז די ליפּן.

די וואך האָט א הוסט געטאָן און איך בין געבליבן שטיין. צו מיך איז אוועק די צייט פון לייטישן. ס'הערן זיך טריט, א נייע קול, ס'איז ניט דאָס קול פון איינעם פון די צוויי רשעים. זייערע שטימען דערקען איך צווישן טויזנט. אפשר א נייער? אפשר אויך א לייטישער? כאָטש ניט כדאי וועלן צו פיל. נאָר אויב באמת א נייער, און דערצו א לייטי-שער קאָן דאָך טאקע זיין כ'זאָל זיך ארויסדרייען פון דער געשיכטע א לעבעדיקער און א גאנצער.

...געשיכטע. איינגעטלעך איז גאָרניט געשען. כ'בין געשטאנען אין צעלע, די טיר האָט זיך געעפנט, עמעצער האָט ארייגעקוקט און געזאָגט ניט מער ווי אכט און פערציק. צו ערשט האָב איך ניט געוואוסט וואָס ס'זאָל באטייטן, נאָר ווען מ'האָט מיך אפגעפירט אין לאבירינט און מיר געהייסן זיך אויסטון נאקעט, האָב איך פארשטאנען. אצינד ווייס איך מער ניט פינקטלעך, צי האָט ער געזאָגט צוויי אָדער דריי מעת-לעת. צו מאָל דאכט זיך מיר אז ס'זענען שוין פארביי מער פון דריי נעכט. כ'מיין אז ער האָט דאָך געזאָגט נאָר אכט און פערציק. אויב נאָר צוויי מעת לעת און דער נייער איז א לייטישער וועל איך זיך זיכער ארויסדרייען.

ניין. ס'איז ניט קיין נייער. ס'איז איינער וועלכן ס'האָט זיך פאר-גלוסט א שפאציר איבערן לאבירינט, א קוק טאָן ווי אזוי ס'זעט אויס. ווייזט אויס ער האָט מיך א צייט באטראכט. ער זאָגט: „נעבעך, ער איז בלויז ווי א מילך.“ דאָס מיינט ער מיך. „ווער ווייסט, פרעגט ער זיך, צי ער וו'עט אויסהאַלטן.“, און איך טראכט: א לייטישער, אן עבירה וואָס ער בלייבט ניט אויף דער וואך, ער וואָלט אויך מיך געלאָזט שפרינגען. ער זאָגט: „כ'קאָן ניט פארשטיין פאר וואָס מ'מוטשעט זיי אזוי. ס'איז שוין געווען בעסער פריער“. ווען פריער? פרעגט די וואך. „פאר דעם אפשאַפן די טויט-שטראף“, ענטפערט דער נייע געקומענער. „דעמלט איז געווען פשוטער, א קויל אין נאקן און פארטיק...“ אפהענגיק פון ווע-מענס שטאנדפונקט בעסער, זאָגט די וואך. „פארשטענדלעך“, ענטפערט דער נייע געקומענער, ער האָט, ווייזט אויס, ווידער א קוק געטאָן אויף מיר ווייל ער חזרט איבער: „נעבעך, בלויז ווי א מילך. ער זעט אויס ווי א פארשטיינערטער דראָנג.“ דאָס דערמאנט מיך אין סוכה, דרענגלעך, אין סכך און ס'דאכט זיך מיר, אז ווען דער קארצער זאָל זיין צוגעדעקט מיט „סטרוזשענעס“ וואָלט געווען בעסער, די געל-גרינע בלעטער וואָלטן אפשר דערוואַרעמט די לופט... דער נייגעקומענער זאָגט עפעס. מיטן

געדאנק צום סכך האָב איך פאַרהערט זיינע ווערטער. אפשר האָט ער אים געראָטן מיך לאָזן זיך א ביסעלע באַוועגן. כ'הער זיך איין. „יאָ, זאָגט ער, פריער איז געווען בעסער פאַר ביידע. סיי פאַר זיי, ווייל זיי האָבן זיך ניט געמוטשעט, און סיי פאַר מיר. פאַר יעדן שאָס אין נאַקן האָט מען מיר געצאָלט דריי טויזנט מאַלער. מיט דעם געלט האָב איך געגאָסן דעם יסוד, אויפגעהויבן די ווענט און געשפּרייט די סטעליע. געבליבן ניט מער ווי אַרויפצושטעלן דעם דאַך, האָט מען אָפּגעשאַפט... א שאָד. ווען מ'זאָל ניט געווען אָפּשאַפן וואָלט די שטוב איצט שוין געהאַט א דאַך"...

א פּאָר טריט הין און צוריק. „א רחמנות אויף אים", זאָגט ער, און דאָס מאָל דערווייטערן זיך שווערע טריט פון א מיט זאָרגן באַלאַסטעטן מענטשן.

א שטוב מוז האָבן א דאַך, טראַכט איך וואַרטנדיק אויף דעם ליי־טישנס א ווינק אַז כ'מעג א ביסעלע אונטערטאַנצן. ער איז גערעכט, אַז מ'וויל א דאַך, קאָן מען מיט קיין סכך ניט אויסקומען.

איז גאָר אפשר אויף אים אויך א רחמנות.

## רבי ציגעלע

מיט א באַזונדער געפיל האָבן היינט יידן אויסגעבעט מיט שטרוי דעם שטאַל, אונטערגעוואָרפן די קי א בינטל טשיקליעזשעס, צוגעגרייט פאַר די פערד זעקעלעך מיט האָבער אויף א גאַנצן מעת-לעת. אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט מער ליבע און צערטלעכקייט ווי אין אַלע טעג פון א גאַנץ יאָר. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אויך די בהמות וואַרטן אויף דעם קומענדיקן טאָג מיט א ציטער, ס'האָט אויסגעזען מ'געזעגנט זיך, איטלעכער גרייט זיך אויף זיין שטייגער און ניט קלאָרקייט פון וועג. אַרומגענומען א לעצט מאָל ניט אן עטוואָס פאַרזאָרגטן בליק דעם שטאַל האָט מען א לייכטן קרעכץ געטאָן, געוואָרפן דעם ניט-יידישן שכן, אים נאָך א מאָל געבעטן ער זאָל פון צייט צו צייט אַריינגיין א קוק טאָן, מאַלע וואָס ס'קאָן געשען מיט א בהמה, נאָכלאָזן — אויב מ'וועט דאַרפן — דאָס שטריקל, אונטערטראָגן אן עמער וואַסער...

אַריין אין שטוב, אַראָפּגעוואָרפן די שטיוול און אוועק באַרג-אַראָפּ צום מרחץ וואָס לעבן וואַסערל. צוריקגעקומען איז מען ניט דעם בינטעלע

וואַכעדיקייט אונטערן אָרעם ניט ווי אַלע פרייטיק פון אַ גאַנץ יאָר, מיטן געדאַנק צו אַ טעלערל צימעס, שטיקל געפילטע פיש, אַ שטיקל ראָסל-פלייש אָדער גאָר צום ווײַן אויף קידוש. נײַן. אויסגעטאָן פון טאָגטעגלעכן האָבן די געדאַנקען געטראָגן אין ניט באַקאַנטע ספערן, צו עפעס וואָס מ׳קאָן קוים תופס זײַן. די געדאַנקען, צי גאָר דאָס קלעטערן באַרג-אַרויף האָט געשפרייט אויף די פנימער אַ בלייכקייט — די בלייכקייט פון פאַר אַ שלאַכט.

און אויסגעבאָדענע, געטובלטע, אויסגעצוואָגענע און אויסגעבערשטע איז די בלייכע עדה געגאַנגען דאַוונען מנחה, אַרײַנוואַרפן אַ פּאָר מטבעות אין די טעלערלעך וואָס אויפן ווייס געדעקטן טיש פון פּאָליש, זיך אײַלן אַהיים צו פאַרפאַסטן און זיך ווידער לאָזן אין שול אַרײַן צו דעם יום־הדין — צו כל-נדרי. אין אײַלעניש האָבן נאָר ווייניקע באַמערקט אַז דעם חזנס טעלערל שטייט אַ פּאַריתומטס. אין טעלערל האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ בערגעלע געלט, אָבער דער חזן איז ניט געווען דערבײַ, האָט ניט געוואונטשן אַזוי ווי דער שטייגער איז אַ כתיבה וחתימה טובה.

שוין דאָס דריטע יאָר זינגט אויף ימים נוראים קומט דער זעלבער חזן. אַן עלטערער ייִד, געווען אַמאָל אַ שם דבר, באַרימט אין שטעט און שטעטלעך, מוז ער זיך אַצינד באַגניגן מיט די דרײַ שכנותדיקע דערפער — וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן איין גרויס דאָרף — מיט אַ צאָלרײַכער עדה ייִדן. געוויינטלעך פלעגט ער קומען צופאָרן אַ פּאָר טעג פאַר ראש השנה און אָוועקפאָרן צו זײַנע בני בית מיט דער „אַפּויטיקע“ ערשט נאָך סוכות. דער חודש אין דאָרף איז פאַר אים געווען אַ מין קור-אָרט. די קעסט בײַ פאַרשידענע בעלי בתּים זענען געווען ניט קיין שלעכטע; מילכיקס כּיד המלך, פליישיקס יעדן פרייטיק און שבת, אָפּגערעדט יום טוב, אַ פּאָר אייער יעדן טאָג (פּאָרט אַ חזן) און דערצו פרוכטן צו מאַכן אַ שהחינו צוויי מאָל אַ טאָג. ער פלעגט פאַרברענגען די צייט אין שול אָדער שפּאַצירנדיק אָנגעשפּאַרט אין שטאָטישן שטעקן (געבליבן פון די גוטע צייטן) איבער דאָרפישע גאַסן, זיך וואונדערן ווי ייִדישע קינדער שפּאַנען פערד, וואַרפן אַ שווערן אַקער אין וואָגן, טרייבן אָן שטייענדיק כמעט ווי די קינדער פון די אומות העולם.

דאָס יאָר איז ער תיכף נאָך ראש השנה אָוועקגעפאָרן אַהיים, צוגעזאָגט קומען באַצײַטנס, זיך אויסרוען פון וועג פאַר כל נדרי, יום פור איז אַ שווערער טאָג איבערהויפּט פאַר אַ שליח ציבור. האָט מען געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט. דאָס וואַרטן האָט זיך אויסגעלאָזט אַן אומזיסטיקס. די שיל איז פול, די ליכט ברענען, ס׳איז צייט אָנצוהייבן און

דער חזן איז ניטאָ. פרעגט מען זיך ווער ס'זאָל זיין דער שליח ציבור, ווער זאָל זיך אוועקשטעלן פאַר דעם בית דין של מעלה? קוקט מען איינער צו אַלע און אַלע צו יעדן באַזונדער: אפשר דו, אפשר דו? קיינער וואַגט זיך ניט.

צו יענער צייט האָבן זיך שוין געפונען אין דאָרף א פּאָר ייִנגע־לייט — ניט קיין גרויסע משכּילים, ניט קיין אויסגעשפּראָכענע אפּיקורסים וועלכע דער ענין האָט א ביסעלע פאַרוויילט. פאַסטן פלעגן זיי דווקא יאָ, צו כל נדרי פלעגן זיי קומען, נאָר באַטראַכט האָט מען זיי — און זיי זיך אַליין — ווי מענטשן וואָס שטייען מיט א פוס אינדרויסן. זענען זיי געשטאַנען ניט ווייט פון דער טיר און זיך צוגעקוקט מיט א קוים באַ־מערקבאַרן שמייכעלע צו די ראַנגלענישן פון דער עדה יידן.

אין איינעם פון די דריי דערפער — וואָס כאָטש זיי האָבן זיך צונויפגע־גאָסן אין איין גרויס דאָרף האָט מען דאָס נאָך אַלץ גערופן שורען — האָט געוואוינט ניט מער ווי איין ייִד. דערפאַר פלעגט מען אים רופן שמואל שורענער. א ייִד א הויכער, א האָריקער, א געלער, וואָס האָט זיך געריימט מיט א זיסן קול נגינה. א שטימעלע ביי אים, ווי ביי שמואל שורענער. פלעגט ער האָבן יאָרצייט האָט מען שוין געוואוסט אַז דער וואָכעדיקער שחרית וועט געדויערן ניט ווייניקער פון א שבתדיקן מוסף, אַז ער וועט ציען א הויכע שמונה עשרה ביז אין האַלבן טאָג אַריין. האָט טאַקע איינער א זאָג געטאָן: שמואל.

דער אפיקורסישער שמייכל אויף די פּנימער פון יענע ייִנגעלייט וואָס מיט א פוס אינדרויסן איז געוואָרן בולטער.

שמואל שורענער האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן, כמעט אַראָפּ־געריסן פון דעם ביי דער טיר שטייענדיקן שמש דעם קיטל, אוועק צום עמוד און שוין האָט זיך לאַנגזאַם געגאָסן איבער דער שול א שטילער שטראָם, א קינדעריש געוויין; „בישיבה של מעלה“... אין פּאַליש האָבן די ליכט־פלעמעלעך א ציטער געטאָן, אויף די געזיכטער האָט זיך אָנגע־הויבן באַוועגן יום־כיפּורדיק־מרה־שחורהדיקע פאַרכטיקייט, די געדאַנקען האָבן איבערגעיאָגט די צייט, זיי האָבן זיך שוין געפונען ביי דעם מאָרגנדיקן: „מי יחיה ומי ימות“. נאָר דער שמש איז געבליבן שטיין א פאַרפרעמד־טער, א דערשראָקענער. אָן דעם קיטל איז ער פלוצים געוואָרן א וואָכע־דיקער, אַן אומבאַהאָלפענער. אויסגעטאָן פון פאַנצער וואָס האָט אים גע־דאַרפט שיצן פון אַלע בייזע מלאכים איז ער געבליבן אַן איין־אַלייניקער. זיין צעשטרייטקייט האָט קיינער ניט באַמערקט חוץ די פּאָר דאָרפישע

משכילים וואָס האָבן זיך געפונען אין דער נאָענט. זיי האָט געוואונדערט זיין פארלוירנקייט.

קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט אז רבי ציגעלע, דער שטענ-דיק פריילעכער צו מאָל בייסיקער וועדטל-זאָגער, טראָגט מיט זיך א שרעקלעך צעריסענע נשמה, אז ניט איין מאָל דערפירן אים זיינע וואק-לענישן ביז צו יענער גרענעץ וואו ס'איז געגוג איין שפאן און מ'איז א פארפאלענער, ווייל דאָרט אויף יענער זייט הייבט זיך אָן די כופר בעיקר-דיקע אומענדלעכקייט; אז ניט איין מאָל האָט זיך אים געוואָלט א שפיי טאָן אין מקוה.

זיך געכאפט וואו ער איז, האָט דער שמש ערשט דעמלט ווען שמואל שורענער האָט ארויפגעקלעטערט ביז צום פינפטן הימל, איבערגעחזרט דריי מאָל מיט א כישופדיקער קאָפּ-שטימע „אנו מתירין" אָבער ביז די „עבריינים" ניט דערגאנגען. דער עדה, מיט צָפענע סידורים אין די הענט, האָבן זיך די „עברינים" באוויזן נאָך איידער שמואלן איז געלונגען א לעצט מאָל ארויסקיצלען דעם „מתירין". איבער דער „שיל האָט זיך א קייקל געטאָן א ניט היימלעכער געמורמל, אן אומרואיקייט האָט א בלאָז געטאָן איבער דער עדה און דערשיטערטע קולות האָבן זיך דער-הערט פון אלע זייטן: אוועק, אוועק פון דאָרט!

אן אלמן, האָט זיך דער האַריקער, געלער, שטאלטנער שמואל ווי ניט איז אן עצה געגעבן מיט א שכנה. אמת, אויך אן אלמנה, אָבער ניט קיין יידישע. א גאנץ יאָר האָט מען פארקוקט, זיך געמאכט ניט וויסנ-דיק, אָבער ער זאָל זיין דער וואָס טראָגט אונטער זייערע תפילות פאַרן כסא הכבוד — אז אהין מוז מען זיי דערטראָגן האָט קיינער ניט גע-צווייפלט — האָבן זיי נישט געקאָנט דערלאָזן.

שמואל האָט די געשרייען נישט געהערט. א פארחלומטער האָט ער ווייטער געצויגן דעם „אנו מתירין". א פּאָר מענטשן האָבן זיך א לאָז גע-טאָן אים אוועקרייסן פון עמוד, האָט זיי דער שמש איבערגעיאָגט און איינגערוימט שמואלן אויפן אויער: גיב אָפּ דעם קיטל, ער גרייכט דיר דאָך ביזן פּיפּעק, ס'איז א גאלע געלעכטער. איבערראשט, האָט שמואל שורענער געצויגן פון זיך דעם באמת שמאָלן, צו קורצן קיטל. אים ארויפ-ציענדיק האָט דער שמש זיך געשטעלט צום עמוד און אָנגעהויבן פון פאָרנט: „בישיבה של מעלה"...

א גאנץ יאָר פלעגט פאַרן עמוד דאַווענען דווקא דער ש.ש. דאָס איז געווען זיין פליכט. דער עולם האָט זיך צוגעוווינט צו זיין ציגענער שטימע, די זעלבע וואָס האָט גורם געווען דעם צונאָמען רבי ציגעלע. אורחים פאַר וועלכע מ׳זאָל זיך שעמען, אָדער דווקא וועלן אויסנעמען זענען זייער אָפּט אין דאָרף אריין — כאָטש א גרויס — ניט געקומען. צומאָל אַ פּעדלער אַזש פון מאַראַמאָרעש, האָט מען אויף אים געקוקט ווי אויף איינעם וואָס קומט כמעט ניט פון הינטער די הרי חושך. ווייל געשען איז עס תיכף נאָך אָן איבערקערעניש פון גרענעצן, אין א צייט ווען ס׳האָט זיך געבענקט נאָך יענע וואונדערבארע גליקלעכע צייטן ווען שיף-שנירלעך זענען נאָך געווען שנירלעך און האָבן איבערגעלעבט די שיף.

דאָס מאָל האָט דער שמש געפּרואווט א ביסעלע פאַריומטובן זיין ציגענע שטימע, האָט זיך באַקומען א מעקען פון אַן אכטטעגיק פאַרבלאָנדזשעט ציגעלע. דער עולם האָט געלאַכט אָבער דער שמש האָט אויף אים קיין אכט ניט געלייגט, זיך ווייטער געמעקעט א צופרידענער, וואָס ער האָט פאַרשפּאָרט דעם געזונטן, עטוואָס מגושמדיקן שמואל ש.רענער א בושה. די דאָרפישע משכילים-אפּיקורסים וואָס מיט א פוס אין דרויסן האָבן צום אָנהויב ניט פאַרשטאַנען וואָס אין שול געשעט, ערשט ווען ס׳איז געקומען צו „דאַיגדרנא" און די יידן האָבן געפּרואווט פאַרטרענקען דעם שמש שטימע מיט א דונערדיקן: הא, הא, הא, און ס׳איז זיי ניט געלונגען, האָט איינער פון זיי א זאָג געטאָן:

— וואָס זאָגט איר ווי רבי ציגעלע בריקעוועט?

— ס׳דאַכט זיך אז ער שפּרינגט גלייך אין הימל אריין, האָט געענטפערט אַן אנדערער מיט גומגעוויינטלעכן ערנסט.

איצט אין א לבנה-נאַכט. נאָך דעם צווייטן סדר, ווען אויף דער גאַס הערט זיך ניט מער ווי איין ייד אונטערוויגנדיק חד גדיא, דערמאָנט זיך די יום-טובדיקע געשיכטע מיט רבי ציגעלען. דויבט מען אויף דעם בליק צום הימל זעט מען אים ווי ער בריקעוועט פון איין דורכזיכטיק כמארעלע צום צווייטן, פון איין אייז-קריע וואָס שוועבט אויפן בלוי-שוואַרצן ים צו דער צווייטער.

ביי דעם געדאַנק, אז אפשר האָט זיך דעמלט אין דער אמתן אָנגעהויבן משכילן א דאָרפישע השכלה, נאָר קיין צייט ניט געהאַט זיך צו צייטיקן ווייל מ׳האָט זי פאַרשניטן, גיט די נשמה א ציטער.

## צווײ פּאַרטיזאַנען

דער קלײנער פּאַרטיזאַן. ניט צום פֿאַרשטײן ווי אַזוי ס'איז געשען כ'זאָל פֿאַרגעסן זײן נאָמען. איוואַן? נײן. איוואַן איז כמעט אַ כּלל־נאָמען אַ פֿאַראַלגעמײנערנדיקער, און ער דער קלײנער פּאַרטיזאַן איז געווען אַ יחיד במינו. נײן, ניט איוואַן איז זײן נאָמען.

מישאַ? גרישאַ אויך ניט. מישאַ קומט אויס עפּעס צו גרינג, ווי אַ שפּענדל אויף צעבושעווטע וואַסערן, אָדער ווי אַן אָנגעבלאָזן באַלאָנדל: אַ שטאָך מיט אַ נאָדל, באַרירן מיט אַ ציגאַרעטל און ס'איז אויס. נײן. ניט מישאַ.

פֿאַרגעסן צו האָבן זײן נאָמען איז מער ווי אַ שאָד. ס'איז כמעט אַ זינד.

ווען כ'האָב אים באַגעגנט איז ער אַלט געווען אין גאַנצן אַ יאָר צען. די שיף האָט אַראָפּגעלאָזט דעם אַנקער לעבן אַ פֿון ברעטער ווײט אײן ים געוואָרפֿענער בריק. דאָס הײסע בלײענע ים־געשמעלץ האָט געוואַרט מ'זאָל עס גיסן אין פֿאָרמען, די זון האָט געברענט קאַספּיש. אַ האַלב נאַקעטער, מיט סמאָלע אויסגעשמירטער איז ער אַרויסגעקראָכן פֿון אונטער די ברעטער, זיך אַרומגעקוקט און אַ פֿרעג געטאָן:

— אַ ציגאַרעטל?

— מהיכא תיתי.

ער האָט פֿאַררויכערט, טיף אַרײַנגעצויגן, נאָכגעקוקט די קנײלן רויך ווי אַ באַהאַונטער, זיך ווידער אַרומגעקוקט און דערזעענדיק אײנעם אַ פֿאַרכמורעטן מיט אַן אָנשטעל גלײַך ער טראָגט די וועלט אויף די פּלײצעס אַ וואָרף געטון

— דער שטאַב?

— בערך.

— אויב אַזוי גײ איך.

א פינטל טועדיק מיטן לינקן אייגעלע, צוויי מאָל צודעקנדיק א בלוי-גרינלעכן הימל, איז ער פארשוואונדן אין דער פינצטער פון הילצערנעם געוועב. דאָס מיט מאזוט און לײדיקע קאָנסערוון־פּישקעלעך פארשמוציקטע וואסער האָט אים איינגעשלונגען און אן עק.

גרויסע היצן אויף די ברעגעס פון קאספּישן ים. שרעקלעכע היצן. זיצט מען אויפן טראָטואר אין שאָטן פון א מויער און מ'ווישט דעם שווייס. אין שוויס-נעפל גייט פארביי א האלב נאקעט מיט סמאָלע אויס-געשמירט ייִנגעלע. ער קערט זיך אום און זעצט זיך דערנעבן. ס'איז איוואן! ניין, ס'איז מישא. פאר א קינד וואָס וויל ניט זיין קיין סימבאָל פאסט בעסער דער נאָמען מישא.

— א ציגאַרער מישקאַ?

— אויב דו האָסט.

— פון וואָס לעבט מען מישענקע?

— פון וואנדערן.

- וואו וואנדערט מען, מישאַ?

— היִן און צוריק מיט דער באַן.

— קאָן מען לעבן דערפון?

— א מאָל בעסער, א מאָל ערגער.

— למשל היינט מישענקע?

— היינט ערגער. ער לאכט און מיט אים שמייכלען צוויי גרין-בלוילעכע הימלען.

— וועסט אפשר עפּעס עסן?

— פאר וואָס ניט?

ער שפאנט לעבן מיר מיט זיכערע טריט, רויכערט ווי אן אלטער און טראָגט בכבודיק זיין מיט סמאָלע פארשמירטע קינדערישע האלב-נאקעטקייט. אָנגעקומען צו דער טרעפּ וואָס פירט ארויף צום רעסטאָראַן-קאַנטינע בלייבט ער א רגע שטיין גלייך עפּעס וואָלט אים א שטויס געטאָן אויף צוריק. ווי כ'האָב זיך שפּעטער דערוואוסט איז ער געווען זייער נאָענט באקאנט מיט דער דירעקטאָרשע. קיין קינדער האָט זי ניט געהאט, גענומען מישאַן צו זיך, געוואשן, גערייניקט, אָנגעטון און געראָטן זיך באזעצן. איז אָבער מישא אָפּגעוואוינט געוואָרן פון שלאָפן צווישן פיר ווענט, מיט א סטעליע פון וועלכער ס'הענגט א לאמפּ אי-

בערן קאָפּ. ער טראָגט ניט איבער די ווענט, נאָך ווייניקער די סטעליע, אָפּגערעדט דעם הענגענדיקן לאָמפּ. דער לאָמפּ איז א קאָמאַר.

— וואָס איז געשען, מישענקע?

— גאָרניט. וואָס זאָל געשען?

ניט געפרעגט צי וויל ער וואשן די הענט און ער האָט ניט געזאָגט אז ער וויל. זיך געזעצט צו טיש און געוואַרט. דעם באָרשט האָט ער געגעסן ווי אן אויסגעהונגערטער.

— פון וואַנען ביסטו, מישא?

— פון קובאַן.

— אזש פון קובאַן! — וואונדער איך זיך — און וואו זענען דיינע עלטערן?

— די מאַמע האָט זיך פון מיר פארלוירן בעת דער עוואַקואַציע.

— און דער טאַטע?

— דער טאַטע? — פרעגט ער איבער מיט א ציטער — ווען כ׳בין צוריקגעקומען אין שטאָט האָט ער געהאָנגען מיט נאָך צוויי אַנדערע אויפן פּלאַץ.

כ׳האָב שיער ניט געזאָגט „זיי מיר מוחל“, באַצייטנס גובר געווען מענטשלעכע שוואַכקייט. ער האָט א קוק געטאָן אין די אויגן האָב איך געזען אין זיינע אז מ׳דאַרף ניט, אז ס׳איז גענוג.

— און ווייטער, מישא?

— חוץ דעם באָרשט גיסטו גאָרניט?

— וואָס הייסט ניט געבן? אוודאי וועט מען געבן.

אין דער צייט וואָס ער האָט געגעסן די קאַרטאָפל בין איך צוגעשטאַנען:

— און ווייטער?

— וואָס האָב איך געקאָנט טאָן ווייטער ווי ווערן א פּאַרטיזאַן?

איז עס געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָבער ניט גענוג פאַר מיין נייגעריקייט.

— וואָס טוט א פּאַרטיזאַן ווי דו?

— זיך געדרייט, געקוקט, פאַרגעדענקט און געזאָגט וועמען מ׳דאַרף.

— און.

— די דייטשן האָבן זיך געכאַפּט, נאָכגעשאָסן און פאַרוואונדעט אַט דאָ — ער הייבט אויף דאָס פּיסל, ווייזט די פּיאַטע. פילנדיק די קויל אין ביין, ציטער איך אויף.

— ווי אַזוי זשע האָסטו אַנגעשפּאַרט אַהער? — פרעג איך ווי מ׳פרעגט צווישן דערוואַקסענע.

— געקומען אַ קליינער אַוויאָן, פון די וואָס מ׳רופט קוקורוזני־קעס און געבראַכט אויף דער גרויסער ערד.

— אַ ספּעציעלן אַוויאָן! — חידוש איך זיך, כאָטש ס׳חידושט זיך ניט.

— מ׳האָט געזאָגט אַ פאַרדינסטפולער — זאָגט ער ווישנדיק מיט דער האַנט דאָס מויל.

כ׳בעט אים וואַרטן און לאָז זיך צו דער קאַמער ברענגען אַ שטיק שאָקאָלאַד. דאָ אויף דעם ברעג קאַספּישן ים בין איך אַ פּריווי־לעגירטער. דערזעענדיק שאָקאָלאַד צינדט זיך אָן אין די בלויע אייגעלעך אַ גרין פייערל, ניט קיין שלעכטס, ניט קיין קנאַהדיקס, נאָר אַ כיטרע. מישאַ נעמט פאַמעלעך דעם שאָקאָלאַד וואַרפט אויף מיר אַ שעלמישן בליק און ווערט פאַרשוואונדן ווי דעמלט צווישן הילצערנעם געוועב.

— ס׳וועט שוין דאַרט ווייניק וואָס בלייבן — זאָגט די דירעק־טאָרשע נאָך זיין אוועקגיין.

— מיינסט?

— כ׳מיין ניט, כ׳ווייס.

אויף מאָרגן ווען כ׳האָב זיך געלאָזט צו דער קאַמער מיטן שלי־סל אין דאַנט האָט מאַרוסיאַ, די דירעקטאָרשע, זיך הוזקדיק צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

— דאַרפסט ניט דעם שליסל — לאַכט זי אַ צוטרידענע — ס׳איז אָפן.

— ווער האָט געעפנט?

— די מיליץ. כ׳האָב גערופן עפענען און אַרויסלאָזן מישאַן. זיך אַנגעגעסן און איינגעשלאָפן.

אויף דער מיליץ האָט מיך אויפגענומען אַ לייטנאַנט, אַ יונגער. אויסגעזען אַ באַקאַנטער. נאָך דעם זיך דערמאָנט. ער האָט געסאַמעוועט מיט מיינע פאַרשטעלונגען וועגן „נאַראָדנאָוואָלצעס“. געפרעגט וואָס איך דאַרף. כ׳האָב אים געזאָגט אַז ס׳וויל זיך מיר אַ שמועס טאָן מיט מישאַן. אַזוי זיך, הערן וואָס ער וועט זאָגן.

— פסיכאָלאָגיע, האָט געזאָגט דער לייטנאַנט מיט אַן איראָנישן טראָפּ אויף די קאָמעצן. קיין פּסיכאָלאָגיע פעלט אים ניט. אַ גליק וואָס קיין שול און היים וויל ער דערוויל ניט. די מלחמה בושעוועט און ער וויל זיך דערווייל אליין אַן עצה געבן... אויב דו ווילסט מיט אים דווקא שמועסן, זאָגט ער איראָניש, אייל זיך אויפן וואָקזאַל. אויב זיין באַן איז נאָך ניט אָפּגעפאָרן איז מעגלעך זאָלסט אים געפינען.

צוליב וואָס כ'דערצייל עס? סתם אזוי. אפשר כדי מ'זאָל זיין נאָ־מען ניט פאַרגעסן. ס'וואָלט געווען אַ שאָד.

מער ווי אַ שאָד. כמעט אַ זינד.

דער אלטער פּאַרטיזאַן. טאַנצן פלעגט חנא באַלכסונדיק, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ. איבער פון אַן אלטן אַסירישן באַסאָרעליעף אַראָפּ־געגענידערטן לאַנגן, אויסגעמאָגערטן, ביינערדיקן געשטאַלט האָט זיך געטראָגן שטאָלץ דער בלייכער סעמיטישער פּראָפיל באַזוימט מיט אַ געדיכטער פעך־שוואַרצער באָרד פון אונטער וועלכער ס'האָט מלכותדיק אַרויסגעקוקט אַ געוואָלדיקער קנאָפּ — דאָס אדם הראשון עפּעלע.

חנא'ס אדם הראשון עפּעלע, צו דערקענען צווישן צען טויזנט.

געטאַנצט האָט חנא מיט אַנדערעוולטיקער התלהבות. און ווייל ס'איז געווען הושענא רבה, פלעגן חסידים קוקן מיט באַזונדערן יראת — הכבוד. ס'פלעגט געשען דער רבי זאָל אָפּטאָן אויף אַ רגע די האַנט פון שטערן, וואַרפן אַ בליק אויף חנא'ן און איינרוימען דעם נעבן אים זיצנדיקן חסיד, אַז ס'איז כי טוב. חנא האָט דעם גמר־חתימה אין קעשענע. דעמלט האָט דער יראת־הכבוד ניט געקאָנט מ'ער האַמעווען דעם עולם, די התלהבות האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער די ברעגעס, איבערגעשווענמט דעם הויף און געשטורעמט די גאַסן.

נאָך דעם הושענא־רבהדיקן טאַנץ פלעגט חנא פאַרשווינדן אויף אַ גאַנץ יאָר. ער פלעגט שטיין ביים פלאַמענדיקן אויוון, באַקן ברויט פאַר אַ גאַנץ שטעטל, געקלעקט האָט עס קוים אויף צו האָדעווען ווייב און קינדער, אויף צו קויפן פון שמיטה צו שמיטה דעם ווייב אַ קלייד און זיך אַ קאַפּאָטע, און יעדעס יאָר אַ באַן־בילעט צו פאָרן פאַרברענגען סוכות ביים רבין. פאַר וואָס סוכות? אפשר איז דער מיין כּוון סוכות באַשטאַנען טאַקע אין הושענא־רבהדיקן טאַנץ, אין די פאַר מינוטן אמתער עבודה אין וועלכע מ'האָט געקאָנט אַרויסקריגן דעם גמר חתימה פאַר אַ גאַנצער עדה.

אזוי א יאָר, אזוי צען, ביז... ביז ס'האָט אָנגעהויבן די מלחמה.

ס'איז ניט געווען די ערשטע, האָט מען זי אויפגענומען ווי מ'נעמט אויף מלחמות, ניט פארלירנדיק דעם בטחון. זענען אָבער געקומען חילות און אָנגעהויבן מלחמה האלטן גאָר מיט אומבאוואפנטע יידן. האָבן זיי געפירט הינטערן שטעטל איין טאָג דרייסיק, דעם צווייטן טאָג דריי און פינפציק דעם דריטן אכט און זעכציק. געפירט האָט מען קליין און גרויס מיט רידלען אויף די אקסל, אומגעקערט האָבן זיך נאָר די ריסקעלס, אָנגעוואָרפענע אין א פויעריש איינפערדיק וועגעלע.

„זע נאָר זע, האָט געטראכט חנא, איין פעדל טוט אָפּ די ארבעט פון דרייסיק און אכט און זעכציק", און באשלאָסן אז ער וועט דעם ריסקל ניט נעמען. ווען מ'האָט אָנגעקלאפּט האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר באלכסונדיק, מיט לייכטע טריט, מיט א בלייכער ווי געווייסלטער פּנים, מיט א שווארצערער ווי געוויינטלעך באָרד, פארריסן דעם קאָפּ, נאָך מער ארויסגעשטעלט דאָס אדם הראשון עפּעלע. ניט טראכטנדיק אז דאָס קערט ער זיך אום צוריק אויף דעם אלטן אסירישן באסאָרעליעף, האָט ער אראָפּגענומען די קייט, צעפּראלט די טיר און צוויי מאָל געשאָסן פון זיבעציקיעריקן פּיסטאָלעט. די דריטע קויל איז געבליבן אין בארא‌באנטשיק (אין דריי-פּעסעלע) ווייל ס'האָבן אים ניט געקלעקט די כוחות נאָך א מאָל א קוועטש צו טאָן אויפן צינגל. אנידערגעפאלן צווישן די צוויי פון אים דערשאָסענע זעלנער האָט ער אויסגעזען ווי יעזוס צווישן די צוויי פארברעכער. דער פינגער האָט זיך לאנגזאם אויסגעגלייכט און געטייטלט צום הימל.

וואָס דער הענטשעשטער חנא דאליצקי האָט געוואָלט לערנען דעם הימל ווייסט עד היום קיינער ניט.

אפשר ווייסט עמעצער יאָ, נאָר ער שעמט זיך פארן הימל דאָס ארויסצורעדן...

# דער הספד

מיין פריינד האָט באַקומען אַ פּאָסט־קאַרטל פון זיין עלטערן ברודער. די שווערער אונדזערע, שרייבט ער, האָט שוין אויפגעגעבן דאָס קלייטל. שווער געוועזן איר זיך צו טיילן דערמיט, נאָר געמוזט. מער קיין כוח נישט געהאַט דערצו. זאָגט מיין פריינד אַ ביסעלע פאַרטראַכט: ס׳קומט אַ טאָג ווען מ׳מוז אויפגעבן. ווייטער שרייבט דער ברודער: הצור תמים פעלו. וואונדערט זיך מיין פריינד: וואָס גאָר פּלוצים? די טראַגעדיע פון אויפגעבן דאָס מישטיינסגעזאָגטע קלייטל, מיט דריי פּאָר שיך־בענדלעך און צוויי קלעצלעך צווירן, שיינט מיר נישט צו זיין אַזוי גרויס אַז מ׳זאָל נוצן אַזעלכע ווערטער. ער טרייבט איבער, מיין ברודער. אַ חידוש, ס׳איז נישט זיין טבע, קיין מגזם איז ער נישט. איך דאַוון נאָך אַלץ אין דעם זעלבן שילעכל, שרייבט ער. וואונדערט זיך ווידער מיין פריינד: אַזוי פיל יאָרן אין דעם שילעכל, פאַר וואָס זאָל ער דאָס פּלוצלינג פאַרלאָזן? מאָדנע וואָס ס׳פאַלט אים איין. נעכטן, שרייבט דער ברודער ווייטער, כ״ג אָב, האָב איך געזאָגט אַ קדיש. ס׳איז געוואָרן שלושים זינט דיין חבר ירחמיאל הירש האָט זיך געפעלט, געטרייסט זאָלסטו זיין...

מיין פריינד פאַרמאַכט די אויגן, ציט שווער די לופט, גיט אַ טיפן קרעכץ, לייגט צוזאַמען די הענט ווי צו אַ תפילה און איך פיל זיך אַן איבעריקער. ער עפנט די אויגן און זיין בליק שפּאַנט איבער מיר נישט באַקאַנטע וועגן. באַגלייטן אים איז מיר נישט מעגלעך. זיץ איך און וואַרט, ווען ער וועט זיך אומקערן זאָל ער נישט געפונען די שטוב אַ פּוסטע. אפשר וועט זיך אים וועלן אַרויסרעדן אַ וואָרט, זאָל ער האָבן צו וועמען.

אַ פריינד פון קינדער יאָרן. מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר, שעפּטשעט מיין חבר. אַ זייער באַגאַבטער, גיט ער צו נאָך אַ לאַנג שווייגן. פאַרשטייסט, זאָגט ער, זאָל דאָס זיין אַ מין הספד. שווייגט ווידער אַ ווײַלע. נעמט ער זיך צו עפּעס איז מיט לייב און לעבן, מוז ער דערגיין ביז צום יסוד, און זיין בליק שפּאַנט ווידער אויף פאַר מיר אומבאַקאַנטע וועגן. אים דאַכט זיך אַז איך באַגלייט אים, אַז זיין חבר׳ס לעבן וויקלט זיך אָפּ פאַר ביידע, פאַר אים און אויך פאַר מיר.

ס׳גלויבט זיך קוים, זאָגט ער, און מיר דאַכט זיך אַז כ׳געפין זיך דאָס ערשטע מאָל פאַר אַן אמתן הספד. אפשר ווייל ער האָט אין זיך עפּעס פון תחית המתים.

דאָס וואָס מ׳דערציילט און דערצו נאָך אַ ביסעלע איבערגעפּעפּערט אַז ווען אדם־הראשון האָט אויפגעעפנט די אויגן, זיך אויפגעהויבן אויף ניט מער ווי צוויי פיס, אויסגעצויגן די ביינער אַז זיי האָבן אַזש געטרעש־טשעט, זיך ארומגעקוקט אויפן וועלטל אויף וועלכן מ׳האָט אים אַראָפּ־געלאָזט און אַ זאָג געטאָן מיט פאַרגעניגען: בין איך הייסט עס דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט, און אין דער זעלבער מינוט דערהערט אַ ווידערקול: ניעט! איז זיכער אַ ליגן. ערשטנס ווייל ס׳איז קיין מאָל קיין ערשטער מענטש אויף דער וועלט ניט געווען און צווייטנס... נאָר וואָס טויג צווייטנס ווען מיט דעם ערשטנס איז די והותר?

אמת איז אָבער יאָ, אַז שטענדיק זענען געווען מענטשן וועלכע האָבן די ערשטע ארויסגעזאָגט אַן אמת. וואָס דאַרף מען מער ווי דאָ ניט לאַנג דעם איטאַליענישן פּאָליאַק גאַליליי־קאָפּערניק, אָדער דעם פּוילישן איטאַלי־ענער קאָפּערניק־גאַליליי, וועלכער זאָל געווען דער ערשטער האָבן געזאָגט אַ גוואַלדיקן אמת טאַקע וועגן דעם אַז אונדזער וועלטל דרייט מיט אונדז אַזוי ווי עס דרייט? צי למשל אַזאַ איינער ווי קריווין?

שטודירנדיק די כראָנאָלאָגיע פון אַלע מענטשן וואָס האָבן די ערשטע געזאָגט געוויסע אמתן, איז דער גרויסער חכם — מיטוועמענס נאָמען ס׳וויל זיך כאַרשפּאָרן די באַלאַסטונג ווייל ער שרייבט זיך אויף ניט ווייניקער ווי אכצן שורות און ווייל זיין באַשיידנקייט איז געווען אַזוי גרויס אַז ער האָט פאַרזאָגט מ׳זאָל אים קיין מאָל ניט דערמאָנען — געקומען צום אויספיר אַז כמעט אַלע גרויסע אמתן זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַ גע־וויסער לייכטקייט פון געדאַנק, און אַלע האָבן געהאַט אַלס הויפּט-טעמע טאַקע די וועלט. דערגאַנגען איז ער ביז לאָ (צו יענער צייט ווען לאָ האָט געלעבט איז דער רוב נעמעז געווען איינזילביק). לאָ איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט געזאָגט אַז די וועלט איז אומענדלעך.

מיט ווייסנשאַפטלעכער גענויאיקייט האָט דער חכם אויך פעסטגע־שטעלט אַז שוין דעמלט האָט מען פאַרמשפּט, פאַר זיין דער ערשטער וואָס זאָגט ארויס אַן אמת, צום טויט. האָט זיך אים געוואָלט פעסטשטעלן ווען דאָס איז געשען, זינט ווען באַגלייט דעם אמת דער הענקער, איז אָבער זיין טירחא געבליבן כמעט אַן אומזיסטיקע. קלאָר אים געווען נאָר איינס אַז די יאָרן זענען פאַרצייכנט מיט זעקסן. נאָר צי ס׳איז געשען מיט 66,666 יאָר צוריק אָדער גאָר מיט 666.666 יאָר צוריק, איז געווען

אומעגלעך פעסטצושטעלן. קלאָר איז אים אויך געוואָרן אז מ'טאָר חס וחלילה ניט צושטעלן קיין נול. טאָמער שטעלט מען צו א נול איז עק וועלט. איבערראשט האָט אונדזער חכם דאָס וואָס שוין צו יענע צייטן האָט די מענטשהייט ארויסגעוויזן גרויס דרך־ארץ פאַר די וואָס האָבן געוואגט צו זיין די ערשטע אויף צו זאָגן אן אמת און נאָך זייער טויט זיי באַ-שאָנקען מיט באזונדערן כבוד. אזוי צום ביישפּיל האָט מען אויפן קבר פון דעם וואָס האָט געזאָגט אז די ערד איז פלאַטשיק, ווי למשל א טעלערל אויפגעהויבן א קיילעכדיקן בארג פון 666 איילן די הייך אויפן קבר, פון דעם וואָס האָט באהויפּט אז די וועלט איז קיילעכדיק האָט מען אויסגעבויעט א פּירעקיקע מצבה פון 333 פיס ניט אָפּגעבנדיק זיך חשבון אז דערמיט האָט מען אים אָנגעטאָן גרעסערע ליידן ווי מיט דעם פאַרמשפּטן צו טויט. האלבן די ציפערן קומט אויס דאָס זעלבע ווי העלפטן די וועלט, זי טיילן אויף צוויי אין א צייט ווען מ'האָט ניט קיין מעגלעכקייט אויס-צוגעפינען פינקטלעך דאָס פּלאַץ פון איר באהעפטונג.

א לאנגע צייט האָט אונדזער חכם אָפּגעגעבן אויף צו געפינען מיט וואָס מ'האָט באַשאַנקען דעם ערשטן אמת-זאָגער און דאָס נאָר דערפאַר ווייל ער האָט געזוכט עפּעס אימפּאָזאנטס, כמעט ניט דעם עווערעסט. ווען ער האָט זיך געכאַפּט אז זוכן מוז מען אויך צווישן באשיידענערע חפצים, האָט ער אויסגעפונען אז די עלטער פון ערשטן אמת-זאָגער איז די זעלבע ווי פון ברילי'אנט. פאַרשטייענדיק אז טאקע דערמיט האָט מען אים באשאָנקען האָט עס ביי אים ארויסגערופן אן אומענדלעכע קנאה צו דער ראפינירטקייט פון יענע צייטן.

...די געשיכטע איז געקומען אויפן רעיון, ווען דער רב הצדיק שליטא האָט געזאָגט — מיט א ביסעלע שאָדנפרייד — אז יידיש מוז אונטערגיין און ס'האָט זיך ניט געפונען עמעצער וואָס זאָל אים באשטראָפן פאַר דעם אמת אויב ניט מיט סקילה, אָדער תליה, איז כאָטש מיט גירוש.

אפשר דערפאַר ווייל אפילו מיט דעם אמת און מיט דער רשעותדיקער שאָדנפרייד איז ער אויך ניט געווען דער ערשטער.

אפילו קרושעוואַן איז אויך ניט געווען דער ערשטער.

# אין רוים צו פוסנס דעם טריאומף-בויגן

זיידע נח, ס'איז היינט א יאָר זינט א ווילדער נייגער האָט מיך פאַרוואָרפן אויף דער וואָר אָדער אין חלום אין דער אייביקער שטאָט רויב. כ'בין געשטאַנען צו פוסנס דעם טריאומף-בויגן פון מיין חרובמאַכער און די געדאַנקען האָבן געטראָגן צו דיר דעם אמווייניקסטן יידישן פון אַלע מיינע זיידעס. נאָך ווייניקער דאַכט זיך אפילו פון אָדמען, דעם פון ליים געקנאָטענעם. אפשר דערפאַר ווייל ס'האָט מיך דערמאָנט אין „מאין באתה" האָט דער געדאַנק נישט געטראָגן צו אדמען. ער איז דאָך דער איינציקער וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער „טפה סרוחה". אפשר האָט דער געדאַנק געטראָגן צו דיר ווייל שטייענדיק צו פוסנס דעם שטיינערנעם בויגן זענען ניט מחשבות געווען דיע וואָס האָבן געפעלט, נאָר גאָר א גלעזעלע שטאַרקער בראָנפן. ניין, זיידע נח, פאַר וואָס דווקא צו דיר ווייס איך נישט, פאַר וואָס דווקא צו דיר איז מיר שווער צו פאַרשטיין. איינס ווייס איך יאָ: זינט יענעם טאָג זענען מיינע חלומות געוואָרן יידישלעכערע.

קומט עס אויס סתירותדיק, אויף להכעיסדיק.

היינט א יאָר זינט כ'האָב עובר געווען במזיד אויפן פאַרבאָט ארונ-טערצוגיין אפילו אויף א רגע אונטער דעם כאַרשאָלטענעם בויגן וואָס האָט געזאָלט פאַראייביקן מיט ליים און שטיין אונדזער דעמאָלטיקע מפּלה, און אין יענער מינוט האָט דער געדאַנק געטראָגן נישט צו די זיידעס וועלכע די מאַמע פלעגט דערמאָנען יעדן שבת-צו-נאַכט מיט תפילהדיק צוגיפגעלייגטע הענט, נישט צו די זיידעס וועמענס אייניקלעך און אוראיי-ניקלעך מ'האָט געוואָלט פאַרלענדן, אויסמעקן זייער געדעכעניש און טאַקע דערמיט דאָס פאַראייביקט. ניין, נישט צו יענע זיידעס האָט געטראָגן דער געדאַנק נאָר גאָר צו דיר, דעם שטענדיק אויף א כּאָס וויין רייטנדיקן. צי איז נישט אַמאָל די סתירה פון בויגן שולדיק אין סתירותדיקייט פון גע-דאַנקען-פלי? צי גאָר די נצחון-שורות פון יענע וואָס טראָגן עד היום די מנורה, אָדער דער עכאָ פון טריאומף-געשריי וואָס צאַפּלט ווי א בייז פליגעלע צווישן די שווערע שטיינער?

ניין זיידע, זיך פונאַנדערקלויבן אין געמיש פון אָט די סתירות קאָן איך נישט. איינס ווייס איך זיכער: זינט יענעם טאָג זענען מיינע חלומות געוואָרן, שיינט מיר, יידישלעכערע.

קומט אויס אז אזוי דארף טאקע זיין, אז אזוי איז נאטירלעך, אזוי פירט זיך די וועלט. וואָס זשע באַאומרואיקט אזוי די נשמה, זיידע נח?

דאָ, צו כּוסנס דעם זעלבן בויגן האָבן בארבארן געפּענטעט זייערע פערד, אונטער דעם זעלבן גלאָק האָבן געברענט זייערע שייטערס. לייט און שטיינער האָבן איינגעזאַפּט דעם ווילדן רויך, אים געלאָזט דויערן יאָרהונדערטער גלייך זיי זאָלן דערמיט פארצייכענען א גרויזאַם אַנזאָ־געכץ. וואָס האָבן זיי געוואָלט דערמיט זאָגן? איז עס נישט געווען צו מאָל אַן אַנצוהערעניש אז דער נאָכוואוקס פון די זעלבע בארבארן שבטים וועט זיין דער אויספירער פון ווילן צו פארוואנדלען די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די שבת־צו־נאָכטיקע זיידעס אין רויך? בין איך גע־שטאנען א דערשיטערטער און קוים באמערקט אז א קינדיש הענטל האָט געקריצט דעם רויך פון די שטיינער — פּונקט אנטקעגן די מנורה־טרעגער געדאלבעט מיט א טשוועקל די אייביקייט און פארזיכערט ווייטערע צוויי טויזנט יאָר מיט די ווערטער: עם ישראל חי...

ווייזט אויס אז דעמלט ווען כ׳האָב דערפילט אין מיר די פרייד פון קינדס כמעט נישט יידישער העזה און געוואגטקייט איז מיין געדאנק געפלויגן צו דיר, זיידע נח, צו דיר דעם אמווייניקסטן יידישן פון אלע מיינע זיידעס, ווייל דו, דער פאָטער פון אלע פעלקער, פון אלע אומות.

זאָל אויך אין דעם זיך געפינען דער קוואל פון אומרו? מעגלעך.

איז אָבער א קשיא: פאר וואָס זענען דווקא זינט יענעם טאָג מיינע חלומות געוואָרן יידישלעכער?

# אותיות מחכימות

בכבודיקער אלף בית, האָט מען דיך ניט אויסגעפּונען, כדי זאָלסט זיין דער זכרון און די נביאות פון דער וועלט? איר נעכטן און מאָרגן? פאר וואָס זשע שטייסטו ניט אויף דיין פּלאַץ א פון אלף ביז תּאָוויקער? פאר וואָס פארמישסטו די יוצרות? וואָס איז דאָס פאר א טאנצן און שפּרינגען ווי א צירק־שפּילער, פריילעך־מאכער, אָפּשפּעטער, שרעקלעך — כעלקעריש, גאָט ביי טאָגיק און ממזריש רמזימדיק ביי נאכט? פון וואנען די פּרעטענציע צו וויסן דעם אמתדיקסטן אמת פון אלע אמת־זאָגערס? מיינסט אוודאי אז קאָנסט זיין אויך שם־המפורשדיק? ס'איז א חוצפּה. ווייסטו אפילו אזוי פיל ניט, אז חוצפּה האָט מען ניט ליב, אז חוצפּה ווערט פארשאָלטן, הן פון רעכטס, הן פון לינקס?

פון אזוי פיל קשיות בלייבט דער אלף־בית א רגע א צעחושטער, און פרעגט: וואָס איז אזוינס חוצפּה?

# אינהאלט


„אותיות מחכימות“ (אריינפיר) ... 5
ס'איז קיין מאָל ניט געשען (כמעט א ראָמאן) ... 11
נפשל פארלירט דעם נאָמען ... 135
זומערשפּרענקעלעך און בלוטסטראָפּן: ... 153
— פּאָר געזונט ... 154
— משהלע ... 155
— אויף צוויי חתונות ... 156
— די זינד פון יענער נאכט ... 158
— טשיקאווע ... 159
— געפּסלטע מיתת נשיקה ... 162
— ווי אזוי ווער ... 166
— וויין טראָפּן ... 169
— זומערשפּרענקעלעך ... 176
— סכך אויפן דאך ... 181
— רבי ציגעלע ... 187
— צוויי פּארטיזאנען ... 192
— דער הספד ... 198
— אמתן ... 199
— אין רוים צו פוסנס דעם טריאומף-בויגן ... 201
— אותיות מחכימות ... 203

# פונעם זעלביקן מחבר

## זענען דערשינען:

„זומערדיקע נעכט" — (דערציילונגען אין רומעניש), 1970.

„צו פיל אין איין וואָך" (דערציילונגען), 1974.

## גרייט צום דרוק

„דאָס שוויַיגנדיקע יאָרהונדערט" (דערציילונגען).

לעקטאָר: וואָלף טאַמבור

טעכנישער רעדאַקטאָר: שט. לעפּאָיעוו.

---

דרוק־פּעאיק: 31.10.1977. דערשינען 1977.
פאַרלאַג־בויגן: 10,12; דרוק־בויגן: 13.
פאָרמאַט: 16/84×54. פּאַפּיר: הויך־דרוק A
108/72,6×84. טיראַזש: 20+10+65+400

---

באַשטעלונג נומער 1148. פּאָליגראַפישע אונטער-
נעמונג „13טער דעצעמבער 1918“. בוקאַרעשט.
סאָציאַליסטישע רעפּובליק רומעניע

HAIM GOLDENȘTEIN

# NUVELE ȘI SCHIȚE

(în limba idiș)

EDITURA KRITERION
BUCUREȘTI 1977